STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06481

# FUN VAYTN AMOL UN HAYNT

Morris Goldowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאָרים גאָלדאָווסקי

•

# פון ווייטן אַמאָל
# און היינט

מאָריס גאָלדאָווסקי

# פון ווייטן אַמאָל און היינט

מיינע 60 יאָר לעבן און קאַמף
אין דער אַרבעטער־באַוועגונג

ארויסגעגעבן דורך א קאָמיטעט
ניו־יאָרק, 1959

MORRIS GOLDOWSKY

# Fun Waytn Amol Un Haynt

Copyright, 1959
by Morris Goldowsky
New York, N. Y.

Printed in the United States
Futuro Press, 476 Broadway, New York 13, N. Y.

200

# אינהאַלט:

זייט


פאָרוואָרט פון נ. כאַנין — — — — — — — — — — — — — — 3

באַגריסונג פון מאָריס קאָוולער — — — — — — — — — — — — 5

מאָריס גאָלדאָווסקי — אַ גאַנצער טרייד־יוניאָניסט און סאָציאַליסט — פון י. פאָגעל — — — — — — — — — — 7

פאָרוואָרט פון מחבר — — — — — — — — — — — — — — — 9

ערשטער טייל: קינדער־יאָרן — — — — — — — — — — — — 11

צווייטער טייל: אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — — — — — — — — — — — — — — — 37

דריטער טייל: „גרינע יאָרן” אין אַמעריקע — — — — — — — — 77

פערטער טייל: ביים בויען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג 111

פינפטער טייל: סך־הכלען פון אַ לעבן — — — — — — — — 237

# אַ פאָרוואָרט

מיט גרויס אינטערעס האָב איך געלייענט דעם מאַנוסקריפּט פון גענאָסע מאָריס גאָלדאָווסקי.

איך בין אַ ליבהאָבער פון זכרונות. יעדעס בוך אָדער מאַנו־סקריפּט פון דעם מין וואָס פאַלט אַריין אין מיינע הענט לייען איך מיטן גרעסטן אינטערעס. אַ ספּעציעלן אינטערעס האָב איך צו זכרונות פון מענטשן, וועלכע קומען פון שאָפּ אָדער וועלכע זיינען געוועזן און זיינען אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. די סיבה פון מיין ספּעציעלן אינטערעס ליגט אפשר אין דעם, וואָס דאָס לעבן וואָס זיי זיינען אַדורכגעגאַנגען איז אין אַ גרויסער מאָס אויך מיין לעבן.

די מערסטע זכרונות פון דעם מין וועלכע איך האָב געלייענט, זיינען פון מענטשן וועלכע האָבן אָנגעפאַנגען זייער טעטיקייט אין דער אַלטער היים אין דער סאָציאַליסטישער אָדער אַנדערע רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונגען, זיי זיינען שפּעטער געקומען קיין אַמע־ריקע און זיי זיינען געבליבן געטריי דער אַרבעטער־באַוועגונג און זיי האָבן דאָ מיט דער זעלבער סאָציאַליסטישער באַגייסטערונג פאָרגעזעצט זייער טעטיקייט ווי אין דער אַלטער היים. מאָריס גאָל־דאָווסקי פאַנגט אָן זיינע מעמואַרן פון זיינע קינדער־יאָרן: אַ ייִנגל פון אַ פרום יידיש הויז איז ער געוואָרן אַ סאָציאַליסט; גראָד אין יענע צייטן — און אין דעם פאַל איז ער געוועזן אַן אויסנאַם — ווען דער סאָציאַליסטישער געדאַנק צווישן די יידישע אַרבעטער איז באַהערשט געוואָרן דורכן „בונד״, איז ער גאָר געוואָרן אַקטיוו אין דער „גוישער״ סאָציאַליסטישער באַוועגונג וועלכע איז ביי אונדז אין ליטע געוועזן באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „איסקראָ״. לויט זיינע באַשרייבונגען איז ער געוועזן זייער אַקטיוו און איז דורכ־

געגאַנגען אַלע וועגן פון אַ רעוואָלוציאָנער פון דער אַלטער היים: טורמע, סיביר, א.אַ.ז״וו.

ווען ער איז געקומען אין אַמעריקע און איז געוואָרן דאָ אַ פּרעסער, האָט ער זיין גאַנץ לעבן געווידמעט דער „אינטערנעשאָ־נעל״.

ווען איך לייען מעמואַרן, איז פאַר מיר ניט וויכטיק צי אַלע פאַקטן זיינען היסטאָריש פּינקטלעך, ווייל איך בין זיכער אַז אַלע פאַקטן און פּאַסירונגען האָט ער באַשריבן אַזוי ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט און זיינען פאַרבליבן אין זיין זכרון. און דאָס גיט אַ ווירקלעך בילד פונעם מענטשן און פון זיין לעבן.

געלייענט האָב איך יעדעס קאַפּיטל מיט גרויס אינטערעס. יעדער קאַפּיטל האָט אָפּגעפרישט אין מיין זכרון זייער אַ סך מאָ־מענטן פון אונדזער לעבן און קאַמף אין די פאַרגאַנגענע 50 יאָר, נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט איז עס אַן אינטערעסאַנט בוך און לעזט זיך מיט גרויס אינטערעס.

די סאָציאַליסטן פון דער אַלטער היים, די אַקטיווע טוער אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר די לעצטע 50 יאָר און אויך די קלאָוקמאַכער וועלן לייענען דאָס בוך מיט גרויס אינטערעס.

**נ. כאַנין**

# אַ באַגריסונג

צו דער געלעגנהייט פון דערשיינען פון דעם בוך זכרונות פון אונדזער ברודער מאָריס גאָלדאָווסקי, איז מער ווי רעכט, אַז דער מענעדזשער פון דער קלאָוק־פּרעסערס יוניאָן, לאָקאַל 35, וואו גאָלדאָווסקי האָט פאַרבראַכט אַלס באַאַמטער אַ סך יאָרן, זאָל אים באַגריסן מיט זיין אויפטו צו באַשרייבן אין אַ בוך זיין פערזענלעכע לעבנס־געשיכטע, וועלכע איז ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון אונדזער קלאָוקמאַכער יוניאָן און פון אונדזער לאָקאַל 35.

דאָס לעבן האָט אונדזער ברודער מאָריס גאָלדאָווסקי באַשענקט מיט דער מתנה צו זיין אַ באָאַבאַכטער מיט אַ גוט געמיט; צו קענען זיך איינלעבן און באַפריינדן זיך מיט מענטשן — און מיטאַרבעטן אין די פאַרשיידענע טרייד־יוניאָנס און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואו אים איז אויסגעקומען צו זיין איינער פון די פירערס אָדער אַקטיווע מיטאַרבעטער. אַלס אַזעלכן, מיט זיינע גוטע אייגנשאַפטן, געדענק איך אים אַלס באַאַמטער פון אונדזער קלאָוק־פּרעסערס לאָקאַל 35, פון וועלכן ער האָט שוין אויפגעגעבן זיין אַרבעט די לעצטע עטלעכע יאָר, נאָך צענדליקער יאָרן פון אַקטיוויטעט.

עס קאָן זיין, אַז מאָריס גאָלדאָווסקי איז דער פּאַסיקסטער מענטש איבערצוגעבן געשיכטלעכע פאַקטן פון דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, ווייל אין די איבער 4 צענדליק יאָר, וואָס איך אַליין בין פאַרבונדן מיטן לאָקאַל 35, איז באמת ניט געווען קיין איין וויכטיקער מאָמענט אַרום אונדז, וואו גאָלדאָווסקי איז ניט געווען דירעקט באַטייליקט; אַזוי קען מען ניט פאַרבייגיין דעם גרויסן, היסטאָרישן קלאָוקמאַכער־סטרייק פון 1910, און ניט טרעפן דאָרטן

גאָלדאָווסקי. קומען מיר צום יאָר 1916, דאָס יאָר פון קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן — איז אויך דאָ באַטייליקט זיך גאָלדאָווסקי. קומט מען צו דער שווערער און ביטערער צייט פון שטרייטיקייטן אין דער דעמאָלט שוין אויפ־געבויטער קלאָוקמאַכער־יוניאָן באַגעגענען מיר אויך דאָ גאָל־דאָווסקי. די „יידישע געווערקשאַפטן", וואו גאָלדאָווסקי איז איצט פרעזידענט, האָט ער אויך געהאָלפן אין דער אַרבעט אויף אַלע געביטן במשך פון לאַנגע יאָרן פון זייער עקזיסטענץ.

איצט, ווען מען שליסט אָפּ יענעם האַלבן יאָרהונדערט, די „גאָלדענע עפּאָכע" פון אויפבוי און קאַמף, דערשיינט מאָריס גאָל־דאָווסקי ווי איינער, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין יעדן קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן דאָ אין אַמעריקע; פּונקט אַזוי ווי ער האָט עס אָנגעפאַנגען פון זיין פריער יוגנט אין צאַרישן רוסלאַנד... דערפאַר באַגריסן מיר אים דאָ אין נאָמען פון דער יוניאָן און אין אייגענעם נאָמען צום דערשיינען פון זיין בוך — אַ באַשרייבונג פון דער אַוועקגעגאַנגענער עפּאָכע. דאָס בוך פאַרדינט זיכער, אַז יעדער ווער עס האָט נאָר אַן אינטערעס פאַר יענער צייט, זאָל זיך נעמען די מי עס איבערצולייענען.

**מאָריס קאָוולער,**

מענעדזשער פון קלאָוק, סוט, סקוירט און ספּאָרטוועער
פּרעסערס יוניאָן, לאָקאַל 35, א. ל. ג. וו. י.

# מאָריס גאָלדאָווסקי — אַ גאַנצער טרייד־יוניאָניסט און סאָציאַליסט

אַזוי ווי מאָריס גאָלדאָווסקי האָט אַ גרויסן טייל פון זיין שעפע־רישן לעבן געווידמעט דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג וועלן מיר, שילדערנדיק זיין סאָציאַליסטישע אַקטיוויטעט, נוצן אַן אינדוסטרי־עלן פאַרגלייך.

אין די גאָדל־טריידס איז גוט באַוואוסט אַזאַ טערמין ווי סעקשאָן־אַרבעט, דאָס איז די סיסטעם פון פּראָדוקציע, וואו יעדער טייל פון דעם „גאַרמענט" ווערט געמאַכט דורך אַנדערע הענט. די אָפּעראַציע קען מען זיך אויסלערנען איינס און צוויי און עס נויטיקט זיך ניט פאַר דעם קיין פאַכמענישקייט. אָבער דער אַלטער טיפּ שניידער, וועלכער איז געווען קוואַליפיצירט אין זיין מלאכה, האָט געקענט דעם „גאַרמענט" פון אַלף ביז ת און ער האָט באמת אַריינגעטאָן אַ סך קענטעניש און קונסט אין זיין ווערק.

מיר נוצן דעם פאַרגלייך ווען מיר טראַכטן וועגן גאָלדאָווסקין. זיין סאָציאַליזם איז ניט קיין סעקשאָן־אַרבעט־אָפּעראַציע, ער דער־פילט ניט זיינע סאָציאַליסטישע פליכטן שטיקלעכווייז, ער איז אַ גאַנצער סאָציאַליסט אָן אָפּנויגן און אָן תירוצים.

גאָלדאָווסקי קומט פון דעם פּרעסער־חדר. פּרעסער, ווי באַ־קאַנט, זיינען פּראַקטישע, פּראָזאַאישע ברידער און זיי זיינען קיין מאָל ניט געשטרויכלט געוואָרן מיט זינדיקן אויפן געביט פון זיין בעלי־חלומות און סתם אַזוי סאָציאַליסטן. גאָלדאָווסקי איז אָבער אין דעם פּרט אַ זעלטענער אויסנאַם: ער האָט אַלע מאָל געקעמפט פאַר פּראַקטישע זאַכן, און אין דער זעלבער צייט האָט ער אין די פּראַקטישע ענינים אַריינגעטאָן זיין גלויבן אין אַ נייער סאָ־ציאַליסטישער אָרדענונג. ער האָט געקענט רעדן מיט באַגייסטע־

רונג וועגן „רעיזן די ווידזשעס״, ווי קלאָוק־פּרעסערס דריקן זיך אויס, און באַלד נאָך דעם רעדן מיט עקסטאַז אויף אַן ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע.

גאָלדאָווסקי האָט אין זיין פּערזאָן אַלע מאָל געשאַפן אַ סינטעז צווישן דעם פּראַקטישן טרייד־יוניאָניסט און דעם וויזיאָנערישן סאָציאַליסט. עס זיינען טאַקע אָט די צוויי אייגנשאַפטן וואָס האָבן גורם געווען אַז אונדזער באַוועגונג זאָל שלאָגן וואָרצלען אין דעם יידישן פאָלקס־לעבן אין אַמעריקע.

דער וועג וואָס גאָלדאָווסקי גייט זיין גאַנצן לעבן איז אייגנט־לעך דער וועג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. עס איז דער דרך פון פאַרבינדן פּראַקטישקייט מיט טרוימערישקייט, ברויט מיט רויזן, די האַרטע ווירקלעכקייט מיט דער וועלט פון דער צוקונפט.

גאָלדאָווסקי, אַלזאָ, איז ניט קיין סעקשאָן־סאָציאַליסט, נאָר אַ גאַנצער סאָציאַליסט, 24 שעה אין מעת־לעת.

איך בין זיכער אַז זיין בוך וואָס אַנטהאַלט זיין פאַרבנרייכע ביאָגראַפיע שפּיגלט אָפּ אויף אַ בולטן שטייגער דעם גאַנצן גאָל־דאָווסקי.

ווען אונדזער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג וואָלט געהאַט מער גאָל־דאָווסקיס וואָלט אפשר דער סאָציאַליסטישער גייסט ניט אַזוי פאַר־וואַסערט און פאַרפלאַכט געוואָרן, ווייל קרומע וועגן קענען אויס־געמיטן ווערן בלויז דאַן ווען מען האָט אַ גלויבן אין האַרצן. אָט דער גלויבן איז פאַראַן אין גאָלדאָווסקיס האַרצן.

**י. פאָגעל**

# פאָרוואָרט פון מחבר

מיט דער דאָזיקער אויטאָביאָגראַפיע מיינער פּרעטענדיר איך נישט צו שרייבן קיין געשיכטע. איך האָב בלויז געוואָלט דערציילן די לעבנס־געשיכטע פון אַן אָרעם יידיש יינגל פון אַ פרומער היים, וואָס האָט זיך שוין אין זיינע פריסטע יוגנט־יאָרן באַהאָפטן מיט דער באַפרייערישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס איז דורכ־געגאַנגען די גרויסע שטורעמס פון אונדזער צייט — די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע, פאַרשיקונג קיין סיביר, עמיגראַציע קיין אַמעריקע, אַנטייל אין פּיאָנערישן אויפבוי פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. דאָס אַלץ האָב איך דאָ געשיל־דערט נישט ווי אָביעקטיווע געשיכטע, נאָר אַזוי ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין מיין לעבן און ווי אַזוי זיי האָבן אויסגעהאַמערט מיין לעבן. ווען איך האָב אָנגעהויבן שרייבן די דאָזיקע זכרונות בין איך שוין געווען טעטיק 60 יאָר אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, פריער אין דער אַלטער היים און דערנאָך דאָ, אין אַמעריקע. איך בין אָן איבעררייס געווען אין איר טעטיק די גאַנצע צייט און געטריי איר געדינט ווי ווייט איך האָב געקענט. וויפל איך האָב געגעבן דער אַרבעטער־באַוועגונג קען איך נישט אורטיילן, דאָס קען בעסער אורטיילן דער לייענער וואָס וועט זיך באַקענען מיט דעם דאָזיקן בוך. אָבער איינס ווייס איך: מיר פּערזענלעך האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אַ סך געגעבן — זי האָט מיר געגעבן אַן אידעאַל און אַ רייכן אינהאַלט אין לעבן און זי האָט מיר געהאָלפן געפינען אַ לעזונג אין אַ סך שווערע לעבנס־מאָמענטן, ווי אַן אויסדרוק פון געטריישאַפט צו דער דאָזיקער באַוועגונג, וועלכער איך האָב אַ לעבן לאַנג געדינט, האָב איך אָנגעשריבן די דאָזיקע זכרונות.

איך וויל אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק מיינע אַלטע גוטע פריינד און חברים אין קאַמף נ. כאַנין, מאָריס קאָוולער, י. פאַגעל און וויליאַם וואָלפערט, וואָס האָבן געשאַפן דעם קאָמיטעט אַרויס־צוגעבן מיין בוך. איך דאַנק זיי פאַר זייערע פריינדלעכע ווערטער מיט וועלכע זיי עפענען דאָס דאָזיקע בוך און פאַר זייער מיטהילף אין אַלגעמיין, אָן וועלכער דאָס דאָזיקע בוך וואָלט נישט געקענט דערגיין צו דער ליכטיקער שיין.

צום סוף וויל איך אויסדריקן מיין האָפענונג אַז די דאָזיקע זכרונות מיינע וועלן זיין אַ נוצלעכער צושטייער צו דער גרויסער און רומפולער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אויףביידע זייטן ים.

מ. ג.



דער מחבר פאָטאָגראַפירט אין יאָר 1951

ערשטער טייל

# קינדער־יאָרן

# קאַפּיטל 1

ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד האָב איך שטאַרק געבענקט נאָך אַ זיידן און אַ באָבען. איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אַלע קינדער האָבן זיידעס מיט באָבעס, נאָר איך האָב ניט. האָב איך געפרעגט מיין פאָטער, ער זאָל מיר זאָגן, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. האָט ער מיר דערציילט אַז זיין פאָטער און מוטער, דאָס הייסט מיין זיידע און מיין באָבע האָבן געוואוינט אין אַ קליין שטעטעלע כאַלמעטש, רעטשיצער קרייז, מינסקער גובערניע. מיין זיידנס נאָמען איז געווען משה גאָלדאָווסקי און די באָבע האָט געהייסן מלכה. מיין זיידע איז געווען אַ מלמד, ער האָט צוגעגרייט עלטערע קינדער צו דער ישיבה. אַנומלט, ווען מיין פאָטער בן־ציון האָט געלערנט אין דער פּעטריקאָווער ישיבה, האָט ער אין אַ געוויסן טאָג, דאָס איז געווען אין חודש שבט, באַקומען אַ ידיעה, אַז דער זיידע איז געשטאָרבן פון אַ שטאַרקער פאַרקילונג. מיין פאָטער איז באַלד אַהיימגעפאָרן און די באָבע האָט אים דערציילט אַזאַ געשיכטע: עס איז געווען זייער אַ גרויסער פראָסט. איז דער זיידע געגאַנגען פרייטיק בייטאָג אין באָד אַריין כדי זיך אָפּטובלען אין דער מקווה. האָט ער געטראָפן די באָד אַ קאַלטע און דאָס וואַסער אַביסל פאַרפרוירן. אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעהאַלטן דעם זיידן אָפּצוטובלען זיך אין דער פאַרפרוירענער מקווה לכבוד שבת. דער סוף איז געווען אַז ער האָט זיך פאַרקילט און אין צוויי וואָכן אַרום איז ער געשטאָרבן. די באָבע האָט זיך דאָס שטאַרק גענומען צום האַרצן און אין אַ וואָך אַרום איז זי אויך געשטאָרבן. עס זיינען פאַרבליבן צוויי זין: מיין פאָטער בן־ציון און אַן עלטערער זון יעקב. דער פעטער יאַנקל איז געווען אַ שוחט, און ער האָט געקראָגן אַ שטעלע פון שטאָט־שוחט אין טשערנאָבל. דער פעטער

האָט דעמאָלט גענומען זײַן ייִנגערן ברודער בן־ציון צו זיך קיין טשערנאָבל. מײַן פֿאָטער האָט זיך דאָרט געלערנט אין דער ישיבה און האָט אין גיכן געקראָגן סמיכות אויף רבנות. דער רבי ר׳ מאָטעלע האָט אים דעמאָלט אַרײַנגענומען צו זיך, ער זאָל לער־נען מיט זײַנע צוויי זין, הערשעלע און ברוכל, בײדע שוין דער־וואַקסענע בחורים; הערשעלע איז געווען אין די זעלבע יאָרן ווי מײַן טאַטע און ברוכל איז געווען מיט דרײַ יאָר ייִנגער.

ביים רבין אין הויז האָט זיך געכאַוועט זײַנס אַ פּלימעניצע, אַ יתומה, חנה־לאה האָט זי געהייסן. זי איז געווען זייער אַ שיינע און האָט געקענט גוט לערנען. האָט מײַן טאַטע מיט איר חתונה געהאַט. מײַנע עלטערן האָבן זיך אויך באַזעצט אין טשערנאָבל. ווען זיי האָבן שוין געהאַט דרײַ קינדער — צוויי זין און אַ טאָכ־טער — און די מאַמע האָט געשווענגערט מיט אַ פערטס, האָט ר׳ מאָטעלע זיך אַריבערגעקליבן אין דער שטאָט לאָיעוו, מינסקער גובערניע, און ער האָט מיטגענומען מײַן פֿאָטער מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע. קומענדיק אין לאָיעוו, האָט דער רבי פֿאַרגעלייגט מײַן טאַטן, אַז ער זאָל ווערן זײַן משולח. דעם רבינס צוויי זין זײַנען שוין געווען חתונה־געהאַטע און פֿאַר זיך, און דער עלטערער האָט שוין געקראָגן סמיכות אויף רבנות. מײַן פֿאָטער, וואָס האָט גע־דאַרפט מפרנס זײַן אַ ווײַב מיט פיר קינדער, האָט אָנגענומען די שטעלע. זײַן אַרבעט איז געווען אַרומצופאָרן איבער אַלע שטעט און שטעטלעך, וואו עס זײַנען געווען דעם רבינס חסידים, זאָגן פֿאַר זיי תורה און קלייבן פּדיונות פֿאַרן רבין. זעכציק פּראָצענט איז געגאַנגען פֿאַרן רבין און פערציק פּראָצענט האָט באַקומען מײַן פֿאָטער. מײַן טאַטע איז אויך געווען אַ גרויסער מנגן און ער פֿלעגט אָנגעמען שטעלעס צו דאַווענען פֿאַרן עמוד ימים־נוראים. זײַנע זין, פֿלעגן אים דערבײַ אַרויסהעלפֿן. אונדזער גאַנצע פֿאַמיליע האָט ליב געהאַט געזאַנג.

דאָס אַלץ איז געווען פֿאַר מײַן געבוירן ווערן. איך בין גע־בוירן געוואָרן אין אַפּריל 1884 אין לאָיעוו, דאָס פֿינפֿטע קינד אין דער משפחה (אונדזער משפחה האָט זיך כסדר געמערט. מײַנע עלטערן האָבן געהאַט צען קינדער, זעקס זין און פיר טעכטער).

איך געדענק אַז ווען איך בין אַלט געווען 4 יאָר האָב איך געפּרעגט מיין מאַמען פּאַרוואָס די שקצימלעך טראָגן נישט קיין שיך, און איך טראָג שיך און זאָקן. האָט מיין מוטער מיר געענט־פערט, אַז די שקצים עסן חזיר זיינען זיי געזונט און קענען אַרומ־גיין באָרוועס און ווען זיך נישט פאַרקילן, אָבער יידישע קינדער זיינען שוואַך טאָרן זיי נישט אַרומגיין באָרוועס. און פאַרוואָס גייען טייל קינדער אָרום מיט צעריסענע קליידער און איך גיי אין גאַנצע, האָב איך ווייטער געפרעגט, האָט די מאַמע מיר געענט־פערט, אַז יענע מאַמעס זיינען פויל צו פאַריכטן די מלבושים פון זייערע קינדער, דערפאַר גייען זיי אַרום אָפּגעריסן.

ווען איך בין אַלט געוואָרן 5 יאָר האָט מען מיך געשיקט אין חדר אַריין.

דעם ערשטן מאָל האָט מיך די מאַמע אַוועקגעפירט אין חדר אַריין. דער רבי מיינער, תנחום האָט ער געהייסן, האָט ניט געהאַט קיין באָרד און ער האָט געטראָגן אַ פּאַרוק מיט צוויי לאַנגע פאות. ער האָט אויסגעקוקט זייער אויסטערליש און ווען איך האָב אויף אים אַ קוק געטאָן האָב איך מיך פאַר אים דערשראָקן און אַרויס־געלאָפן פון חדר. אַ פּאָר גרעסערע יינגלעך האָבן מיך געכאַפּט און אַריינגעפירט צוריק אין חדר אַריין. מיין מוטער האָט מיר געזאָגט אַז ווען איך וועל קומען אין חדר אַריין וועט אַ מלאך אַראָפּוואַרפן קאָפּיקעס פאַר מיר. און אַזוי איז טאַקע געשען: ווי נאָר דער רבי האָט אָנגעהויבן צו זאָגן מיט מיר דעם אַלף־בית, זיינען אַרונטערגעפאַלן עטלעכע קאָפּיקעס.

איך בין געווען אַ גרויסער שטיפער און דערפאַר האָבן אַלע יינגלעך זיך געוואָלט מיט מיר שפּילן און האָבן מיך גוט באַ־האַנדלט. איך בין אַלע מאָל געווען דער עלטסטער פון די גרופּן חברים. איך בין אויך געווען אַ שטאַרקער און איך פלעג זיך אָנ־נעמען אַנדערעס קריוודע. מיינע ברידער און שוועסטער, אַפילו די עלטערע נישט בלויז די יינגערע, פלעגן מיר דערציילן אויב עמיצער האָט זיי שלעכט באַהאַנדלט און איך פלעג זיך פאַר זיי אָננעמען.

מיין פּאַטערס אַ קוזינע, איר נאָמען איז געווען מירקע, פלעגט מיך אָפט מאָל נעמען צו איר אַהיים אויף אַ פּאָר טעג. זי איז געווען אויסערגעוויינטלעך גוט צו מיר, און איך האָב זי אויך ליב געהאַט. זי איז געווען זייער אַ גוטע און אַ פרומע פרוי. זי האָט מיך נישט גערופן משה נאָר ישראל, ווייל ווען איך בין געבוירן געוואָרן האָט זי געבעטן מיינע עלטערן מען זאָל מיר אַ נאָמען געבן ישראל, נאָך איר טאַטן. האָט מען מיר אַ נאָמען געגעבן משה־ישראל, משה נאָך מיין זיידן און ישראל נאָך איר טאַטן. אָבער אַלע אין שטוב האָבן מיך גערופן משה, נאָר זי האָט מיך גערופן ישראל.

אין חדר האָב איך זיך ניט איבעריק גוט געלערנט, איך האָב נישט ליב געהאַט דעם רבין. איין מאָל האָט מיך דער רבי אָנגעפּאַטשט, האָב איך געגעבן אַ שפּרונג און איך האָב אַרונטערגעריסן זיינע לאַנגע פּאות (ער האָט געטראָגן קינסטלעכע פּאות) און אַנטלאָפן מיט זיי אַהיים. מיין מוטער האָט שטאַרק זיך אָנגעבייזערט זיך אויף מיר און מיך געהייסן באַלד צוריק אָוועקטראָגן די פּאות צום רבין. איך האָב זי געפאָלגט, ווייל איך האָב מיין מוטער זייער ליב געהאַט. אַלע אונדזערע קינדער האָבן זי ליב געהאַט, ווייל זי איז געווען זייער אַ ליבלעכע און אַ שיינע, הויך און שלאַנק. זי פלעגט אויף אונדז קינדער קיין מאָל ניט שרייען, נאָר בעטן און מיר אַלע קינדער האָבן זי שטענדיק געפאָלגט. ווען איך האָב צוריקגעבראַכט די פּאות צום רבין, האָט ער מיר געזאָגט אַז איך זאָל זאָגן דער מאַמען, זי זאָל זוכן פאַר מיר אַן אַנדער מלמד.

צומאָרגנס איז מיין מוטער מיט מיר געגאַנגען אין חדר אַריין און געבעטן דעם רבין מיך צוריקצונעמען, אָבער ער האָט ניט געוואָלט. האָט די מאַמע מיך אָוועקגעפירט צו אַ מלמד ר׳ לייביאַק מאַניזיל — אַזוי האָבן אים אַלע גערופן, ווייל ער האָט געהאַט אַ ציגן בערדל. דאָרט האָב איך געטראָפן אַ פּאָר פון מיינע חברים מיט וועלכע איך פלעג זיך שפּילן אין צורקי־פּאלקי. ביי אים האָב איך געלערנט עטלעכע זמנים. דער רבי איז געווען זייער אַ בייזער און ער האָט געהאַט רימענע „לאָקשן״, און ווען אַ יינגל האָט

געשטיפּט פּלעגט ער אים געבן שמיץ, וואו נאָר ער האָט געטראָפן. איין מאָל האָט ער מיר דערלאַנגט אַ שמיץ און אין דער זעלביקער מינוט האָט זיין פּרוי אים אַ רוף געטאָן, האָב איך צוגעכאַפּט די „לאָקשן" און זיי באַהאַלטן. דער רבי קומט צוריק, זוכט די „לאָקשן" און קען זיי ניט געפינען. ווען ער פרעגט, זאָגט ער, אַז ער ווייס ניט. האָט ער געבראַכט באַזטיכלעך און געהייסן אַלע־מען פאַרבינדן זיך די אויגן. נאָך דעם האָט ער אויסגעשריען: ס׳היטל ברענט ביי דעם ווער עס האָט צוגענומען די „לאָקשן"! איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן היטל. דאָן איז דער רבי צוגע־קומען צו מיר און געהייסן, איך זאָל אים אָוועקגעבן די „לאָקשן". און ווען איך האָב אים געענטפערט אַז איך ווייס ניט וואו זיי זיינען, האָט ער מיר שטאַרק אָנגעריסן די אויערן, איך האָב זיך אַרויס־געריסן פון זיינע הענט און כ׳בין אַנטלאָפן אַהיים. איך האָב גע־זאָגט דער מאַמען אַז איך וויל ניט לערנען ביי אַ רבין וואָס איז אַ גזלן. מיין פאָטער איז גראָד דעמאָלט אויך געווען אין דער היים, און ער האָט ניט געהאַלטן פון דעם מלמד, האָט ער געזאָגט צו מיין מוטער, אַז די בעסטע זאַך וואָלט געווען אַז אַזוי ווי אברהם, מיין עלטערער ברודער, איז אַ מלמד ביי אַ יישובניק אין אַ דאָרף לעבן דאָבראַנקע, איז, אַז ער וועט קומען אויף שבת אַהיים, זאָל מען מיך מיטשיקן מיט אים אין דאָרף אַריין און ער זאָל מיט מיר לערנען. מיר איז דאָס זייער געפעלן געוואָרן. און מיין ברודער אברהם האָט גערן צוגעשטימט מיך מיטצונעמען אין דאָרף.

געקומען אין דאָרף, פאַרפאָרן אין אַ קרעטשמע, זאָגט מיר מיין ברודער: דאָס איז דאָס אָרט וואו איך לערן מיט דעם בעל־הביתס קינדער, איין יינגל און צוויי מיידלעך. דער בחור איז אין מיינע יאָרן און די צוויי מיידלעך אַ סך עלטער. איך האָב זיך באַ־גריסט מיט זיי. די מוטער, אַ גראָבע יידענע, אין אַ רויט קליידל און אין אַ גרינער פאַטשיילע אויפן קאָפּ, איז צוגעקומען צו מיר און האָט מיך געפרעגט: וואָס איז דיין נאָמען? ענטפער איך: ישראל־משה. — מיר וועלן דיך רופן מאָיסיי, זאָגט זי, דו ווילסט עסן? פרעגט זי מיך, און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, נעמט זי מיך פאַר אַ האַנט און פירט מיך אַריין אין אַ צווייטער שטוב

און זאָגט צו מיר: זעץ זיך עסן. דער מאַן אירער איז שוין געזעסן ביים טיש. ער איז געווען אַ ייד מיט ביינער און פלייש, הויך און דיק, מיט אַ גרויסער געלער באָרד און מיט געדיכטע ברעמען. די בעל־הביתטע זאָגט צו אים: דאָס איז דעם לערערס אַ בראַט. דער בעל־הבית האָט מיר געגעבן שלום, האָט מיר די האַנט ווי געטאָן אַ שיינע פּאָר מינוט פון דעם ליבן שלום־עליכם. מען האָט דער־לאַנגט עסן: הערינג, קאַרטאָפליעס, סמעטענע, פּוטער, שוואַרץ ברויט און אַ גרויסע שיסל מיט מילך. אַלע זיינען געזעסן ביים טיש מיט דרך־ארץ. דער פאָטער האָט אויפגעפּאַסט אַז אַלע זאָלן עסן. ווען ער האָט אַ קוק געטאָן מיט זיינע אויגן אויף עמעצן, האָט מען זיך געקענט פאַר אים דערשרעקן. אַן אָרט צום שלאָפן האָט מען מיר געגעבן אין שייער, וואו עס איז געלעגן אַ סך היי. און דאָס היי האָט געשמעקט אַ מחיה.

איך האָב געלערנט ביי מיין ברודער אין דאָרף אַ גאַנצן זמן. און ווען איך בין צוריקגעקומען אַהיים, האָט מען מיך ניט דער־קענט, אַזוי פעט און אָפּגעברענט בין איך געווען פון גוט עסן און פון דער זון. אַהיימגעקומען בין איך דערפאַר וואָס מיין ברודער אברהם האָט אָפּגעזאָגט דעם יישובניק ווייטער צו לערנען מיט זיינע קינדער, ווייל איינע פון די מיידלעך האָט זיך צו אים דער־קלערט אין ליבע. און אַזוי ווי ער האָט שוין פון לאַנג געהאַט אַ כלה אין דער היים, האָט ער מער ניט געוואָלט זיין ביים יישובניק. ער האָט געעפנט אַ חדר אין לאַיעוו ביי זיין כלהס מוטער אין הויז (דער פאָטער אירער האָט ניט געלעבט). און איך האָב ווייטער גע־לערנט ביי אים אין חדר. זיין כלה האָט געהייסן שרה. זי איז גע־ווען אַ מאָדיסטקע. זי פלעגט נייען קליידער פאַר די רייכערע בעל־הביתטעס. זי איז געווען אַ קליינע און אַ דאַרע, אָבער אַ שיינע אויפן פּנים און דערצו אַ קלוגע. אַלע אין דער פרי, ווען איך פלעג קומען אין חדר אַריין, פלעגט זי מיך פרעגן, וואָס אַלע מאַכן אין דער היים און צי איך בין הונגעריק. אין מיטן טאָג פלעגט זי מיר אונטערטראָגן אַ בייגל מיט מילך און איך פלעג איר דערפאַר זיין דאַנקבאַר. מיין ברודער אברהמען פלעגט זי אַ פּאָר מאָל אין טאָג צוטראָגן עפּעס אַ ביס צו טאָן. און אויב ער פלעגט אַמאָל ניט

וועלן נעמען, פלעגט זי אויף אים אָנשרייען, אַז ער האָט שוין מורא געהאַט אַ צווייט מאָל אָפּצוזאָגן. שרה האָט געהאַט אויך אַ ברו־דער און אַן עלטערע שוועסטער. די מוטער האָט געבאַקן בייגל, וואָס זי פלעגט פאַרקויפן ביי זיך אין הויז. די עלטערע טאָכטער האָט געהאָלפן ביידע: דער מוטער און שרהן. איר ברודער האָט זיך אויך געלערנט ביי מיין ברודער אברהם. שרה איז געווען די גאַנצע בעל־הביתטע אין הויז. ווי קליין זי איז געווען, פלעגט זי מיט אַלעמען זיך שאַפן. און אַלע האָבן זי געמוזט פאָלגן. אויב ניט, איז געווען חושך.

מיין ברודער אברהם איז געווען זייער אַ שיינער. ער האָט געקענט גוט לערנען און גוט זינגען. אין די אָוונטן פלעגט ער פאַרברענגען מיט זיינע חברים. ער פלעגט אַראַנזשירן פאַרשטע־לונגען, ווי בר־כוכבא, עקדת־יצחק. ער פלעגט געוויינטלעך נעמען די הויפּט־ראָלן. אַלע אין שטעטל האָבן אים ליב געהאַט. און מען פלעגט זיך חידושן, וואָס ער האָט זיך פאַרליבט אין שרהן. אַנדערע פלעגן זאָגן אין אַ שפּאַס, אַז אַזוי איז דאָס באַשערט, אַז אַן אברהם זאָל מוזן חתונה האָבן מיט אַ שרהן.

מיין פאָטער, ווי דעם רבינס משולח, פלעגט ווייניק זיין אין דער היים, ער פלעגט אַרומפאָרן איבער די שטעט צו זאַמלען פדיונות פאַרן רבין. אַז די מאַמע האָט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דער טאַטע קומט אַהיים, איז געוואָרן ביי אונדז קינדער אַ גרויסע שמחה. ווען די מאַמע און די עלטערע שוועסטער מיינע, מלכה, האָט מען זי גערופן, פלעגן קריגן בריוו, אַז דער טאַטע קומט אַהיים, זיינען זיי באַלד געוואָרן זייער פאַרפאַרעט. זיי האָבן אויסגעפּוצט דאָס הויז יום־טובדיק. די בחורים פלעגן אויסוואַשן די פּאָדלאָגעס אין גאַנצן הויז, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי אַלקערס, אַ גרויסע קיך און אַ סטאַלאָווע. מלכה מיט דער מאַמען פלעגן אויסצוואַגן די קעפּלעך ביי אַלע קינדער און אָנטאָן די שבתדיקע בגדים. דער טאַטע פלעגט אַלע מאָל קומען אויף שבת. פלעגן מיר קינדער זומערצייט זיך אויסזעצן אין דרויסן אויף דער פריזבע און וואַרטן, דער טאַטע זאָל קומען; ווינטערצייט פלעגן מיר שטיין ביי די

פענצטער און אַרויסקוקן אויפן טאַטן. פלעגט דער טאַטע קומען מיטן פּאַראַכאַד, פלעגן אַלע קינדער, מיט דער שוועסטער מלכה אין דער שפּיץ, גיין באַגעגענען אים, די קלענערע פאַרויס און די גרעסערע הינטער זיי. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געוואוסט אַז ווען מען זעט בן־ציונס קינדער מאַרשירן אין גאַס, איז אַ סימן, אַז דער טאַטע זייערער קומט צו פאָרן פון אונטערוועגנס. עס איז ניט געווען קיין גרעסערע שמחה ביי אונדז קינדער ווי צו גיין באַגעגענען דעם טאַטן. די קלענערע פלעגן אים די ערשטע אָפּגעבן שלום, נאָך דעם — די גרעסערע.

מיין פאָטער איז געווען זייער אַ שיינער. ער איז געווען אַביסל העכער פון דער מאַמען און איז ניט געווען קיין דיקער. ער האָט געהאַט אַ שיינע, אַביסל אַ באַזילבערטע באָרד און קורצע, געקרייזלטע פּאות. ער פלעגט טראָגן אַ לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטע, האַלבע שיך און ווייסע לאַנגע זאָקן, שוואַרצע הויזן אַריינגעלאָזט אין די זאָקן, אַ זשילעט און אַ קייטל מיט אַ זייגער אין דער זשילעט־קעשענע, אַ שוואַרץ היטל און אונטער דעם אַ זיידענע יאַרמלקע. אַ גרויס נאָזטיכל האָט אַלע מאָל אַרויסגעשטעקט פון דער הינטערשטער קעשענע. ווען מיין טאַטע איז געגאַנגען פון פּאַראַכאָד, אַרומגערינגלט מיט די קינדער, פלעגן זיך אַלע אָפּשטעלן און אים נאָכקוקן, און פלעגן צוגיין אים אָפּגעבן שלום־עליכם. די וואָס זיינען געשטאַנען פון דער וויטן פלעגן זאָגן: די צווייטע האַנט פון רבין איז דאָ, אַי וועט דאָס זיין אַ שבת אין רבינס שול! — ווייל מיין טאַטע, ווען ער איז צוריקגעקומען, פלעגט ער דאַווענען פאַרן עמוד.

אַזוי ווי דער טאַטע איז אַריינגעקומען אין הויז פלעגט ער באַלד נאָכן באַגריסן זיך זאָגן צו דער מאַמען: „מיין אשת־חיל, געדאַרפט אַרבעטן שווער?" אויף דעם האָט די מאַמע געענטפערט: „ניין, ר' בן־ציון (זי האָט אים גערופן רב בן־ציון), אונדזערע קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין, האָבן אַ גרויסן חלק אין דעם צוראַמען דאָס הויז". דער סאַמאָוואַר פלעגט שוין שטיין אויפן טיש, און אויב עס איז נאָך נאָך געווען פרי פלעגט אויך זיין אָנגעגרייט אויפן טיש

עפּעס צום עסן. נאָך דעם פּלעגט דער טאַטע מיט די קלענערע בנים (אַזוי האָט ער אונדז גערופן) גיין לכבוד שבת אין באָד אַריין און אין מקווה. קומענדיק צוריק פּלעגט דער טאַטע אַלעמען צע־טיילן די מתנות וואָס ער האָט געבראַכט פֿון וועג. די ערשטע מתנה פּלעגט ער געבן דער מאַמען, דערנאָך — דער עלטערער שוועסטער, נאָך דעם — דעם עלטערן ברודער. און אַזוי פּלעגט ער אויסטיילן יעדן קינד דאָס זייניקע, אַז קיינער זאָל ניט האָבן קיין פּאַרדראָס. ער האָט געוואוסט וואָס יעדער קינד האָט ליב און יעדן געבראַנגט עפּעס לויט זיין געשמאַק. נאָך דעם האָט ער גענומען די מאַמען און די קלענערע קינדער און געגאַנגען אין רבינס שול. די עלטערע שוועסטער פּלעגט בלייבן אין הויז צוצוגרייטן צום טיש

## קאַפּיטל 2

דעם רבינס הויף האָט זיך געפונען אין אַלטן פּאַלאַץ פון פריץ. די חסידים און די יידן פון שטעטל האָבן אָפּגעקויפט פון פריץ דעם פּאַלאַץ פאַרן רבין. דער פריץ האָט פאַרקויפט דעם פּאַלאַץ דערפאַר, ווייל לעבן פּאַלאַץ איז געווען אַ קלויסטער און די גלעקער פלעגן קלינגען רעגולער צוויי מאָל אַ טאָג. זונטיק נאָך אָפּטער. ווען עס פלעגט זיין אַ קריסטלעכע לוויה, פלעגט מען ווייטער קלינגען. נו, איז געווען פאַרן אַלטן פריץ צו טומלדיק. אַחוץ דעם זיינען זיינע קינדער זיך צעפאָרן איבער דער גרויסער וועלט, האָט ער ניט גע־וואָלט זיין איינער אַליין אין דעם גרויסן פּאַלאַץ.

דער הויף איז באַשטאַנען פון אַ גרויס הויז, אַ קלענער הויז, אַ הייזל פאַר דער קיך און גרויסע שייערן און שטאַלן פאַר די פערד און בהמות. די אַלע געביידעס זיינען געשטאַנען אין דער מיט פון אַ גרויסן סאָד פון פאַרשיידענע פרוכטן־ביימער. אין מיטן הויף זיינען געווען פאַרשיידענע בלומען־קוויטן. דער גאַנצער סאָד איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פּאַרקאַן. אין הויף איז אויך געווען אַ ווינקעלער מיט אַלע ווינען.

אין גרויסן הויז האָט געוואוינט דער רבי מיט זיינע ניט־אויסגעגעבענע קינדער ווי אויך זיין זון ברוכל, וואָס איז שוין גע־ווען אַ חתונה־געהאַטער און האָט פאַרנומען דריי צימערן. דער רבי אַליין האָט פאַרנומען צוויי גרויסע צימערן, וואו ער פלעגט אויפ־נעמען זיינע חסידים. די רביצין האָט געהאַט פינף צימערן, און די ניט־חתונה געהאַטע קינדער האָבן געהאַט צו צוויי צימערן. אין מיטן גרויסן הויז איז געווען אַ גרויסער זאַל, וואו אַ טויזנט מענטשן האָבן געקענט דאַוונען, און דער רבי פלעגט דאָרטן פירן טיש אַלע

שבת און יום־טוב, ווייל אַפילו אויף שבת פלעגן אָנפאָרן אַ סך חסידים.

דאָס צווייטע הויז, וואָס האָט געהאַט צען צימערן, האָט פאַר־נומען ר׳ הערשעלע מיט זיינע קינדער. אַ פּאָר צימערן האָבן פאַר־נומען די דינסטן. דאָס קיך־הויז האָט געהאַט צוויי אָפּטיילונגען, פאַר פליישיקס און פאַר מילכיקס, און אַ פּאָר צימערן פאַר די באַ־דינערס. ווען מען פלעגט קומען צום רבין, האָט זיך אויסגעדאַכט אַז מען איז אַריינגעקומען אין אַ קעניגלעכן שלאָס. אין דער שול פלעגט מען דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג: שחרית, מנחה און מעריב. פרייטיק צו נאַכטס, ווען מען איז אַריין אין דעם גרויסן שולזאַל, וואו די שיינע הענגלאָמפּן זיינען געווען אָנגעצונדן און אַרום אויף די ווענט האָבן געברענט ליכט, און די חסידים אויסגעפּוצטע פלעגן דאַווענען הויך אויף אַ קול, האָט אָנגענומען אַ פּחד. דער רבי פלעגט אַרויסקומען פון זיין צימער און אַלע חסידים פלעגן צו־גיין צו אים און זאָגן גוט שבת. די שטעטלשע יידן פלעגן גיין צוריק אַהיים און די געסט וואָס זיינען געקומען צום רבין פלעגן עסן ביים רבינס טיש. שבת צו שלוש־סעודות פלעגט צום רבין קומען אַ גרויסער עולם. מען פלעגט זינגען אַ סך זמירות און דער רבי פלעגט זאָגן תורה. דאָס פלעגט זיך פאַרציען ביז דער מלווה־מלכה.

פרייטיק צו נאַכטס פלעגט מיין טאַטע ניט פאַרבלייבן ביים רבינס טיש, נאָר גיין מיט אונדז אַהיים. ער פלעגט ניט ריידן פון פרייטיק נאָך ליכט־בענטשן ביז שבת נאָך הבדלה (אַ סך פרומע יידן ריידן ניט אום שבת). ווען מען איז אַריינגעקומען אין שטוב נאָכן דאַווענען, האָט פון יעדער ווינקל געשמעקט מיט יום־טובדיקייט. אַלע פלעגן זיך אַרומשטעלן אַרום טיש און דער טאַטע פלעגט מאַכן קידוש. די מאַמע פלעגט שטיין הינטער דעם טאַטנס פּלייצע און האַלטן די שטול אָנגעגרייט אים אונטערצורוקן, ער זאָל זיך זעצן, ווען ער ענדיקט מאַכן קידוש. דער טאַטע פלעגט אַ זופּ טאָן פון בעכער יויין, דערנאָך פלעגט ער געבן דער מאַמען און אויך די קינדער. שבת איז צום טיש געווען חלה און ניט קיין שוואַרץ

ברויט, פיש, הינער־פלייש, יויך און צימעס. דער טאַטע מיט אונדז קינדער פלעגן זינגען זמירות. עס פלעגן זיך אָנקלייבן אַ סך מענטשן הינטער אונדזערע פענצטער צו הערן ווי מיין טאַטע מיט די בנים זינגען זמירות.

איין מאָל, אַ מאָנטיק גאַנץ פרי, האָב איך געהערט, ווי דער טאַטע זאָגט צו דער מאַמען, אַז עס איז אַ בושה פאַר לייט, בן־ציונס זון זאָל זיך אַרומשלעפּן מיט אַ שניידערקע. זאָגט אים די מאַמע, אַז אברהם האָט זיין חדר ביי איר אין הויז. דער טאַטע האָט מיך צו־גערופן און מיר געזאָגט, אַז איך זאָל גיין לערנען צו אַן אַנדער מלמד, צו ברוך־משהן. ביים מלמד ברוך־משה האָבן געלערנט בלויז גמרא־ייִנגלעך. כאָטש איך האָב שוין געדאַרפט לערנען גמרא, האָב איך בעסער געוואָלט לערנען ביי מיין ברודער, נאָר גיין קעגן דעם טאַטנס ווילן האָב איך ניט געקענט.

ווען מיין ברודער האָט געזען אַז איך בין ניט געקומען צו אים אין חדר אַריין, האָט ער געשיקט אַ ייִנגל זען וואָס האָט געטראָפן מיט מיר (מיין ברודער האָט זיך אין גאַנצן געהאַט אַריבערגע־קליבן צו זיין כלה). פאַר נאַכט איז ער געקומען זיך זען מיט דער מאַמען און מיטן טאַטן. דער טאַטע האָט אים געפרעגט, צי ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט חתונה האָבן מיט שרהן. מיין ברודערס ענטפער איז געווען: „זיכער". מער האָט דער טאַטע ניט גערעדט וועגן דעם. ווען די מאַמע האָט אים געפרעגט נאָך מיין ברודערס אַוועקגיין: „נו, ר' בן־ציון, פאַרוואָס האָסטו אים ניט אויסגעשייגעצט?" האָט דער טאַטע געענטפערט: „זי איז דאָך אַ יתומה!"

---

ווען איך בין אַלט געווען 9 יאָר בין איך געגאַנגען זומער־צייט מיט אַ גרופּע ייִנגלעך צום טייך זיך באָדן. אונדזער שטעטל לאָיעוו איז געלעגן ביים גרויסן טייך דניעפּער. איך האָב געוואָלט ווייזן מיינע חברים אַז איך קען בעסער שווימען פאַר זיי, בין איך אַוועק־געשווימען ווייט, אין מיטן וואַסער זיינען די כוואַליעס געוואָרן שטאַרק און זיי האָבן מיך אַוועקגעשלעפּט צו אַ וואַסערמיל וואו אַ גרויס ראָד האָט זיך געדרייט און דאָס וואַסער האָט מיך געשלעפּט

צום ראָד און כ׳האָב געקענט צעשמעטערט ווערן דורכן מעכטיקן ראָד, אָבער איך האָב זיך נישט פאַרלוירן, איך האָב זיך אָנגע־כאַפּט אין אַ ברעט ביים ראַנד פון דער מיל און כ׳האָב אָנגעהויבן שרייען מען זאָל מיך ראַטעווען. צווי פישער האָבן דערהערט מיין געשריי, זיינען צוגעקומען צו מיר מיט זייער שיפל און מיך צוריק־געפירט צום ברעג. איך בין געראַטעוועט געוואָרן.

איך בין באַלד אַוועק צום רבין אין שול בענטשן גומל. דער רבי האָט מיר געזאָגט אַז גאָט האָט מיר געשענקט דאָס לעבן און דערפאַר איז אַלע מיינע יאָרן וואָס איך וועל לעבן געהערן צו גאָט, און אויב איך וויל גאָט זאָל מיר נישט אַוועקנעמען די יאָרן, זאָל איך זיין אַ פרומער ייד, טאָן צדקה, זיין גוט צו מענטשן, נישט באַוולען קיינעם, טיילן זיך מיטן ביסן ברויט מיט אַן אָרעמאַן און אָפּהיטן די מצווה פון כבד אב ואם. אפשר דערפאַר האָט זיך ביי מיר טאַקע אַנטוויקלט אַ ווילן צו העלפן שוואַכערע און אָננעמען זיך פאַר באַעלטע; מיינע עלטערע שוועסטער פלעגן אָפטמאָל זיך היטן פאַר מיר ווען זיי האָבן געטרעדט וועגן עמעצן וואָס האָט זיי געקריוודעט, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז אויב איך וועל וועגן דעם זיך דערוויסן, וועל איך זיך שטאַרק אָננעמען פאַר זיי, און טייל מאָל האָבן זיי דאָס נישט געוואָלט. אַפילו פאַר מיין פאָטער האָב איך זיך אָנגענומען ווען דעם רבינס זון האָט אים אַמאָל אַן עוולה געטאָן.

ווען איך בין געווען אַ יינגל פון צען יאָר האָב איך אויסגע־קוקט עלטער. איך בין געווען מוטיק, פאַר קיין זאַך זיך ניט גע־שראָקן. ווען מיר האָבן געוואוינט אין רבינס הויף, פלעגט חנהלע, דעם רבינס טאָכטער, שטענדיק מיט מיר זיך שאַפן. זי איז געווען זייער אַ שיינע, און איך האָב ליב געהאַט זי צו באַדינען. ווען איך פלעג איר ברענגען די זאַכן נאָך וועלכע זי האָט מיך געשיקט, פלעגט זי מיך אַרומנעמען און געבן אַ קוש אין שטערן. דאָס האָט פּאַסירט עטלעכע מאָל. איין מאָל ווען איך בין אַריין צו איר אין צימער האָט זי מיך געבעטן איך זאָל איר פאַרקנעפלען די בלוזקע אויף דער פלייצע. איך האָב מיט פאַרגעניגן זי געפאָלגט און ווען

זי האָט מיר אַ קוש געטאָן אין שטערן האָב איך זי אַרומגענומען און געגעבן עטלעכע קיש. זי האָט גאָרניט געזאָגט נאָר האָט מיך אָפּגעשטופּט פון זיך. אַ צײַם האָב איך אויסגעמיטן זי צו באַגעגע־נען. אין יענער צײַט פלעג איך אויך ליב האָבן צו שפּילן זיך מיט דעם רבינס אייניקל, ר׳ העשעלעס טאָכטער. איר נאָמען איז געווען בת־שבע. זי איז אויך געווען זייער אַ שיינע און זי איז געווען אין מײַנע יאָרן. זי פלעגט מיך שטענדיק בעטן איך זאָל זי אויפהייבן ווען זי פלעגט זיצן אין רבינס סאָד אויפן גראָז; זי וויל וויסן צי איך בין גענוג שטאַרק, פלעגט זי זאָגן. איך פלעג איר צוליב טאָן און ווען זי האָט זיך אויפגעשטעלט פלעגט זי זיך אַמפּערן מיט מיר, איך פלעג זי אומוואַרפן אויפן גראָז און אומפאַלן אויף איר, אָבער נאָך דער פּאַסירונג מיט חנהלען בין איך ביים שפּילן זיך מיט בת־שבען געוואָרן אַביסל געוואַגטער און פרעכער. איין מאָל האָב איך זי אַזוי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך, אַז זי האָט זיך אַרויס־געריסן פון מײַנע הענט און האָט מיר געסטראַשעט אַז זי וועט דערציילן מײַן טאַטן, האָב איך אויפגעהערט צו שפּילן זיך מיט איר, ווייל איך האָב זיך געשעמט, אַז מײַן טאַטע זאָל הערן וועגן מיר אַזאַ זאַך, אַז איך שפּיל זיך מיט מיידלעך.

---

אונדזער הויז איז געשטאַנען נאָענט צו די קריסטלעכע גאַסן. אַ סך פון די שקצים פלעגן זיך שפּילן מיט די יידישע ייִנגלעך. גרישאַ ראַדיקאָוויטש, דער איינציקער זון פון דעם אַפּטייקער, פלעגט אַלע מאָל זיין אויף דער זייט פון די שקצים. מיר איז די זאַך ניט געפעלן געוואָרן. אַ יידיש ייִנגל זאָל האַלטן מיט די שקצים. בין איך געגאַנגען דערציילן זײַנע עלטערן. זיי האָבן מיך אויפגענומען זייער פיין. גרישאַ האָט זיך פאַרענטפערט, אַז די יידישע ייִנגלעך באַליידיקן אים. זיי זאָגן אַז זײַנע עלטערן זײַנען גויים, ווייל די אַפּטייק איז אָפן אום שבת, און זיי ווילן זיך ניט שפּילן מיט אים. איך בין געווען אַ שטאַרק ייִנגל, און פאַר מיר פלעגן די שקצים מורא האָבן; האָב איך אים צוגעזאָגט אַז איך וועל אים אַרײַננעמען אין מײַן חברה ייִנגלעך, און ער איז דערפון

געווען זייער צופרידן. זיינע עלטערן האָבן מיך געבעטן אָפט צו זיי קומען, און זיי האָבן מיך מכבד געווען מיט לעקעך און צוקערקעס.

בין איך געוואָרן אַן אָפטער איינגייער צו די ראַדיקאָוויטשעס. גרישאַ האָט מיר אָנגעהויבן איינרעדן אַז איך זאָל מיך פאַרשרייבן אין אוטשילישטשע (רוסישע שול) צו לערנען זיך רוסיש. איך האָב זיך געלאָזט איבעררעדן און איך האָב אָנגעהויבן זיך לערנען אין שול באַהאַלטענערהייט, ווייל מיין טאַטע האָט ניט געוואָלט אַז זיינע קינדער זאָלן זיך לערנען גוישע זאַכן. אָבער אַזוי ווי מיין פאָטער פלעגט די גרעסטע טייל פון יאָר אַרומפאָרן, האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו לערנען אין אַ רוסישער שול. און די מוטער? — אויך די מוטער האָט ניט געוואוסט. איך האָב זיך שטאַרק צונויפגעחברט מיט גרישאַן און איך פלעג זיך אַרומקריגן מיט די אַנדערע יינגלעך וואָס פלעגן מיט אים זיך פאַרטשעפען... איך פלעג זיי זאָגן אַז ער אַפּטייקער מוז האַלטן אָפן אום שבת, ווייל ער דאַרף מאַכן רפואות פאַר קראַנקע.

מיין פאָטער האָט זיך סוף־כל־סוף דערוואוסט אַז איך בין געוואָרן אַ גאַנצער בן־בית ביים אַפּטייקער. האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן, אַז אויב איך וועל אָנהאַלטן די פריינדשאַפט מיט גרישאַן, וועט ער מיך אַוועקנעמען פון חדר און מיך אָפּגעבן אויף דער לער צו אַ סטאָליער.

איין מאָל האָב איך זיך צוגעהערט, ווי מיין טאַטע האָט דערציילט דער מאַמען, אַז דער רבי האָט פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל מיטנעמען אונטערוועגס דעם רבינס זון, ר׳ ברוכל, און ער זאָל געפינען פאַר אים אַ רביסטווע ערגעץ אין אַ שטעטל. מיין טאַטע האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט, דערפאַר וואָס ר׳ ברוכל קען ניט גוט לערנען, און מאַכן אים פאַר אַ רבין וואָלט געווען אַ חרפה; אַ רבי דאַרף זאָגן תורה פאַר די חסידים און ער, ברוכל, קען ניט. ברוכל האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט און ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיטן טאַטן. איין מאָל, קומענדיק אין שול אַריין, איז דער טאַטע צוגעגאַנגען צום עמוד דאַוונען ווי אַלעמאָל, איז צוגעגאַנגען ברוכל און דעם טאַטן אַזאַ שטופּ געטאָן פון אָרט,

אַז ער איז שיר ניט אומגעפאַלן. איך האָב ניט געקענט פאַרטראָגן די עוולה, האָב איך געגעבן אַ שפּרונג און איך האָב אַראָפּגעלאָזט ברוכלען אַ פּאָר פּעטש. עס איז געוואָרן אַ טומל און איך בין אַנטלאָפן. ווען מיין פאָטער איז געקומען אַהיים, האָט ער מיך געשטראָפט: „וואָס הייסט, דו גייסט פּאַטשן אַ רבינס אַ זון?", האָט ער זיך אויף מיר געבייזערט. זאָג איך צו מיין טאַטן: „ער איז דאָך אַ גראָבער יונג, ער האָט דאָך דיך באַליידיקט, האָב איך זיך אָנגענומען פאַר דיר". אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך געמוזט גיין צום רבין און זיך אַנטשולדיקן, ווייל אַזוי האָט מיין פאָטער פון מיר פאַרלאַנגט.

# קאַפּיטל 3

זומער פון יאָר 1896 איז אַ גרויסער אומגליק געשען אין אונדזער פאַמיליע: מיין מוטער איז געשטאָרבן אין קימפּעט, זי האָט נישט געקענט האָבן דאָס קינד. דאָס האָט געזאָלט זיין דאָס צוועלפטע קינד ביי מיין מאַמען. דער רב מיט אַ מנין יידן איז געקומען צו אונדז אין הויז און זיי האָבן געזאָגט תהילים, שטייענדיק אַרום דער מאַמען, וועלכע איז שוין געלעגן אויף דער ערד אויף שטרוי און איר צוקאָפּנס האָבן געברענט זיבן ליכט. דער רב און מיין פאָטער, אין ווייסע קיטלען, זיינען געשטאַנען מיט די טליתים איבער די קעפּ און מיט געוויין זיך געבעטן: חנה־לאה, דו ביסט דאָך געווען אַ צנועה, אין נאָמען פון השם יתברך בעטן מיר דיך, גיב אָפּ דאָס קינד! נאָך דעם ווי דער דאָקטאָר האָט גערופן נאָך אַ דאָקטאָר, איז דאָס טויטע קינד אַרויס. דער געוויין פון אונדז קינדער האָט צעריסן אַלעמענס הערצער. דער טאַטע איז צוגעגאַנגען צו יעדן קינד באַזונדער און האָט עס געטרייסט און געזאָגט, מען טאָר ניט וויינען, וויל גאָט האָט אַזוי געוואָלט. דער טאָג פון דער לוויה פון מיין מוטער איז געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון. דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען באַגלייטן מיין מוטער צו איר אייביקער רו. אַפילו עטלעכע באַקאַנטע קריסטן, שכנים אונדזערע, האָבן שטאַרק באַדויערט מיין מאַמעס טויט.

צוויי עלטערע שוועסטער, מלכה און פייגל, און אַביסל אויך שבע, אַ יינגערע שוועסטער, האָבן אַכטונג געגעבן אויף די איבעריקע פינף קינדער, וויל די צוויי עלטערע ברידער, איינער חיים־יוסף, האָט דעמאָלט געדינט אין דער אַרמיי, און דער צווייטער, אברהם, איז שוין געווען פאַרהייראַט מיט שרהן.

עס איז אַריבער אַ יאָר און מיין פֿאָטער האָט אַהיימגעבראַכט אַ שטיפֿמוטער, פּערל, האָט מען זי גערופֿן. זי איז געווען אַן אלמנה און האָט געשטאַמט פֿון האָמלע, פֿון אַ רייכער משפּחה. זי איז פֿאַר־בליבן מיט פֿינף קינדער, צוויי מיידלעך און דריי יינגלעך. אירע קינדער זיינען געבליבן ביי זייער זיידן אין האָמלע. דער טאַטע האָט צוגערופֿן די עלטערע שוועסטער, און אויך מיך, און האָט געזאָגט צו אונדז: גאָט האָט אייך אַוועקגענומען אייער מוטער און גאָט האָט אייך צוגעשיקט אַ נייע מאַמע — איר זאָלט זי פֿאָלגן, וועט זי זיין גוט צו אייך.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער שטיפֿמאַמע. זי איז געווען אַ שיינע פֿרוי, איז געווען שיין אָנגעטאָן און האָט געטראָגן אַ שנירל פּערל אויפֿן האַלדז און רינגען אויף די פֿינגער. זי האָט געטראָגן אירע אייגענע האָר. זי איז ניט געווען קיין הויכע און אַביסל דיקלעך און מיט אַ שמייכל אויפֿן פּנים .זי האָט זיך אָפּגע־רופֿן צום טאַטן: זאָג מיר די נעמען פֿון אַלע קינדער. האָט דער טאַטע זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן אויסרופֿן די נעמען. פֿריער פֿון די זין: חיים־יוסף, דער עלטסטער, איז אין סאָלדאַטן; אברהם, אַ לערער, האָט חתונה געהאַט מיט שרהן; משה, (דאָס בין איך) דאַרף ווערן בר־מצווה אין אַ חודש אַרום; נאָכדעם געצל, נחום און שלמה. איצט גייען די טעכטער: מלכה, די עלטערע, אַ טייערע נשמה, גיט אַכטונג אויף אַלעמען, אַ גרויסע בריה, נאָר זי האָט זיך פֿאַרכליאַפּעט אין אַ זאַגאָטאָווטשיק, אַ וואוילער בחור — ער וויל דווקא זיין בן־ציונס איידעם; פֿייגל, טוט אַלץ אין הויז און פֿאָלגט, און שבֿע מיט שרהקען, קליינע קינדער, אויף וועלכע מען דאַרף מער אַכטונג געבן, אַזוי אויך אויף שלמהקען. אויף דער שטיפֿמאַמעס פּנים האָט מען געקענט דערקענען אַז זי איז ניט זייער גליקלעך. דער טאַטע האָט דאָס באַמערקט און געזאָגט: עס וועט ניט נעמען לאַנג און מיר וועלן זיך אָפּשטעלן מיט צוויי־דריי קלענערע קינדער.

דער טאַטע האָט זיך באַלד אַוועקגעלאָזט אויף זיין נסיעה און די מומע — אַזוי האָבן מיר קינדער די שטיפֿמאַמע גערופֿן — האָט אָנגעהויבן צו שאַפֿן זיך מיט די קינדער ווי אַ פֿריצטע. זי

זיצט זיך אויף דעם טאַטנס שטול און גיט אַרויס באַפעלן צו אַלע קינדער. איין מאָל בין איך אַהיימגעקומען פון חדר און געטראָפן מלכהן וויינען. פרעג איך ביי איר, וואָס זי וויינט, וויל זי מיר ניט דערציילן. אָבער פייגל זאָגט מיר, אַז די מומע האָט איר אָנגע־דרייט אַן אויער. איז די מומע צוגעגאַנגען צו פייגלען און האָט זי געוואָלט אָנפּאַטשן, בין איך צוגעלאָזן און האָב ניט געלאָזן. מיט מיר האָט זי מורא געהאַט זיך טשעפּען, אָבער ווען מיין פאָטער איז אַהיימגעקומען פון אונטערוועגס האָט זי מיך פאַרמסרט און דער טאַטע האָט מיך אויסגעשמיסן און האָט מיך געסטראַשעט, אַז נאָך בר־מצווה וועט ער מיך אַוועקגעבן צו יאָסלען דעם סטאָ־ליער פאַר אַ לערן־יינגל.

ווען איך בין געוואָרן בר־מצווה האָט מיין פאָטער מיך גע־נומען צום רבינס שול. מען האָט מיך אויפגערופן צו דער תורה און נאָך דעם דאַווענען האָב איך געזאָגט אַ שיעור פון דער גמרא גיטן. דער רבי האָט מיך געבענטשט און האָט מיר געזאָגט אַז איך זאָל ניט זיין קיין שייגעץ. דער טאַטע האָט מיך אַוועקגעפירט צו יאָסל דעם סטאָליער און האָט מיט אים אָפּגעשמועסט אַז איך וועל אַרבעטן ביי אים אַ יאָר אָן געלט, בלויז פאַרן עסן.

די סטאָליאַרניע האָט געמאַכט שיינע מעבל. עס האָבן דאָרט געאַרבעט אַכט מענטשן און צוויי לערן־יינגלעך, איך און אָשר, אַזוי האָט מען גערופן דעם אַנדערן. ווען עס פלעגט קומען די צייט פון עסן, האָבן מיר, די לערן־יינגלעך, געדאַרפט באַדינען אַלעמען, אָבער מיר אַליין זיינען שטענדיק געווען הונגעריק.

איך האָב דערציילט מיין פריינד גרישאַן און זיין פאָטער, דעם אַפּטייקער, וועגן מיינע צרות. האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז זיי קלייבן זיך צו פאַרלאָזן די שטאָט לאָיעוו. זיי האָבן געקויפט אַן אַפּטייק אין מאָזיר, אויך אַ שטעטל אין מינסקער גובערניע, און אין אַ פּאָר חדשים אַרום קען איך קומען צו פאָרן צו זיי, וועל איך קענען אַרבעטן ביי זיי אין אַפּטייק אַרויסהעלפן דעם פּראָוויזאָר. די זאַך איז מיר געפעלן געוואָרן און איך האָב זיי שטאַרק באַדאַנקט פאַר זייער גוטסקייט צו מיר.

ווען מיין פאָטער איז אַהיימגעקומען, האָט מיין שוועסטער

פייגל געהערט ווי דער טאַטע האָט דערציילט דער מומען, אַז ער איז געווען אין פּעטריקאָוו און דער שוחט פון שטאָט, וועלכער איז געווען אַ קרוב פון מיין טאַטן, וויל מיר געבן פיר טעג עסן און איך זאָל קומען צו פאָרן לערנען אין דער פּעטריקאָווער ישיבה. און וואָס וועט זיין מיט די רעשט דריי טעג? — האָט די מומע געפרעגט. האָט דער טאַטע געענטפערט: פאַרלאָז זיך אויף משהן, ער וועט זיי שוין געפינען. און זיי האָבן אָפּגערעדט מיך אַוועקצונעמען פון דער סטאָליאַרניע און אַוועקשיקן מיך אין דער ישיבה. מיין שוועסטער איז באַלד געקומען צו לויפן צו מיר און דאָס דערציילט. בין איך גיך אַהיימגעלאָפן זען דעם טאַטן. ווען דער טאַטע האָט מיך דערזען, האָט ער מיך אַרומגענומען און האָט מיר געגעבן אַ קוש. איך האָב אָנגעהויבן וויינען. פרעגט מיך מיין פאָטער, וואָס איך וויין? דערצייל איך אים, אַז ביי יאָסלען אין דער סטאָליאַרניע איז מיר זייער שלעכט, מען פּלאָגט מיך, איך דאַרף אַלעמען באַדינען און איך וויל דאָרט מער ניט זיין. רופט זיך אָפּ מיין מומע: קום צוריק אַהיים, מיר וועלן דיך שיקן לערנען אין דער פּעטריקאָווער ישיבה. איך האָב דער מומען אַ קוש געטאָן פאַר דעם.

מיין פאָטער האָט באַשטעלט לייזער דעם בעל־עגלה, וואָס איז געווען פאַררעכנט צו די בעסערע פורמאַנעס, ער האָט געהאַט אַ געשפּאַן מיט אַ גרויסער בויד. ווען עס איז אָנגעקומען דער טאָג ווען איך האָב געדאַרפט פאָרן, בין איך אַרומגעלאָפן זיך געזעגענען מיט אַלע מיינע פריינד און קרובים. ווען לייזער איז צוגעקומען צו אונדזער הויז, האָב איך זיך צעקושט מיט די ברידער און שוועסטער. מיר האָבן גאָר נישט גערעדט, נאָר אַ טייל האָבן געוויינט. לייזער האָט געטאָן אַ געשריי: „נו, קליינער פּאַסאַזשיר, קריך שוין אַריין אין דער בויד!". מיינע עלטערע שוועסטער זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דער בויד — ביז לייזער דער פורמאַן האָט געגעבן אַ שמיץ די פערד, האָט געגעבן אַ געשריי „וויאָ" און די פערדלעך זיינען אַוועק גאַלאָפּ. אין דער בויד זיינען געווען נאָך דריי פּאַסאַזשירן, איינער איז אויך געפאָרן קיין פּעטריקאָוו און צוויי פרויען זיינען געפאָרן ערגעץ אַנדערש.

איך בין געזעסן נאָענט צו לייזערן, איך האָב געוואָלט זען די

פעלדער און וועלדער און דערפער וואָס מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן. ס'איז דאָך געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך בין אַרויסגעפאָרן אין דער גרויסער וועלט. פאַרנאַכט זיינען מיר צוגעקומען צו אַ קרעטשמע. לייזער האָט אונדז געזאָגט אַז דאָ וועלן מיר איבער־שלאָפן אַ פּאָר שעה, עס וועט ווייניק קאָסטן, מען דאַרף נאָר געבן עפּעס צו לייזן, ווער אַ שנאַפּס און ווער אַ בולקע מיט אַ טעפּל ציקאָריע. געשלאָפן זיינען מיר אין אַ גרויסן צימער וואו עס איז געווען אויפגעשלאָגן אַ גרויסע פּאַלאַטקע באַדעקט מיט שטרוי. אַלע האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף דער זעלבער פּאַלאַטקע אין אָנטועכץ. גאַנץ פאַרטאָג האָט לייזער געגעבן אַ געשריי מיט זיין באַסאָווער שטימע: „פּאַסאַזשירן, גענוג צו פּאָפן, שטייט אויף אין וועג אַריין!". די באַלעבאָסטע פון דער קרעטשמע, וואָס האָט אויס־געזען צו זיין זייער אַ פריינדלעכע, האָט געזאָגט צו לייזערן: „וואַרט אַביסל, לאָמיר מאַכן אַ וואַרעם טעפּל ציקאָריע מיט אַ שטיקל ברויט". מען האָט אויף גיך אָפּגעגעסן און אַריין אין דער בויד. פאַרנאַכט האָבן מיר ווייטער געדוט אין אַ צווייטער אכסניה. אין אָוונט, ווען די זון האָט אָנגעהויבן אונטערצוגיין, האָבן מיר דערזען הייזער, וואָס אַמאָל געדיכטערע, ביז לייזער האָט אויסגעשריגן: „מיינע סוסימלעך האָבן אייך געבראַכט קיין פּעטריקאָוו, גאָט צו דאַנקען!". לייזער האָט מיך נאָך צוגעפירט צו ר' אלי' דעם שוחטס אכסניה.

---

בין איך בשלום אָנגעקומען קיין פּעטריקאָוו. דער שוחט ר' אליה, מיין מאַמעס קרוב, איז געווען זייער אַ שיינער ייד. אַחוץ שחיטה האָט ער אויך געהאַט אַ שטיקל אכסניה. ער האָט געהאַט דריי דערוואַקסענע טעכטער. מען האָט מיך זייער גוט אויפגענומען. מען האָט מיר געגעבן גוט אָפּצועסן און אַ באַקוועם אָרט צום שלאָפן. צומאָרגנס אין דער פרי זאָגט צו מיר ר' אליה: מיין זון, דו ביסט ניט קיין פרעמדער ביי מיר, דיין מאַמע, ע"ה, איז געווען מיינע אַן אייגענע. דו קוקסט מיר אויס צו זיין אַ וואויל יינגל. וועסט קענען אין די אָוונטן אַרויסהעלפן מיינע טעכטער אין דער אכסניה און דערפאַר וועסטו קענען עסן ביי מיר אַ גאַנצע וואָך.

ר' אלי' האָט מיך אַוועקגעפירט אין דער ישיבה און איך האָב

זיך אָנגעהויבן געשמאַק צו לערנען. נאָכן ערשטן טאָג לערנען האָט דער ראש־ישיבה מיך צוגערופן און האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן אַלץ און האָט צו מיר געזאָגט, אַז מיין פּאָטער האָט אים דערציילט אַז איך בין אַ יתום און אַ גרויסער שטיפער, און ער זאָל אויף מיר גוט אַכטונג געבן. איך האָב דערציילט דעם ראש־ישיבה, וואָס דער שוחט האָט מיר פאַרגעלייגט, האָט ער געזאָגט אַז דערווייל זאָל איך עס אָננעמען און שפּעטער וועט ער שוין זען צו קריגן פאַר מיר נאָך דריי טעג עסן, דעמאָלט וועל איך קענען אויפהערן צו אַרבעטן ביינאַכט; עס זיינען פאַראַן טייל נעכט, ווען ישיבה־בחורים דאַרפן לערנען.

דעם ערשטן אָונט, באַלד נאָך דעם עסן, רופט מיך איינע פון די מיידלעך, רייזל, איז געווען איר נאָמען, איך זאָל מיט איר מיט־גיין אין שטאַל אַריין און צולייכטן איר מיט דער לאַמטער, ווייל זי דאַרף געבן די בהמות צו עסן. איך בין מיט איר מיטגעגאַנגען; אין שטאַל איז זי אומגעפאַלן. איך האָב אָוועקגעשטעלט די לאַמטער און איך בין צוגעגאַנגען זי אויפהייבן, האָט זי מיך צוגעשלעפּט צו זיך און מיר געגעבן אַ קוש. איך האָב זיך דערשראָקן און גע־זאָגט צו איר, אַז זי האָט דאָס ניט געדאַרפט טאָן. זי איז געווען אַ סך עלטער פון מיר: אַ הויכע, אַ שיינע, מיט לאַנגע שוואַרצע האָר, פאַרפלאָכטן אין לאַנגע צעפּ. זי האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ האַנט און האָט געזאָגט צו מיר, אַז אַ ייִנגל וואָס איז שוין בר־מצווה דאַרף זיך ניט שעמען. איך האָב איר געענטפערט אַז איך בין אַ יתום און בין ערשט אַלט צוועלף יאָר. איך בין געווען שטאַרק פאַרשעמט און געהאַלטן די אויגן אַרונטערגעלאָזן. אָבער ווען איך האָב פון אונטער די ברעמען אַ קוק געטאָן אויף איר, האָב איך געקראָגן מער מורא: זי האָט אויסגעקוקט ווי ווילד; די שיינע האָר צעפלאָשעט, די בלוזקע אין אומאָרדענונג און צעעפנט. און ווען זי האָט מיך מיט אירע הענט אַרומגענומען, האָב איך זיך פשוט ניט געקענט רירן. מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון דער עלטערער שוועסטער: וואו זענט איר דאָרט פאַרפאַלן געוואָרן? זי האָט מיך אָפּגעלאָזט. זי האָט זיך אויף גיך פאַרריכט די האָר און דאָס קלייד און מיר זיינען אַרויס פון שטאַל.

יענע נאַכט האָב איך לאַנג ניט געקענט איינשלאָפֿן. מיר האָט זיך אַלץ אויסגעדאַכט אַז אָט־אָט קומט זי צו מיין געלעגער. און ווען איך בין ענדלעך איינגעשלאָפֿן, האָט זיך מיר געחלומט מיין היימשטעטל לאָיעוו, און איך האָב פּלוצלינג דערזען, ווי שיין מיין היימשטאָט איז: ניט קיין גרויסע שטאָט, נאָר מיט שיינע גאַסן, עטלעכע מיט טראָטואַרן. דער גרויסער מאַרק געפֿינט זיך אין מיטן שטעטל. אויפֿן מאַרק אַ גרויסער ראָד קראָמען. פֿריער גייען די באַקאַליינע קראָמען, דערנאָך די שניטקראָמען און אייזנקראָמען און אַפֿילו אַ פּאָר וויינקראָמען. ניט ווייט פֿון די קראָמען זיינען געשטאַנען די ביידלעך וואו מען האָט פֿאַרקויפֿט ברויט, ווייסע חלה, בייגל און קאָנדיטאָרסקע זאַכן, ליימענע טעפּ און טעפּלעך, שיסלען און לעפֿל. ניט ווייט פֿון מאַרק איז געפֿלאָסן דער דניעפּער, אַ שיינער, אַ גרויסער טייך, וואו פּאַראַכאָדן פֿלעגן זיך אָפּשטעלן ביי אַ שיינער געביידע, וואָס איז געשטאַנען העלפֿט אויף דער יבשה און העלפֿט אויפֿן וואַסער. ווען מען פֿלעגט דערהערן דעם פֿייף פֿון אָנקומענדיקן פּאַראַכאָד, פֿלעגט זיך דאָס גאַנצע שטעטל אַ לאָז טאָן צום טייך צו זען ווער עס קומט אָן אין שטעטל. ספּע־ציעל זיינען געלאָפֿן די פֿרויען פֿון מאַרק מיט קיישלעך ברויט, בולקעס, בייגל און קאָנדיטאָרסקע זאַכן, כדי צו לייזן געלט ביי די אָנקומענדיקע. ווייטער האָב איך געזען אין חלום, ווי שבת פֿאַר נאַכט מאַרשירן אַרויס די יונגוואַרג, ייִנגלעך און מיידלעך, אויף דער זאַמדגאַס. ווי עס ווערט פֿינצטער, דערהערט מען שפּילן כּלי־זמר, און איך, צוזאַמען מיט אַלע ייִנגלעך, לויפֿן אַוועק צו דעם הויז וואו מען שפּילט, וואו מען פּראַוועט אַ חתונה. דער בדחן שטייט אויף אַ שטול און זאָגט גראַמען און די כּלה מיט די ווייבער אַרום איר וויינען. דאָ האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט. עס איז שוין געווען טאָג. איך בין גיך געלאָפֿן דאַוונען אין שול אַריין און באַלד זיך געזעצט לערנען. אָבער איך קען ניט לערנען, איך טראַכט כּסדר, צי דאַרף איך תּשובֿה טאָן פֿאַר דעם וואָס עס האָט פּאַסירט נעכטן ביינאַכט אין שטאַל, און איך ענטפֿער זיך אַליין, אַז עס איז ניט מיין שולד. ווען איך בין צוריקגעקומען פֿונעם לערנען, האָב איך זיך געשעמט צו קוקן רייזלען אין די אויגן אַריין.

דאָס לערנען אין דער ישיבה איז מיר אָנגעקומען זייער שווער. ווייל די גרופע ישיבה־בחורים, אין וועלכער דער ראש־ישיבה האָט מיך אַריינגעזעצט, האָט שוין געלערנט איבער אַ וואָך צייט. דער ראש־ישיבה האָט מיך געהייסן נאָך אַמאָל איבערגיין די גמרות בבא מציאה, בא קמא און גיטן, וואָס איך האָב שוין געלערנט אין דער היים ביים רבין ברוך־משה. עס האָט נישט געהאָלפן מיין טענה, אַז איך האָב דאָך דאָס שוין איין מאָל געלערנט. ביינאַכט האָב איך נאָך דערצו באַדאַרפט אַרויסהעלפן אין דער אכסניה. און ווען איך האָב שוין געקריגן די דריי טעג עסן און כ׳האָב מער נישט געדאַרפט אַרבעטן ביינאַכט, האָב איך שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן פאַרלאָזן פעטריקאָוו, פאָרן צו מיין פריינד גרישאַ אין מאָזיר און אַרבעטן אין דער אַפטייק, ווייל דאָס איז געווען מיין פּלאַן, מיט וועלכן איך האָב זיך אַרומגעטראָגן נאָך אין דער היים.

אין עטלעכע וואָכן אַרום, ווען איך בין אַרויס פון קלויז, זיינען געשטאַנען צוויי דערוואַקסענע בחורים און האָבן געטיילט בלעט־לעך, געשריבענע אין יידיש. איך האָב גענומען לייענען דאָס בלעטל וואָס מען האָט מיר דערלאַנגט. די פּראָקלאַמאַציע איז געווען גע־שריבן ספּעציעל צו ישיבה־בחורים. עס האָט פון דאָרט אַרויס־געשריען: דאַרמאַיעדניקעס, גייט בעסער אַרבעטן און ברענגט נוצן דער געזעלשאַפט! אונטערגעשריבן איז געווען דער „בונד פון רוסלאַנד, ליטע און פוילן״. דער שוחט ר׳ אליה האָט דערזען ביי מיר די פּראָקלאַמאַציע. האָט ער מיך געפרעגט, צי רייזל, זיין טאָכטער, האָט דאָס מיר געגעבן. איך האָב געזאָגט, אַז ניין. האָט ער זיך אָפּגערופן אַז איך זאָג אַ ליגן. איך בין געוואָרן ברוגז, און איך האָב באַלד אָנגעשריבן אַ בריוו צו מיין פריינד גרישאַ ראַדי־קאָוויטש, אַז איך קום צו זיי אין מאָזיר.

צווייטער טייל

# אין דער רוסישער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג

## קאַפּיטל 4

אַ וואָך שפּעטער האָב איך פאַרלאָזט פּעטריקאָוו און איך בין אַוועק קיין מאָזיר. איך בין פאַרפאָרן צו די ראַדיקאָוויטשעס. זיי האָבן מיך אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. גרישאַ האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט. אַזוי אויך זיינע עלטערן — פיינע, יונגע, אינ־טעליגענטע מענטשן. זיי האָבן מיך באַלד אַריינגעפירט אין אַפּטייק און האָבן מיך פאָרגעשטעלט זייער פּראָוויזאָר. זיין נאָמען איז גע־ווען קלאַטשקין. אַ הויכער, שיינער יונגערמאַן מיט לאַנגע האָר און פענסנע אויף די אויגן. דער פּראָוויזאָר האָט מיך געפרעגט, צי איך קען רוסיש. האָט גרישאַ פאַר מיר געענטפערט אַז איך בין געגאַנגען אין אוטשילישטשע אין לאָיעוו. זאָגט דער פּראָוויזאָר, אַז פיר מאָל אין וואָך, אין די אָוונטן, וועט ער מיר געבן אוראָקן און וועט מיך צוגרייטן צו דער גימנאַזיע. איך האָב אים זייער געדאַנקט. מען האָט מיר צוגעטיילט אַ קליין צימערל אין אַפּטייק, וואו עס איז געשטאַנען אַ שמאָל בעטל, אַ קליין טישעלע און אַ לאָמפּ, און אַרום די ווענט זיינען געווען אַ סך פּאָליצעס מיט ביכער און מיט פלעשלעך. נאָך דעם האָט ה' ראַדיקאָוויטש מיך אַריינ־געפירט אין דער סטאָלאָווע און האָט געזאָגט צו זיין פרוי, אַניוטאַ, זי זאָל זאָגן די דינסט, אַז עס איז געקומען צו זיי צופאָרן אַ גוטער גאַסט, אַ פּלימעניק, און מען דאַרף מיך באַדינען פּונקט ווי זייער אייגענעם גרישאַ. נאָך דער וועטשערע האָט ה' ראַדיקאָוויטש מיך אַריינגעפירט אין אַפּטייק און ער מיטן פּראָוויזאָר קלאַטשקין האָבן מיר דערקלערט וואָס עס וועט זיין מיין אַרבעט: צו האַלטן אַלץ אין אָרדענונג אין אַפּטייק; צו פאַרקויפן די פּראָדוקטן וואָס זיינען באַצייכנט מיט פּרייזן; און פאַנאַנדערצוטראָגן מעדיצינען.

די אַרבעט אין דער אַפּטייק איז מיר זייער געפעלן געוואָרן.

די אַפּטייק פלעגט מען עפענען 8 אַזייגער אין דער פרי. זי איז געווען אָפן ביז 10 ביינאַכט. דער פּראָוויזאָר קלאַטשקין פלעגט אַריינקומען 10 אַזייגער אין דער פרי און פלעגט אַרבעטן ביז 7 אַזייגער אין אָוונט. אויף איין שעה, פון איינס ביז צוויי, פלעגט ער אַוועקגיין עסן. פיר מאָל אַ וואָך פלעגט ער פון זיבן אַזייגער ביז אַכט מיר געבן אַ לעקציע. איך האָב ביי אים געלערנט גראַמאַ־טיק, ליטעראַטור, אַריטמעטיק און לאַטיין. ער איז געווען אַזוי גוט צו מיר, אַז איך האָב אים שטאַרק ליב באַקומען. איך פלעג פאָלגן אַלץ וואָס ער האָט מיך געהייסן טאָן. גרישאַ איז שוין געגאַנגען אין גימנאַזיע, און ער פלעגט מיר אויך אַ סך אַרויסהעלפן אין מיינע אורָאָקן.

גאַנץ אָפט פלעגט מיר דער פּראָוויזאָר קלאַטשקין געבן בי־כער אַוועקצוטראָגן צו זיינער אַ פריינדין, ליזע, אַ קורסיסטקע, אַ שיין יונג מיידל. זי איז געגאַנגען נעט געקליידט און אירע שיינע, שוואַרצע האָר זיינען געווען קורץ געשוירן. זי פלעגט מיך אויפ־נעמען זייער פריינדלעך. אָפט מאָל פלעגט זי מיר וועלן געבן געלט פאַרן ברענגען די ביכער, אָבער איך האָב ניט געוואָלט נעמען, און איך פלעג איר דערביי זאָגן אַז פאַרן פּראָוויזאָר קלאַטשקין וועל איך גיין אַפילו אין פייער.

איין מאָל ווען איך בין געקומען מיט קלאַטשקינס ביכער, האָב איך זי ניט געטראָפן אין הויז, און קלאַטשקין האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל קיינעם די ביכער ניט געבן, נאָר בלויז ליזען אין האַנט. האָב איך די ביכער געבראַכט צוריק. אָבער קלאַטשקינען האָב איך שוין אויך ניט געטראָפן. האָב איך די ביכער גענומען צו זיך אין צימערל. איך בין געווען נייגעריק אַ קוק צו טאָן וואָס פאַר אַ ביכער דאָס זיינען, און איך האָב געפונען צווישן זיי אויך אַ יידישע בראָשור — „די פיר ברידער”. איך האָב דאָס אָנגעהויבן לייענען, און איך האָב אויף מיין גלעגער איבערגעלייענט די גאַנצע בראָשור. אויף מאָרגן האָב איך דערציילט קלאַטשקינען, אַז איך האָב ניט געטראָפן ליזען, אַז איך האָב די ביכער געבראַכט צוריק און אַז דאָס יידישע ביכל „די פיר ברידער” האָב איך איבערגעלייענט. דערביי האָב איך אים אויך דערציילט וועגן דער

פראָקלאַמאַציע פון „בונד" צו די ישיבה־בחורים, צוליב וועלכער איך בין אַוועק פון דער ישיבה. נאָך דעם האָט קלאַטשקין מיך גע־בעטן קומען צו אַ סכאָדקע מאָרגן ביינאַכט.

איך האָב געציילט די שעהען צו זען און באַקענען זיך מיט די מענטשן וואָס ווילן אויסקעמפן אַ בעסערע וועלט. צו דער סכאָדקע האָב איך אָנגעטאָן אַ נייעם גאַרניטור, און געפירט אַהין האָט מיך קלאַטשקין. מיר זיינען צוגעקומען צו אַ גרויס הויז אויף דער פאַראָמער גאַס. עס האָט אויסגעקוקט, ווי אַ רייכע פאַמיליע זאָל דאָרט האָבן געוואוינט. מען האָט אָנגעקלונגען. אַ שיקסע האָט אונדז געעפנט די טיר. מיר זיינען אַריין אין אַ שיין מעבלירטן זאַל, אויף די ווענט — פאַרשיידענע מאָלערייען. אין זאַל זיינען געזעסן ביי אַ פופצן מענטשן, ביי אַ צען מענער, די מערסטע האָבן אויס־געקוקט סטודענטן, און פינף יונגע מיידלעך. קלאַטשקין האָט מיך פאָרגעשטעלט: טאָוואַרישטש מאָסעי גאָלדאָווסקי. רופט זיך אָפּ איינער: מיר וועלן אים רופן „גאָלאָדני" (דאָס הייסט דער הונגעריקער). עס זיינען געהאַלטן געוואָרן צוויי רעפעראַטן. דער ערשטער רעפערענט איז געווען וואָלאָדקע, אַזוי האָט מען אים פאָרגעשטעלט. ער האָט גערעדט וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע. נאָך אים האָט ליזע, אַ טאָכטער פון אַ רייכער פאַמיליע, גערעדט וועגן רעוואָלוציע און עוואָלוציע. איך האָב זייער ווייניק פאַר־שטאַנען פוןביידע רעפעראַטן, אָבער איך האָב זיך געשעמט צו שטעלן פראַגן. נאָך די רעפעראַטן האָט מען באַהאַנדלט מיין פראַגע און איך בין אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ מיטגליד אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. איך בין דעמאָלט אַלט געווען 13 יאָר, נאָר איך האָב אויסגעזען ווי אַ בחור פון 16. דאָס איז געווען אין יאָר 1897.

## קאַפּיטל 5

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ קאַפּיטל אין מײַן לעבן.

קלאַטשקין איז געווען דער פאָרשטייער פון דער גרופּע. ער פלעגט האַלטן רעפעראַטן וועגן פאַרשיידענע סאָציאַלע פּראָבלע־מען. ער האָט מיר אויך ווײַטער געגעבן די אוראָקן. אָפטמאָל פלעגט ער דערבײַ מיר געבן צו פאַרשטיין די רעפעראַטן וואָס ער פלעגט האַלטן בײַ די סכאָדקעס. ער איז געווען צו מיר ווי אַ פאָטער צו אַ קינד, און איך האָב אים ליב געקראָגן און אים געווען טיף דאַנקבאַר פאַר אַלץ וואָס ער האָט פאַר מיר געטאָן. אויף די סכאָד־קעס איז פאַר מיר געווען צום אינטערעסאַנטסטן ווען מען פלעגט ריידן וועגן דעם אַרבעטערס לאַגע. איין מאָל האָט מען בײַ אַזאַ סכאָדקע־זיצונג מיר פאָרגעלייגט, אַז איך זאָל פאַרשפּרייטן פּראָ־קלאַמאַציעס אין דער שוועבעלעך־פאַבריק. איך האָב דאָס גערן אָנגענומען. אין דער פאַבריק האָבן געאַרבעט אַ פאַר הונדערט אַרבעטער און זיי זײַנען דאָרט אומבאַרחמנותדיק עקספּלואַטירט געוואָרן. זיי האָבן געאַרבעט לאַנגע שעהען, פאַר זייער אַ קליינעם לוין און בײַ שרעקלעכע סאַניטאַרע באַדינגונגען. דאָרט וואו מען האָט געטונקען די שוועבעלעך איז געווען אַזוי הייס און אָן יעדער ווענטילאַציע, אַז די אַרבעטער האָבן זיך געשטיקט און זיי האָבן געמוזט אַלע דרײַ שעה אַרויס אויף דער פרישער לופט.

פלוצלינג האָט מײַן פאָטער זיך באַוויזן אין מאָזיר. מען האָט אים געדונגען צו דאַוונען ימים־נוראים פאַרן עמוד. נו, איז ער געקומען מיך זען צו די ראַדיקאָוויטשעס אין אַפּטייק (ער האָט זיי געקענט פון לאָיעוו). פון זײַן האַלטן זיך האָב איך לײַכט געקענט דערקענען, אַז עס שמעקט אים שטאַרק ניט, איך זאָל אַרבעטן אין דער אַפּטייק. האָט ער מיך געפרעגט צי איך וועל אים אַרויסהעלפן

ווי אַ משורר. איך האָב אים געענטפערט אַז איך וועל קומען צו אים אין אכסניה פאַרנאַכט און מיר וועלן דאָרטן ריידן וועגן דעם. איך האָב אים דערביי אויך געזאָגט אַז מיין קול האָט זיך שוין גע־ביטן. ווען מיין פאָטער איז אַוועק, האָב איך געפרעגט ביי קלאָטש־קינען און ביי די ראַדיקאָוויטשעס, וואָס איך זאָל טאָן; איך וויל ניט זיין קיין היפאָקריט און גיין אין שול אַריין דאַווענען, אָבער פון דער אַנדער זייט וויל איך ניט אָנטאָן דעם טאַטן קיין עגמת־נפש און אים אָפזאָגן. זיי האָבן מיר געראָטן, איך זאָל יאָ גיין אין שול מיטן טאַטן דאַווענען אין די ימים־נוראים. פאַרנאַכט, ווען איך בין געקומען צו מיין טאַטן אין דער אכסניה אַריין און אים געזאָגט אַז איך וועל אים העלפן זינגען, האָב איך געזען אַז עס טוט אים שטאַרק הנאה. קיין סך פּראָבעס האָט ער ניט געדאַרפט מאַכן מיט מיר, ווייל איך האָב דאָך גוט געדענקט דאָס דאַווענען און זיינע ניגונים, זינט איך בין 5 יאָר אַלט געוואָרן האָב איך, אינאיינעם מיט מיין עלטערן ברודער, כסדר אים אַרויסגעהאָלפן ביים עמוד.

ווען עס איז געקומען ראש־השנה, האָב איך אָנגעטאָן מיינע ישיבה־בחורשע בגדים און בין אַוועק אין שול אַריין העלפן דעם טאַטן זינגען. נאָך דעם דאַווענען האָב איך געזאָגט צו מיין פאָטער, אַז איך דאַרף גיין, ווייל די ראַדיקאָוויטשעס וואַרטן אויף מיר. דער פאָטער האָט מיך געהייסן איבערוואַרטן איבערן קידוש. נאָכן קידוש איז דער שמש פון שול צוגעקומען צו מיין טאַטן און אים געפרעגט ווער איך בין. מיין פאָטער האָט אים געענטפערט: דאָס איז מיין זון משה. רופט זיך אָן דער שמש: אַלע האָבן אים אָנ־גענומען פאַר אַ שייגעץ, ווייל ער אַרבעט אין דער אַפּטייק אום שבת און יום־טובים. עס איז באַלד געוואָרן אַ טומל: אַזאַ מעשה! ר' בן־ציונס זון אַרבעט אום שבת און אום יום־טוב! איך בין באַלד אַרויסגעלאָפן פון שול און גיך אַוועק צו די ראַדיקאָוויטשעס און זיי דערציילט וואָס עס האָט געטראָפן. מער אין שול אַריין בין איך ניט געגאַנגען.

נאָך ראש־השנה איז מיין פאָטער געקומען אין אַפּטייק אַריין און האָט געפאָדערט, מען זאָל מיך אָפּלאָזן פון דער אַרבעט. די ראַדיקאָוויטשעס ווי אויך דער פּראָוויזאָר האָבן אים זייער פיין

אויפגענומען און מיט אים פריינדלעך איינגעטענהט. נאָר זיי האָבן ניט געקענט פועלן ביי אים, אַז איך זאָל בלייבן אַרבעטן אין דער אַפּטייק. אונטערן דרוק פון מיין פאָטער האָב איך פאַרלאָזט די אַפּטייק. ער האָט ווייטער פון מיר פאַרלאַנגט, איך זאָל צוריקפאָרן אין דער ישיבה, אָבער דאָס האָב איך אָפּגעוואָרפן און איך בין זיך ניט געקומען געזעגענען מיט מיין פאָטער. באַלד ווי ער איז אַוועקגעפאָרן, בין איך צוריקגעקומען צו די ראַדיקאַוויטשעס; אָבער זיי האָבן מורא געהאַט מיך צו לאָזן אַרבעטן אין אַפּטייק, ווייל מיין פאָטער האָט זיי געסטראַשעט אַז מען וועט אַרויפלייגן אַ חרם אויף זייער אַפּטייק, אויב איך וועל צוריקקומען אַרבעטן דאָרט.

איך בין אַוועק אַרבעטן אין דער שוועבעלעך־פאַבריק. איך האָב געאַרבעט אין דער פּאַקונג־אָפּטיילונג, אַריינגעלייגט די שאַכטלען שוועבעלעך אין הילצערנע קעסטלעך און זיי פאַרקלאַפּט מיט טשוועקעס. איך האָב זיך אין פאַבריק באַקענט מיט אַ סך אַרבעטער און איך האָב אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אַ „סאָיוז" פון די פאַבריק־אַרבעטער. איך האָב אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון אַכט אַרבעטער און איך האָב צו זיי אַראָפּגעבראַכט דעם חבר קלאַטשקין, ער זאָל פאַר זיי ריידן. איך האָב אויך פאַרשפּרייט סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציעס אין דער פאַבריק. באַלד האָב איך אויסגעפונען אַז אין דער פאַבריק איז דאָ אַן אָרגאַניזירטע גרופּע וואָס באַלאַנגט צום „בונד". דער „בונד" האָט ניט קאָנקורירט מיט די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. פאַרקערט, ביי אַ סטרייק אָדער ביי אַ מאַי־פייערונג האָט מען געאַרבעט צוזאַמען. מען האָט מיך געבעטן קומען צו דער סכאָדקע פון די חברים פון „בונד", וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן ביי חנה־חיהן אין הויז אויף דער אָסטראָגער גאַס. דאָרטן האָב איך געטראָפן עטלעכע אַרבעטער פון דער שוועבעלעך־פאַבריק. די סכאָדקע איז גערופן געוואָרן אַרומצוריידן די פאָדערונגען וועגן פאַרבעסערן די לאַגע פון די שוועבעלעך־אַרבעטער, און אויב מען וועט ניט נאָכגעבן די פאָדערונגען, זאָל מען אַרויסגיין אין סטרייק. מען האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט און מען האָט אויך מיך אין דעם קאָמיטעט אַריינגענומען. ווי דער פאָרשטייער פונעם קאָמיטעט האָט מען אויסגעקליבן יאַנקל קימ־

באַראָווסקי, וועלכער איז געווען פאַרליבט אין חנה־חיהס שוועסטער. אין דעם קאָמיטעט זיינען אויך אַריין די חברים וואָס אָן זיי האָט די פאַבריק ניט געקענט אַרבעטן. זיי זיינען געווען ספּעציאַליסטן צו קאָכן און פאַרמישן געוויסע כעמישע שטאָפן פאַר די שוועבע־לעך. עס האָט גענומען עטלעכע חדשים צייט צו אָרגאַניזירן אַלע אַרבעטער פאַר אַ סטרייק. דעמאָלט האָט מען אין געהיים אויסגע־ווילט אַ סטרייק־קאָמיטעט וואָס האָט אויסגעאַרבעט די פאָדע־רונגען: 10 שעה אַ טאָג אַרבעט; 8 שעה אַרבעט פאַר די וואָס אַרבעטן ביים הייסן שוועבל; 2 רובל אָן הוספה אויף דער וואָך; קריגן באַצאָלט פאַר איבער־שעהן; נישט באַזיכן די קעשענעס פון די אַרבעטער ווען זיי גייען אַהיים, און אויסוויילן אַ קאָמיטעט פון 5 מאַן וואָס זאָל פאַרטרעטן די אַרבעטער. איך האָב ענערגיש גע־אַרבעט אין דעם סטרייק־קאָמיטעט. מיך האָט מען אַרויסגעשטעלט פונעם קאָמיטעט צו ריידן מיט די בעלי־הבתים פון דער פאַבריק, ווייל איך האָב גערעדט אַ גוטן רוסיש. און ווען דער בעל־הבית האָט אָפּגעוואָרפן די פאָדערונגען, האָבן מיר אַרויסגערופן אַ סטרייק. עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן אָפּצושטעלן די גאַנצע אַרבעט אין דער פאַבריק. צוצוקומען צו דער פאַבריק איז געווען אוממעגלעך, ווייל פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע האָבן אַרומגערינגלט אַלע געביידעס. דער קאָמיטעט האָט ווידער געהאַט אַ באַגעגעניש מיט די אייגנטימערס פון דער פאַבריק און נאָך אַ לאַנגער צייט דעבאַטירן וועגן די פאָדערונגען, האָבן זיי ווידער אָפּגעזאָגט. גלייך נאָך צוריק פון די פאַרהאַנדלונגען, האָט די פּאָליציי אַרעסטירט מיך און נאָך אַנדערע 5 מיטגלידער פון קאָמיטעט. אָבער פון דער פאַבריק אין שטאָט אַריין האָט מען געדאַרפט אַדורכגיין אַ קליין וועלדל. אָנגעקומען צום וועלדל, האָבן אַלע אַרעסטירטע אָנגע־הויבן צו לויפן. און אַזוי האָט זיך מיר איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון אַרעסט.

איך בין באַלד געלאָפן זיך זען מיט מיין גוטן חבר און לערער קלאַטשקין, און ער האָט מיר געראַטן, איך זאָל תיכף אַוועק פון שטאָט, איך זאָל פאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. מיר אָבער האָט זיך ניט געגלוסט צו פאַרלאָזן מאָזיר, ווייל איך בין שוין דעמאָלט גע־

ווען פֿאַרליבט אין אַ מיידל, וואָס איז אויך געווען טעטיק אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע, אויך זי איז צו מיר נישט געווען גלייכגילטיק. זי איז געווען אַ קורסיסטקע, זייער אַ שיינע, הויך געוואַקסן, מיט אַ שלאַנקער פיגור און איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון מיר. זי איז געווען שטאַרק איבערגעגעבן דער באַוועגונג. איך האָב זייער ליב געהאַט צו הערן זי ריידן, און איך פלעג אָפט איר צוהעלפן אין פּאַרטייאישע אַרבעטן. איר נאָמען איז געווען פרידע קאַראסיק. פון קלאַטשקינען בין איך אַוועק צו פרידען, אויך זי האָט מיר געראַטן אַוועקצופאָרן פון שטאָט. זי האָט מיר צוגעזאָגט צו שרייבן בריוו און האָט מיר געגעבן 25 רובל.

נאָר ווען איך בין געקומען אויף מיין קוואַרטיר צוצונעמען מיינע זאַכן טרעף איך דאָרט אַ פּאָליציאַנט וואָס וואַרט אויף מיר מיך צו אַרעסטירן. איך האָב זיך גיך געלאָזט לויפן און עס האָט זיך מיר ווידער איינגעגעבן צו אַנטלויפן. לויפנדיק האָב איך פאַרלוירן די 25 רובל. איך האָב אָבער געהאַט ביי זיך אַנדערע פינף רובל, האָב איך געדונגען אַ פור און בין אַוועקגעפאָרן קיין כוואַיניק, וואו עס האָט געוואוינט מיין שוועגערין שרהס אַ שוועסטער. איך בין פאַרפאָרן צו איר. זי האָט מיך זייער שיין אויפגענומען. אָבער זי האָט געוואוינט ביי איר שוועער אין איין צימער און זיי זיינען געווען זייער אָרעם. איך האָב פאַרשטאַנען אַז קיין געלט אַנטלייען ביי זיי וועל איך ניט קענען, האָב איך ביי איר געפרעגט וואו עס וואוינט דער שוחט פון שטעטל, ווייל מיין חברטע פרידע האָט מיר געזאָגט אַז דעם שוחטס טאָכטער, מרים, אַ בונדיסטקע, איז געווען צו גאַסט אין מאָזיר און זיי זיינען געוואָרן נאָענטע פריינד. אַריינקומענדיק צום שוחט, האָב איך באַלד געזאָגט אַז איך בין ר׳ בן־ציונס אַ זון און אַז איך בין אַ חזן, און אַזוי ווי דעם נאָענטסטן שבת איז געווען ראש־חודש, ווייל איך ביי זיי דאַווענען פאַרן עמוד. דער שוחט האָט מיך זייער גוט אויפגענומען און האָט געזאָגט צו מיר, אַז מיר זאָלן אַריבערגיין צום רב און מיט אים זיך דורכריידן. מיר זיינען אַוועק צום רב, און דער שוחט האָט מיך פאָרגעשטעלט און דערציילט וואָס איך וויל. טוט דער רב אַ בייזן קוק אויף מיר און זאָגט: „ר׳ בן־ציונס אַ זון אָן פּאות?" ווען אַ

באָרד האָט ער ניט גערעדט, ווייל איך בין דאָך אַלט געווען ערשט 15 יאָר. איך האָב אים געענטפערט אַז איך האָב זיך געלערנט אין דער קיעווער קאָנסערוואַטאָריע און דאָרטן האָב איך ניט געקענט טראָגן קיין פאות. דער רב האָט דעם תירוץ אָנגענומען און האָט מסכים געווען, איך זאָל דאַוונען פאַרן עמוד. איך האָב פאַרלאַנגט 20 רובל פאַרן דאַוונען; זיי האָבן אָפּגעדונגען אויף 10 רובל. איך האָב זיי געבעטן די 10 רובל פרייטיק, ווייל שבת־צו־נאַכטס, באַלד נאָך הבדלה, מוז איך אַוועקפאָרן. פרייטיק־צו־נאַכטס האָב איך געדאַוונט פאַרן עמוד און קהל איז געווען פון מיר צופרידן, די פּני פון שטעטל האָבן מיך פאַרבעטן יעדער צו זיך אויף שבת, אָבער איך האָב זיי אָפּגעדאַנקט, ווייל איך האָב צוגעזאָגט מרימען, דעם שוחטס טאָכטער, אַז איך וועל גיין מיט איר צו אַ סכאָדקע פון „בונד". בין איך אַוועק צום שוחט עסן וועטשערע. איך האָב זיך דאָרט געהאַלטן פרום, איך האָב געמאַכט קידוש און געטראָגן די גאַנצע צייט דאָס היטל אויפן קאָפּ. נאָך דעם עסן זאָג איך אַז איך מוז אַוועקגיין צו זען זיך מיט מיין שוועגערינס שוועסטער, אָבער אין דער אמתן האָב איך זיך געהאַט אָפּגערעדט מיט מרימען צו טרעפן זיך אין אַ געוויס אָרט. די סכאָדקע איז ניט פאָרגעקומען, ווייל עס איז ניט געווען קיין אָרט וואו זי אָפּצוהאַלטן. בין איך מיט מרימען אַוועק שפּאַצירן, און מיר האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט. פּלוצלונג איז אָנגעקומען דער שמש פון שול, איז צו צו אונדז און האָט אָנגעהויבן מיך מוסרן: אַ חזן זאָל גיין מיט אַ מיידל אונטערן אָרעם! מיר זיינען אַוועק אָן אַן ענטפער. איך האָב באַלד ביי זיך באַשלאָסן אַוועקצופאָרן שבת פאַרטאָג. איך האָב באַדאַרפט גיין צו פוס אַ 2 מייל כדי צוצוקומען צו אַ דאָרף און צו דינגען אַ פור וואָס זאָל מיך נעמען צו דער באַן קיין קיעוו. פאַרטאָג האָב איך זיך אָנגעטאָן אין דער שטיל, גענומען מיין פּעקל און געלאָזט זיך אין וועג אַריין. אויפן וועג האָב איך באַגעגנט אַ פור וואָס איז געפאָרן דירעקט צו דער סטאַנציע. איך האָב דעם פויער באַצאָלט 25 קאָפּיקעס און ער האָט מיך צוגעפירט צו דער באַן.

## קאַפּיטל 6

איך בין אָנגעקומען קיין קיעוו בשלום. מײַן לערער קלאַטשקין האָט מיר געהאַט געגעבן עטלעכע אַדרעסן אין קיעוו און אין יעקאַטערינאָסלאַוו. ווי איך בין געקומען קיין קיעוו, האָב איך זיך אָנגעהויבן נאָכפֿרעגן אויף דעם מיטגענומענעם אַדרעס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז געווען אויף פּאָדאָל. איך האָב גענו־מען אַ דראָשקע און צוגעפֿאָרן אַהין. בין איך אַרײַן אין הויז און האָב זיך נאָכגעפֿרעגט אויף אַניוטאַן, האָט די בעל־הביתטע גע־זאָגט אַז זי וועט קומען ערשט 8 אַזייגער אין אָוונט. איך האָב גע־בעטן אַ דערלויבעניש צו וואַרטן אויף איר. ווי נאָר איך האָב איר געזאָגט אַז איך הייס גאָלאָדני, האָט זי מיך אַרײַנגעפֿירט אין אַ צימער און מיר געזאָגט אַז איך מעג דאָרט פֿאַרבלײַבן. איך בין געווען זייער מיד פֿון דעם פֿאָרן, האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אין בעט און איך בין אײַנגעשלאָפֿן.

איך בין אָפּגעשלאָפֿן אַ היפּשע פּאָר שעה. פּלוצלינג האָב איך ווי אין שלאָף דערהערט ווי צוויי מיידלעך רײדן צווישן זיך אויף רוסיש: „וואו וועט ער שלאָפֿן היינט בײַנאַכט? עס איז שפּעט צו זוכן פֿאַר אים אַ קוואַרטיר. און די פּאָליציי קען נאָך קומען מאַכן אַן אָבלאַווע". רופֿט זיך אָפּ איינע: „עס איז אַ גרויס בעט און מען קען שלאָפֿן אין דרײַען". דאָ האָב איך זיך אין גאַנצן אויפֿ־געכאַפּט און איך האָב דערזען פֿאַר זיך צוויי יונגע, שיינע מייד־לעך. איך האָב זיך שטאַרק דערפֿרייט ווײַל איינע פֿון זיי איז גע־ווען פֿרידע, דאָס מיידל פֿון מאָזיר, וואָס איך האָב ליב געהאַט. די צווייטע איז געווען אַניוטאַ. מיר איז געוואָרן גרינגער אויפֿן האַרצן. פֿרידע האָט מיר דערציילט אַז מען האָט זי גערופֿן עט־לעכע מאָל צו דער זשאַנדאַרמעריע און מען האָט זי געהאַלטן אין

איין אויספרעגן וועגן מיר. מען האָט זי באַשולדיקט אַז זי ווייס וואו איך געפין זיך. מען האָט זי געסטראַשעט מיט אַרעסטירן און זי האָט זיי געמוזט צוזאָגן אַז זי וועט מיך ברענגען צו זיי, און זי איז באַלד נאָך דעם אַנטלאָפן צו אַניוטאַן קיין קיעוו. ביידע האָבן געהאַלטן אַז מער ווי עטלעכע טעג קען איך דאָ ניט זיין, ווייל די סכנה פון אַן אַבלאַווע איז זייער גרויס, און זיי האָבן געהאַלטן אַז איך זאָל פאָרן מיטן פאַראָכאָד קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. זיי זיינען געווען גערעכט: שפּעט ביי דער נאַכט איז געווען אַן אַבלאַווע. די מיידלעך האָבן מיך באַהאַלטן אין אַ שאַפע מיט אַ סך קליידער און די פּאָליציי האָט מיך צום גליק ניט געפונען. באַלד צומאָרגנס בין איך מיטן פאַראָכאָד אַוועק קיין יעקאַטערינאָסלאַוו.די גאַנצע רייזע האָט מיך געקאָסט צען קאָפּיקעס און מען האָט מיר נאָך צוגעגעבן אַ גרויסע בולקע, ווייל עס איז געווען אַ קאָנקורענץ פון איין פאַראָכאָד מיט אַ צווייטן.

איך בין אָנגעקומען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו אין חודש מערץ. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם אַדרעס אויף קאַראַימסקי גאַס. איך בין צוגעקומען צום הויז, האָב איך געזען אַז עס שטייט אַ בחור אָנגעטאָן אין אַ בלוי העמדל, אַרומגעבונדן מיט אַ שנור מיט פּראַנדזן. איך פרעג אים צי דאָ געפינט זיך קאַליע טעפּער. הייבט ער אָן צו שמייכלען און ענטפערט: „דאָס בין איך, גאָ־לאָדני". איך פרעג אים, פון וואַנען ער ווייסט מיין נאָמען, זאָגט ער אַז ער האָט געקראָגן אַ טעלעגראַמע פון קיעוו, פון פרידען, אַז איך קום, און אַזוי ווי אין דעם הויז איז ער פאַרשריבן אויף אַן אַנדער נאָמען, איז ער געשטאַנען פאַרן הויז און געוואַרט. ער האָט מיך אַריינגענומען אין זיין צימער. דאָרט האָב איך געטראָפן זיין פריינדין שאַפּיראָ. זיי האָבן מיך אויסגעפרעגט אויף מאָזירער חברים (זיי האָבן גוט געקענט קלאַטשקינען און אויך פרידען). קאַליע טעפּער און שאַפּיראָ זיינען ביידע געווען זייער אינטערעסאַנטע מענטשן. זיי האָבן שוין דעמאָלט פאַרנומען אַ גרויסע פּאָזיציע אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. זיי זיינען גע־ווען זייער נאָענט מיט פּלעכאַנאָוון. איך בין געווען זייער צופרידן פון דער באַקאַנטשאַפט מיט אַזעלכע אָנגעזעענע מענטשן. דעם

צווייטן אונטנ האָט מיך קאָליע מיטגענומען צו אַ סכאָדקע. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף דאָרט אָפּגעבן אַ באַריכט פון די שטעט פון וועלכע איך קום: וואו עס האַלט דאָרט מיט דער אַר־בעט, מיטן צוגרייטן דעם פּראָלעטאַריאַט צו אַרויסטרעטונגען, צו סטרייקן, צו דעמאָנסטראַציעס. איך האָב זייער גוט אויסגענומען מיט מיין באַריכט.

---

נאָך עטלעכע טעג אָפּרוען זיך האָב איך אָנגעהויבן זוכן אַר־בעט, און איך האָט געפונען אַ פּאָסטן אין אַ געהילץ־געשעפט ווי אַ פּריקאָשטשיק. די פירמע האָט זיך גערופן „פּאָליי לעסנאָי טאָר־גאָווליי", זייער אַ רייכע פירמע. צו באַקענען זיך מיט דער אַרבעט איז מיר אָנגעקומען זייער גרינג, ווייל פּאָלייס זון האָט געהאַט די השגחה אויף מיין אַרבעט, און ער איז געווען אַ חבר, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. ער האָט זיך אויך גוט געקענט מיט קאָליען.

איך בין געוואָרן אַקטיוו אין דער באַוועגונג. אין גיכן זיינען אָנגעקומען פּעק ליטעראַטור פון זשענעווע. זיי זיינען אָנגעקומען אויפן נאָמען פון מיין בעל־הביתס זון, איסאַק פּאָליי, כלומרשט ווי סחורה פאַר דער פירמע. איך האָב זיך פאַרנומען מיט פאַנאַנדער־טיילן די דאָזיקע ליטעראַטור וואו מען דאַרף. דאָס פאַרשפּרייטן איז אַדורך גלאַטיק.

מען האָט אָנגעהויבן זיך גרייטן צו אַ מאַי־דעמאָנסטראַציע (דאָס איז שוין געווען אין יאָר 1900). איך בין באַשטימט געוואָרן אין דעם ענגן קאָמיטעט וואָס האָט געדאַרפט אָנפירן מיט אַלע צוגרייטונגען. אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט האָב איך זיך געטראָפן מיט איסאַק פּאָליי. ער האָט זיך מיט מיר דערפרייט, כאָטש ער איז געווען פאַרווינדערט מיך צו טרעפן אין אַזאַ וויכטיקן קאָמיטעט. עס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אַ סך פּראָקלאַמאַציעס. איין אויפ־רוף האָט גערופן צו דער בשותפותדיקער מאַי־דעמאָנסטראַציע פון אַלע פּאַרטייען: סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, „בונד", סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן און „סאָיוז ראַבאָטשעי וואָלי". די צוגרייטונגען זיינען געווען זייער אָנגעשטרענגטע. דער גובערנאַטאָר האָט אַרויס־געגעבן אַ באַפעל צו דער זשאַנדאַרמעריע און צו דער פּאָליציי,

זיי זאָלן מיט אַלע מיטלען ניט דערלאָזן דורכצופירן די דעמאָנ־סטראַציע.

עס קומט דער ערשטער מאַי. עס קלייבן זיך מאַסן אַרבעטער אויף דער גרויסער דערובאַסאָווסקאַיאַ גאַס. מען וויקלט פאַנאַנדער די רויטע פאָנען פון די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די דעמאָנסטראַציע רירט זיך פון אָרט. מען הייבט אָן גיין. באַלד לויפן אָן זשאַנדאַרן אויף פערד און פּאָליציי מיט נאַגייקעס אין די הענט, און מען שלאָגט אויף לינקס און רעכטס. די פערד טרעטן אויף מענטשן. עס הייבן אָן פאַלן קרבנות. די דעמאָנ־סטראַנטן רייסן אַרויס שטיינער פון ברוק און וואַרפן זיי אין דער פּאָליציי און אין די זשאַנדאַרן. אויך פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרן פאַלן פאַרוואונדעטע. זעענדיק אַז עס קען קומען צו אַ גרויס בלוט־באָד, האָט דער קאָמיטעט געגעבן אַ באַפעל זיך פונאַנדערצוגיין. אַ סך דעמאָנסטראַנטן זיינען אַרעסטירט געוואָרן, צווישן זיי אויך איסאַק פּאליי.

איך גיי אַוועק אין קאַנטאָר וואו איך אַרבעט. איסאַקס פּאָטער פרעגט מיך פאַרוואָס איך בין ניט געקומען אין דער פרי צו דער אַרבעט. ער פרעגט מיך אויך אויף זיין זון. איך זאָג אים, אַז ער איז אַרעסטירט. זאָגט ער מיר, אַז איך זאָל מער ניט קומען צו דער אַרבעט, און ער צאָלט מיר אויס וואָס עס קומט מיר. ער בעט, איך זאָל אויף אים קיין פאַראיבל ניט האָבן, עס וועט אויך זיין בעסער פאַר מיר, איך זאָל זיך דאָ ניט געפינען. אָן אַ וואָרט בין איך אַרויס און אַוועק אויף מיין קוואַרטיר.

ווען איך בין אָנגעקומען אַהיים, האָב איך געטראָפן ביי מיר אין צימער די חברים באָריס און ליזאַ שאַפּיראָ וואַרטן אויף מיר. זיי האָבן מיר געוויזן אַ בריוו פון צענטראַלן קאָמטעט, אַז מען האָט מיך באַשטימט צו זיין דער פאָרשטייער פון צ״ק פאַר אומלעגאַלער ליטעראַטור אויפן גאַנצן „יוזשני קראַי״, ד״ה אויף אוקראַינע, און אַז מיין זיצאָרט זאָל זיך געפינען אין אָדעס. דאָס אַלץ האָט גע־דאַרפט אַראַנזשירט ווערן אין משך פון אַ חודש צייט.

אין צווישנצייט האָב איך נאָך באַקומען אַ מיסיע צו העלפן דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון ברײנסקער זאַוואָד אַרויסצורופן

אַ סטרייק פון די אַרבעטער פון דער פאַבריק. דער ברייזסקער זאַוואָד איז געווען אַ וויכטיקער צענטער פון שווערער אינדוסטריע. ער האָט פּראָדוצירט לאָקאָמאָטיוון און אַנדערע אייזן־און שטאָל־פּראָדוקטן. עס האָבן דאָרט געאַרבעט עטלעכע טויזנט מענטשן. די עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער איז געווען אַזוי שוידערלעך, אַז די אַרבעטער אַליין האָבן זיך געריסן צו רעוואָלטירן. נאָך דעם ווי דער באַדן פאַרן סטרייק איז שוין געווען צוגעגרייט, האָט דער סטרייק־קאָמיטעט, וואו איך בין אויך געווען אַ מיטגליד, באַשלאָסן דעם טאָג פון סטרייק און אַז ער דאַרף זיך אָנהייבן 11 אַזייגער אין דער פרי אין מיטן דער אַרבעט. דער ברייזסקער זאַוואָד איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן געמויערטן פּאַרקאַן פון שטיינער און האָט פאַרנומען אַ גרויסע שטרעקע פון אַן ערך 25 בלאָקס. אין דער מויער זיינען געווען 4 אַריינגענג. ביי יעדן אַריינגאַנג זיינען געשטאַנען פּאָליציאַנטן און האָבן געהיט. יעדער אַרבעטער האָט געהאַט אַ נומער וואָס ער האָט געטראָגן אויפן האַלדז. אָן דעם נומער האָט אַן אַרבעטער ניט געקענט אַריינגיין אָדער אַרויסגיין. דער סטרייק־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אַז איך זאָל זיך אַריינקריגן אין זאַוואָד און זיך דערוויסן וואו עס געפינט זיך די מאַשינעריע וואָס גיט די טרייבקראַפט פאַר דער גאַנצער פאַבריק, ווייל דאָרט געפינט זיך אויך דער פייפער וואָס זאָגט אָן די אַרבעטער ווען אָנצוהייבן אַרבעטן און ווען איבערצורייסן די אַרבעט. מען האָט געקראָגן פאַר מיר אַ נומער פון אַן אַרבעטער וואָס איז קראַנק געווען. איך בין זייער שטאָלץ געווען פון דער פאַראַנטוואָרטלעכער מיסיע וואָס מען האָט מיר אָנפאַרטרויט. אין טאָג פון סטרייק האָב איך געדאַרפט זיך אַריינבאַקומען אין דער אָפּטיילונג וואו עס געפינט זיך דער פאַבריק־פייפער און זען אַז פּינקטלעך 11 אַזייגער זאָל געלאָזט ווערן אין גאַנג דער פייפער און דאָס דאַרף אָנזאָגן דעם סטרייק. אין דער אָפּטיילונג זיינען אַ טייל אַרבעטער געווען אָרגאַניזירט און זיי האָבן מיר געדאַרפט העלפן זיך אַקעגנשטעלן די לייט וואָס וועלן פּרוּוון אָפּשטעלן דאָס פייפן.

7 אַזייגער אין דער פרי פון דעם באַשטימטן טאָג פון סטרייק בין איך אַריין אין פאַבריק צוזאַמען מיטן גרויסן שטראָם אַרבע־

טער. איך האָב געוויזן „מיין" נומער ביים טויער און כ׳בין אַדורך בשלום. איך האָב געדאַרפט פיר שעה צייט זיך אויסבאַהאַלטן און אַרומוואַלגערן זיך אין פאַרשיידענע פּלעצער, מען זאָל ניט באַמערקן אַז איך טו גאָרניט. פּינקטלעך 11 אַזייגער בין איך אַריין אין דער מאַשין־אָפּטיילונג, איך בין דרייסט צוגעגאַנגען צום פייפער און אים נאָכגעלאָזט. אַ הילכיקער פייף האָט זיך געלאָזט הערן. באַלד זיינען צוגעלאָפן עטלעכע מענטשן און האָבן געוואָלט אָפּשטעלן דאָס פייפן, אָבער אונדזערע אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן זיך אַוועקגעשטעלט. עס איז אויסגעבראָכן אַ גרויס געשלעג און מיר האָבן די פּאָר חברהלייט גוט צעהרגעט. די אַרבעטער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די אַרויסגענג. פון אַלע וועגן האָבן אַרבעטער געשטראָמט צו די טויערן, און ביז די פּאָליציי איז אָנגעקומען, זיינען אַלע אַרבעטער פונעם טאָג־שיכט שוין געווען אין גאַס. באַלד זיינען אויך אָנגעקומען סאָלדאַטן און זשאַנדאַרמעריע. זיי האָבן געטריבן דעם עולם אַרבעטער צוריק אין פאַבריק אַריין. דער סטרייק־קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע זאָלן זיך אַוועקזעצן אויף דער ערד און ניט גיין צוריק צו דער אַרבעט.

באַלד איז אָנגעקומען דער גובערנאַטאָר אַליין. ער האָט פאַרלאַנגט אַז פאָרשטייערס פון די סטרייקערס זאָלן זיך פאַר אים פאָרשטעלן. דער סטרייק־קאָמיטעט האָט באַלד אויפן אָרט באַשטימט עטלעכע מענטשן. איך בין אויך געווען צווישן זיי. און ווען מיר זיינען צוגעגאַנגען נאָענט צום גובערנאַטאָר, האָט ער געגעבן אַ באַפעל אונדז צו אַרעסטירן. מיר האָבן זיך געלאָזן לויפן. באַלד האָב איך געהערט אַ געדיכטע שיסעריי הינטער אונדז (דאָס האָט דער גובערנאַטאָר באַפוילן אונדז נאָכצושיסן). אַזוי לויפנדיק, האָט מיך אַ קויל געטראָפן אין פוס. איך בין אַוועקגעפאַלן. פּאָליציי איז צו צו מיר און מיך אַוועקגעפירט אין אוטשאַסטאָק. דערנאָך האָט מען מיך אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל און מען האָט מיר אַרויסגענומען די קויל פון פוס. די זעלבע נאַכט בין איך אַנטלאָפן פון שפּיטאָל מיט דער הילף פון איינעם פון די דאָקטוירים וואָס איז געווען אַ חבר און ער האָט, לויט די אינסטרוקציעס פון דער

פּאַרטיי, געהאָלפן מיר אַנטרונען ווערן. איך בין אַוועק צו דער באַן און געפאָרן קיין קיעוו צו מיין חברטע פרידע. דאָ האָב איך אויס־געפונען אַז זי האָט געמוזט אַנטלויפן פון קיעוו, ווייל די פּאָליציי האָט אויף איר געוואָרפן אַן אויג און האָט זי אַרומגעזוכט. מען האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן צו אירע עלטערן וואָס האָבן געוואוינט אין קאָלענקאָוויטש, 10 וויאָרסט פון מאָזיר. קאָלענקאָ־וויטש איז געווען אַ באַן־סטאַנציע פאַר מאָזיר און פאַר אַ רייע אַנדערע שטעטלעך אַרום. דער רוב קאָלענקאָוויטשער יידן זיינען געווען בעלי־עגלות וואָס האָבן פאַנאַנדערגעפירט אויף פורלעך צו די אַרומיקע שטעטלעך די פּאַסאַזשירן וואָס זיינען אָנגעקומען מיט דער באַן. קאָלענקאָוויטש איז געווען אַ ריין יידיש שטעטל און אַלע קראָמען האָבן געהערט צו יידן.

---

ווען איך בין אָנגעקומען קיין קאָלענקאָוויטש, בין איך פאַרפאָרן צו העניע גאָרעליק, צו וועלכער איך האָב געהאַט אַ בריוו פון קיעוו. העניע גאָרעליק איז געווען אַן אַקטיווע טוערין אין „בונד". איך האָב זי געפרעגט צי זי קען פרידע קאַראַסיק, האָט זי מיר געענטפערט אַז פרידע וועט באַלד קומען צו איר, — און אָט קומט אַן פרידע. מיר דערפרייען זיך איינער מיטן צווייטן. פרידע זאָגט מיר אַז איך זאָל קומען צו איר אין הויז, ווייל זי האָט גע־זאָגט איר פאָטער אַז זי האָט אַ חתן. פרידע איז געווען אַ יתומה. זיי זיינען געווען צוויי קינדער: אַ זון, וואָס איז שוין געווען אַ חתונה־געהאַטער, און זי, פרידע. דער פאָטער איז געווען אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער, ער האָט פאַרמאָגט צוויי הייזער. אין איינעם האָט געוואוינט דער פאָטער און אין אַנדערן דער זון. ער האָט אַחוץ דעם פאַרמאָגט פינף פערד מיט ברישקעס, וועלכע פלעגן פירן פּאַסאַזשירן פון באַן קיין מאָזיר. ער האָט אויך אין אַ משך פון עטלעכע יאָר געהאַלטן די פּאָסט. ער איז געווען פאַררעכנט צו די אָנגעזעענע יידן אין שטעטל. פרידע האָט מיך אַריינגעפירט צו איר פאָטער אין הויז. זי האָט מיך פאַר אים פאָרגעשטעלט: טאַטע, דאָס איז מיין חתן. ער איז בן־ציונס אַ זון. זיין טאַטע איז דעם לאָיעווער רבינס משולח. מיין טאַטן האָבן אַלע געקענט, ווייל ער

איז אויך געווען אַ חזן און ער פלעגט אָפט מאָל דאַוונען אין מאָזיר און אין די שטעטלעך אַרום מאָזיר.

מיר האָבן אָפּגערעדט, מען זאָל שרייבן צו מיין טאַטן, אַז ער זאָל צושטימען, איך זאָל חתונה האָבן מיט פרידען און ער זאָל קומען קיין קאָלענקאָוויטש. איך בין דערווייל געבליבן ביי פרידען אין הויז, און איך האָב זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט געבן רוּ־סישע אוראָקן. איך האָב גערעכנט 25 קאָפּיקעס פאַר אַ שעה. איך האָב געהאַט 8 אוראָקן: 5 זיינען געקומען צו מיר און צו 3 האָב איך געדאַרפט גיין אַהיים. אין אָנהייב האָב איך פאַרדינט 2 רובל אַ וואָך. דערנאָך האָב איך געהויבן דעם פרייז און מיין פאַר־דינסט איז געוואָקסן ביז 3 רובל אַ וואָך.

מיין פאָטער איז געקומען צו פאָרן און איז פאַרפאָרן צום רב. ער האָט מיר געלאָזט וויסן אַז איך זאָל קומען צו אים. פרידע, מיין כלה, איז מיט מיר מיטגעגאַנגען. ער האָט מיך אַריינגערופן אין אַ צווייט צימער און האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס מיידל געפעלט אים, אָבער עס איז צו פרי פאַר אַ ייִנגל פון 17 יאָר חתונה צו האָבן, און עס איז פאַר אונדז ניט שיין זיך משדך צו זיין מיט אַזאַ יידן ווי פרידעס פאָטער. איך האָב מיין פאָטער געענטפערט, אַז איך האָב זי ליב, און אויך זי, פרידע, האָט ניט קיין מוטער, פונקט ווי איך, און מען טאָר דאָך ניט אָנטאָן צער אַ יתומה — דעמאָלט האָט מיין פאָטער מסכים געווען אויפן שידוך — און מען האָט געשטעלט אַ חופּה.

---

אין עטלעכע וואָכן אַרום זיינען מיר אַוועקגעפאָרן קיין אָדעס. איך האָב זיך דאָרט באַלד גענומען צו מיין פאַרטייאישער אַרבעט. איך האָב געדאַרפט אָרגאַניזירן אין יעדער שטאָט אַ גרופּע חברים און באַשטימען איינעם פון זיי, אַ זיכערן מענטשן, פאַר אַ פאַר־שטייער, צו וועמען איך זאָל קענען צושיקן אומלעגאַלע ליטעראַטור. מיין ראַיאָן איז געווען זייער אַ גרויסער. ער האָט זיך געצויגן פון אָדעס ביז קיעוו. איך אַליין האָב געדאַרפט אַרומפאָרן אין די אַלע שטעט כדי איינצושטעלן די פאַרבינדונגען. איך האָב זיך תיכף געמוזט נעמען צו דער אַרבעט און איך האָב ניט געקענט זיין מיט

פרידען צוזאַמען. פרידע איז אַריין אין טראַגן. זי איז אַוועקגע־
פאָרן קיין מאַזיר. אין אַ קורצער צייט אַרום איז דראַמאַשקין גע־
שיקט געוואָרן פון צענטראַלן קאָמיטעט מיר אַרויסהעלפן אין דער
אַרבעט. אויך קאָליע טעפער מיט זיין פרוי זיינען דעמאָלט אָנגע־
קומען קיין אָדעס. איך האָב אין מיין אַרבעט געדאַרפט זיין שטרענג
קאָנספּיראַטיוו. נאָר געציילטע פירער פון דער באַוועגונג האָבן זיך
מיט מיר געטראָפן. עס איז געווען אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט,
אָבער מען האָט געדאַרפט אַרבעטן שווער, און דערביי זיך אויס־
באַהאַלטן פון דער פּאָליציי. איך בין געווען אַזוי פאַרטאָן אין דער
אַרבעט, אַז איך האָב גאָר ניט געטראַכט אַז ביי מיין פרוי דער־
נענטערט זיך די צייט פון געלעגן ווערן. עס איז דעריבער גע־
ווען פאַר מיר אַ סורפּריז, ווען איך האָב געקראָגן אַ בריוו פון
פרידען, אַז זי האָט מיט מזל געהאַט אַ מיידעלע, אַ שיינע, אין איר
געראָטן, און מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן חנה־לאה. אין דעם
בריוו האָט מיך פרידע געבעטן, אַז איך זאָל קומען קיין מאַזיר.
איך האָב אָבער ניט געקענט פאָרן, ווייל דעמאָלט זיינען אין דער
פאַרטיי אָנגעגאַנגען שאַרפע דיסקוסיעס, וואָס האָבן אין גיכן
געפירט צו דער באַרימטער שפּאַלטונג אויף מענשעוויקעס און
באָלשעוויקעס. עס איז פאַררופן געוואָרן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין
אַ גרויסן שאַכטגרוב הינטער דער שטאָט, קאָליע טעפער, דראַמאַש־
קין, באָריס און איך, וואָס זיינען אָנגערופן געוואָרן „ראַבאָטשיע
אינטעליגענטי", האָבן געדאַרפט דעבאַטירן וועגן דער פראַגע. מיר
האָבן צוגעגרייט די פאַרזאַמלונג זייער קאָנספּיראַטיוו. מיר האָבן
צעשטעלט מענטשן אויפן וועג, זיי זאָלן ווייזן וואוהין מען דאַרף
גיין. מען האָט יעדן פאָסטן געדאַרפט זאָגן דעם פּאַראָל „טאָוואַריש־
טשי", דעמאָלט האָט ער געוויזן דעם ווייטערדיקן וועג. אָבער אין
מיטן פון דער פאַרזאַמלונג איז אָנגעקומען פּאָליציי און זשאַנדאַר־
מעריע, זיי האָבן צעטריבן די פאַרזאַמלונג און אַ סך מענטשן
אַרעסטירט. איך בין אויך געווען אַרעסטירט. מען האָט אָבער ביי
מיר גאָרניט געפונען. מיינער אַ קוזין, אַ סטודענט פון מעדיצין,
איז געקומען אין אוטשאַסטאָק און האָט מיך אַרויסגענומען. מיין
עלטערע שוועסטער, מלכה, האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אָדעס

ביי אונדזערן אַן עלטער־פּעטער, האָט זי געבעטן דעם זון זײַנעם, דעם סטודענט, ער זאָל גיין מיך אַרויסנעמען פון אַרעסט.

ווי נאָר איך בין באַפרייט געוואָרן האָב איך געבעטן ביים פּאַרטיי־קאָמיטעט מען זאָל מיר דערלויבן פאָרן צו מיין פרוי און קינד. איך האָב די דערלויבעניש באַקומען און איך בין באַלד אַוועק קיין מאָזיר. דאָרט האָב איך זיך דערוואוסט אַז פרידע מיטן קינד זיינען שוין אין קאָלענקעוויטש ביי איר פאָטער. בין איך באַלד אַוועק קיין קאָלענקעוויטש. דאָרט איז אויך געווען העניע גאָרעליק, וועלכע איז געווען מיט פרידען זייער באַפריינדעט. אין עטלעכע טעג אַרום גיט אונדז העניע צו וויסן אַז דאָס גאַנצע שטעטל גייט כאַדאָראָם וועגן מרדכי קאראסיקס איידעם, וואָס איז געקומען אין שטעטל אַריין, אַז ער גייט ניט אין שול דאַוונען, ער איז אַ סאָציאַליסט און וויל אַראָפּוואַרפן דעם קיסר. די בעלי־עגלות פון שטעטל האָבן באַשלאָסן אַז ווען איך וועל אַרויסגיין אין גאַס, וועלן זיי מיך באַזוכן צי איך טראָג אַ טלית־קטן, און אויב ניט, וועלן זיי מיך איבערגעבן צו דער פּאָליציי. העניע גאָרעליק האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע שטאַרקע בחורים, זיי זאָלן מיך היטן פון אַן אָנפאַל פון די בעלי־עגלות. איך בין אַרויס אויף דער גאַס מיט פרידען. איך האָב געטראָגן דאָס קינד אויף דער האַנט. זיי, די בעלי־עגלות, האָבן ניט דערוועגט צוצוקומען. מסתמא האָט מען זיי געלאָזט וויסן אַז מען וועט געבן צוריק.

נאָך צוויי וואָכן בין איך מיט פרידען און מיטן קינד אַוועק־געפאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. איך האָב זיך באַזעצט אין אמור, אַ פאָרשטעטל פון יעקאַטערינאָסלאַוו. דאָרט האָט געוואוינט מיין שוועסטער פייגל. זי האָט חתונה געהאַט מיט איינעם אַ פאָגעלסאָן, אַ שוחטס אַ זון. כ׳האָב דאָרט איבערגעלאָזט פרידען מיטן קינד און איך בין אַוועק קיין אָדעס צוריק צו דער פּאַרטיי־אַרבעט. איך האָב זיך רעגיסטרירט אין אָדעס אונטער אַ פאַלשן נאָמען. פרידע איז געוואָרן די פאָרשטייערין פון מיין גרופּע אין יעקאַטערינאָ־סלאַוו. איך בין אָפט געקומען אַהיים צוליבביידע זאַכן: אי צו זען מיין פאַמיליע, אי וועגן פּאַרטיי־ענינים. אָנהייב 1903 האָט פרידע געבוירן אַ צווייט קינד, אַ יינגל, און מיר האָבן אים אַ נאָמען גע־

געבן צדוק, נאָך פרידעס זיידן. מיט צוויי קינדער איז פרידען שווער געווען זיך אַן עצה צו געבן האָבן מיר באַשלאָסן, זי זאָל צוריק־פאָרן מיט די קינדער צו איר פאָטער. איך האָב אַפילו ניט געקאָנט מיטפאָרן, אַזוי שטאַרק בין איך געווען פאַרנומען מיט דער פאַרטיי־אַרבעט. איז אַ חברטע מיט איר מיטגעפאָרן און איר געהאָלפן אונטערוועגס.

דעמאָלט, 1903, איז די אַרבעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, און ספּעציעל פון דער „איסקראַ", געווען זייער אַ שטורמישע: סטרייקן, אָפטע דעמאָנסטראַציעס, אַ מבול פון פּראָקלאַמאַציעס און אַגיטאַציע־ליטעראַטור. מיין גרופּע האָט געדאַרפט פאַרזאָרגן ליטעראַטור פאַר יעדער שטאָט. פּלוצלינג האָט מען מיר צו וויסן געגעבן פון צ"ק, אַז די זובאַטאָווצעס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין מיין גרופּע און אַז מען מוז זי פאַנאַנדערלאָזן און זי אין גאַנצן רעאָרגאַניזירן. און אַזוי ווי די זובאַטאָווצעס קענען מיך גוט און זיי היטן מיך שוין, מוז איך תיכף פאַרלאָזן אָדעס. איך בין אַוועק קיין קיעוו. דאָ האָט מען מיך איבערגעטראָגן אויף אַ נייעם פּאַרטיי־פּאָסטן. מען האָט מיך אַרויסגעשיקט ווי אַן אַגיטאַטאָר צו די פּויערים אין די דערפער. צו ערשט האָט מען מיך געשיקט קיין פינסק צו אָרגאַניזירן די „פּאָלעסקאַיאַ זשעלעזנאַיאַ דאָראָגאַ". דאָ האָב איך געקראָגן אַ בריוו פון פרידען, אַז איך זאָל ניט קומען אַהיים, ווייל פּאָליציי פרעגט זיך נאָך אויף מיר און זי היט דאָס הויז. זי איז שוין געווען אַרעסטירט. מען האָט ביי איר געפּאָדערט, זי זאָל זאָגן וואו איך געפין זיך. זי האָט געענטפערט אַז שוין עטלעכע חדשים האָט זי פון מיר ניט געהערט. נאָך עטלעכע טעג האָט מען זי באַפרייט.

# קאַפּיטל 7

איך בין אָנגעקומען אין פּינסק. (דאָס איז שוין געווען אָנהייב 1904) מיין רעקאָמענדאַציע־בריוו איז געווען צו איינעם מיטן נאָמען אַראָנאַטסקי. צוקומענדיק צום הויז, האָב איך דאָרט געטראָפן שטיין אַ מיידל מיט קורץ־געשוירענע האָר. זי האָט מיך געפרעגט וועמען איך זוך, האָב איך איר געזאָגט אַראָנאַטסקין. פרעגט זי ביי מיר: איז אייער נאָמען גאָלאָדני? זאָג איך יאָ. זאָגט זי צו מיר, אַז איר נאָמען איז שיפרה, זי געהערט צום „בונד”, און דער בונדישער קאָמיטעט האָט זי געשיקט מיך אָפּצוּוואַרטן און ברענגען מיך צו זיי, ווייל זיי האָבן אַ ידיעה, אַז אַראָנאַטסקי איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. איך בין אַוועק מיט שיפרהן צום קאָמיטעט. זי האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַ בעקעריי: דאָ, אין אַ הינטערשטן קעמערל, איז געווען פאַרזאַמלט דער קאָמיטעט פון „בונד”. זיי האָבן מיר דערקלערט, אַז זיי האָבן באַקומען אַ בריוו פונעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן צענטראַל־קאָמיטעט מיך אָפּצוּוואַרטן, ווייל זיי האָבן דעם צ״ק געלאָזט וויסן אַז אַראָנאַטסקי איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. מיר באַראַטן זיך וואָס צו טאָן. איך האַלט אַז עס וואָלט בעסער געווען איך זאָל זיך זען מיט אים און אַזוי אַרום פּרוּוון אים פאַרנאַרן און פון אים פּטור ווערן. דער קאָמיטעט האָט צוגעשטימט. איך האָב איבערגעלאָזט מיינע זאַכן אויף אַ קוואַרטיר ביי שיפרהס אַ פעטער און איך בין אַוועק זיך זען מיט אַראָנאַטסקין. ער האָט מיך זייער פיין אויפגענומען און האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אַ סך חברים. ער האָט מיר פאָרגעלייגט איך זאָל פאַרפאָרן אין אַן אכסניה און ער וועט מיך מיט אַלץ פאַרזאָרגן. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב דאָ אַ פעטער, ער איז אַ מלמד, און עס וועט בעסער זיין, איך זאָל ביי אים איינשטיין. אגב, וועט

מען איינבערענגען פּאַרטיי־געלט. ער האָט מסכּים געווען, און מיר האָבן אָפּגערעדט אַז מאָרגן וועל איך זיין ביי אים אַרומצורעדן מיין ווייטערדיקע אַרבעט.

דעם זעלביקן אָוונט איז אַרעסטירט געוואָרן דער גאַנצער קאָמיטעט פון „בונד" און אויך אַראָנאַטסקי דער פּראָוואָקאַטאָר. צומאָרגנס איז פון מינסק געקומען אַ פאָרשטייער פון „בונד" מיט אַן אינסטרוקציע זיך מיט מיר צו טרעפן. מיר האָבן זיך באַראַטן און מיר האָבן באַשלאָסן אַז אַזוי ווי דער פּראָוואָקאַטאָר אַראָנאַט־סקי וועט מסתּמא באַלד באַפרייט ווערן, זאָל איך אָרגאַנזשירן מיט זיין הילף אַ פאַרזאַמלונג פון די באַן־אַרבעטער און איך זאָל מיט אים גיין צו דער פאַרזאַמלונג, און אויפן וועג, צו דער פאַרזאַמלונג, וואָס האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטן ווערן אין אַ פאַרוואָרפן שטיל געסל, זאָל מען דעם פּראָוואָקאַטאָר אָפּרוימען. די אַרבעט איז איבער־געגעבן געוואָרן דריי חברים, דריי געזונטע יינגלעך, אויף וועמען מען האָט זיך געקענט אין גאַנצן פאַרלאָזן.

עס האָט גענומען צוויי טעג און דער פּראָוואָקאַטאָר אַראָנאַטסקי איז טאַקע באַפרייט געוואָרן. איך האָב זיך באַלד מיט אים געזען. איך האָב אים באַגריסט צו זיין באַפרייאונג און איך האָב אים דערציילט אַז אין צוויי טעג אַרום וועט זיין אַ פאַרזאַמלונג וואָס איך האָב אָרגאַנזשירט מיט די פאָרשטייער פון די באַן־אַרבעטער. ער האָט מיין אַרבעט זייער געלויבט. איך האָב אים געזאָגט אַז איך וועל קומען אים נעמען. די פאַרזאַמלונג האָט באַדאַרפט פאָר־קומען 9 אַזייגער אין אָוונט. די דריי חברים האָבן מיר געוויזן מיט וואָס פאַר אַ וועג איך זאָל אים פירן. איך בין געקומען אים נעמען מיט אַ שעה פריער. ער האָט מיר געזאָגט אַז ער קען נאָך ניט גיין, ווייל ער וואַרט אויף עמעצן. איך אָבער האָב געענטפערט, אַז אויב מיר וועלן ניט קומען באַצייטנס, וועט דער עולם זיך פאַנאַנדער־גיין. איז ער מיט מיר געגאַנגען. עס זיינען אונטערגעקומען די דריי חברים און האָבן אים אַוועקגעלייגט. מיר זיינען זיך באַלד צעלאָפן. איך האָב גענעכטיקט ביי די ערדמאַנס. דאָס איז געווען אַ הויז וואו עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען די אומלעגאַלע טוערס פון „בונד". צומאָרגנס זיינען אַרעסטירט געוואָרן די דריי חברים וואָס

האָבן אויסגעפֿירט דעם אַטענטאַט אויף אַראַנאַטסקין. איך האָב גע־פּלאַנעוועט אין עטלעכע טעג אַרום צו פֿאַרלאָזן פּינסק. ווי איך בין נאָר אַריין אין וואָקזאַל און געדאַרפֿט אַרויפֿגיין אויפֿן באַן, האָט מען מיך אַרעסטירט. מען האָט מיך אַריינגעזעצט אין דער פּינסקער טורמע. די באַשולדיקונג קעגן מיר איז געווען אַז מען האָט ביי מיר געפֿונען אומלעגאַלע ליטעראַטור און אַז איך האָב אַגיטירט די פּויערים אַרונטערצוװאַרפֿן דעם קיסר און צו אָר־גאַניזירן סטרייקן פֿון אַרבעטער. דאָס איז געווען אַ באַשולדיקונג, פֿאַר וועלכער מען האָט געקענט קריגן ביז 20 יאָר פֿאַרשיקונג קיין סיביר. אין טורמע האָט מען מיך געהאַלטן אין אַן איינצל־קאַמער, אָפּגעטיילט פֿון אַלע אַרעסטירטע. איין מאָל איז טאָג פֿלעגט מען מיך אַרויסלאָזן אויפֿן הויף פֿון דער טורמע אויף אַ שפּאַציר, און דעמאָלט האָב איך זיך געזען מיט די אַנדערע אַרעסטירטע. ריידן צו זיי האָט מען ניט דערלויבט, און אויך אָפּשטעלן זיך האָט מען ניט געטאָרט. און אויב מען האָט אין דער מינדסטער מאָס ניט אויסגעפֿאָלגט די באַפֿעלן, פֿלעגן באַלד צולויפֿן די תּפֿיסה־אויפֿזעער'ס און מיט געוואַלד אַריינטרייבן צוריק אין קאַמער אַריין. איין מאָל, ווען איך האָב זיך אין אַזאַ פֿאַל אַקעגנגעשטעלט, האָט מען מיר צוגעגעבן נאָך עטלעכע פֿעסטע קלעפּ. נייעס און אינסטרוקציעס פֿון דער פֿריי פֿלעג איך קריגן פֿון ערדמאַנס איינציקער טאָכטער. זי איז דעמאָלט געווען אַ קינד פֿון אַ יאָר 10. זי איז געווען קליין געוואַקסן, אַז זי פֿלעגט זיך אַוועקלייגן לעבן פֿאַרקאַן פֿון דער טורמע, האָט מען זי ניט געקענט זען. זי פֿלעגט מיר די נייעס אויסזינגען. איין מאָל האָט זי איבערגעגעבן אַז עס אָרגאַניזירט זיך אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע אין דער צייט ווען מען וועט אונדז פֿירן איבער דער גאַס אין באָד אַריין (די טורמע האָט ניט געהאַט קיין אייגענע באָד) און דעמאָלט זאָלן מיר פּרוּוון אַנטלויפֿן. אין טאָג פֿון גיין אין באָד אַריין האָט מען אונדז דורכן מיידעלע גע־לאָזט וויסן אַז די דעמאָנסטראַציע וועט אונדז באַגעגענען, ווען מיר וועלן זיין אַוועק ניין גאַסן פֿון דער טורמע. ענדלעך פֿירט מען אונדז אין באָד. איך גיי אומגעדולדיק אין דער אַרעסטאַנטן־ריי. מיטאַמאָל באַגעגענען מיר די דעמאָנסטראַציע, מיר הייבן אָן

לויפן. איך בין אַריינגעלאָפן אין אַ הויף און זיך באַהאַלטן אין אַן אָפּטריט (אין פּינסק זיינען די אָפּטריטן געווען אויף די הויפן). אַ צווייטער אַרעסטירטער איז מיר נאָכגעלאָפן. די פּאָליציאַנטן האָבן אונדז באַמערקט און סאָלדאַטן האָבן באַלד אָפּגעשלאָסן אַלע אַרומיקע גאַסן און מען האָט מיך מיט דעם צווייטן געכאַפּט און צוריקגעבראַכט אין טורמע.

אין עטלעכע טעג אַרום עפנט זיך פּלוצלינג די טיר פון מיין איינצל־קאַמער און עס באַווייזט זיך די אַלטע פרוי ערדמאַן, די מאַמע פונעם „בונדיסט". לעבן איר שטייט דער טורמע־אויפזעער. זי הייבט אָן אויפן הויכן קול צו שרייען אויף מיר (אין רוסיש), פאַרוואָס איך האָב געטאָן אַזאַ זאַך און פאַרוואָס איך גיי אויף קרומע וועגן. ווען דער אויפזעער האָט זיך אויף אַ ווייל אַוועקגע־דרייט, האָט זי מיר גיך אַריינגעשטופּט אַ פּאַפּיר אין האַנט. נאָך איר אַוועקגיין האָב איך איבערגעלייענט דאָס פּאַפּיר. דאָס איז גע־ווען אַ בריוו פון די חברים. פון דעם בריוו האָב איך זיך דער־וואוסט אַז די פרוי ערדמאַן האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַרן נאַ־טשאַלניק, אַז זי איז מיין מומע און אַז זי וויל מיך אויסמוסרן פאַר מיין פירונג. האָט מען איר דאָס דערלויבט. ווייטער האָבן מיר די חברים געשריבן, ווי איך זאָל זיך האַלטן ביי דער אויספאַרשונג אוןביים פּראָצעס, און אַז די בעסטע אַדוואָקאַטן וועלן מיך פאַר־טיידיקן. באַלד האָט מען מיך איבערגעשיקט אין דער מינסקער טורמע און מען האָט מיך אַריינגעזעצט אין אַן איינצל־קאַמער. ביינאַכט הער איך ווי מען קלאַפּט אין וואַנט. איך ענטפער אַז איך פאַרשטיי דאָס קלאַפּן. פון דעם קלאַפּן האָב איך זיך דערוואוסט אַז אין דער שכנותדיקער קאַמער געפינט זיך קאַליע טעפּער און אַז וולאַדעק־טשאַרני, דעמאָלט אַ פּועלי־ציוניסט, זיצט דאָ אין אַ צווייטער קאַמער. די נאַכט בין איך ווייניק געשלאָפן. מען האָט מיר איבערגעגעבן דורך אויסקלאַפּן דעם גאַנצן רעגולאַמין פאַר פּאָ־ליטישע אַרעסטירטע, און דורכצוריידן זיך דורך קלאַפּן אין וואַנט נעמט אַ סך צייט.

אויף מאָרגן, ווען מען האָט אַלעמען אַרויסגעלאָזן „נאַ פּראָ־

גולקו״ (אויף שפּאַציר) דורכלופּטערן זיך אויפן הויף פון דער טורמע, האָט מען מיך ניט אַרויסגעלאָזן. איך האָב געקלאַפּט אין טיר און געשריען, אָבער קיין אויפזעער איז ניט צוגעקומען. ווען די אַרעסטאַנטן זיינען שוין געווען צוריק אין די קאַמערן, איז צו מיר צוגעגאַנגען דער עלטערער אויפזעער און האָט מיר געזאָגט אַז זיי ווייסן נאָך ניט צו וואָס פאַר אַ קאַטעגאָריע אַרעסטאַנטן איך געהער, ווייל זיי האָבן נאָך ניט דורכגעקוקט די פּאַפּירן פון דער פּינסקער טורמע. עס האָט ניט געהאָלפן מיין פּראָטעסט. עס האָט גענומען עטלעכע טעג, ביז מען האָט מיך אַרויסגענומען אויף אַ „פּראָגולקע״.

איך בין אויסגעקליבן געוואָרן דורך די אַרעסטאַנטן פאַר אַ „סטאַראָסטע״. די באַהאַנדלונג איז געווען זייער אַ שלעכטע. דאָס עסן איז באַשטאַנען פון האַרט, פאַרשימלט ברויט מיט הייס וואַסער וואָס מען האָט גערופן זופּ. אַחוץ וואָס זי איז געווען וואַסערדיק, האָט די זופּ געהאַט אַ פּאַסקודנעם ריח, מען האָט זי ניט געקענט נעמען אין מויל אַריין. אין קאַמער איז געשטאַנען די פּאַראשע אָן אַ צודעק, און די אויפזעערס פלעגן זי לאָזן שטיין שעהען לאַנג. איך האָב פאַרלאַנגט, מען זאָל איבערשיקן די פּראָשעניע צום גובערנאַטאָר, האָט מען אָפּגעזאָגט, ווייל מיר האָבן זיך דאָרט געקלאָגט אויפן עלטסטן אויפזעער פון דער טורמע און געפאָדערט, מען זאָל אים אַוועקנעמען פון זיין אַמט. ווי אַן ענטפער דערויף האָט מען אונדז אָפּגעזאָגט איבערצושיקן אונדזער בקשה צום גובערנאַטאָר, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ בונט אין טורמע: מען האָט געקלאַפּט אין די טירן און מען האָט געשריען מיט אַזוינע קולות, אַז מען האָט געהערט אויף דער גאַס. מען האָט מיך איינגעזעצט אין קאַרצער פאַר אָנפירן מיטן בונט. דער קאַרצער איז געווען אַ פינצטערער קאַמער, אַזוי קליין, אַז עס איז ניט געווען קיין אָרט צו זעצן זיך אָדער צו לייגן זיך; מען האָט געמוזט שטיין די גאַנצע צייט און עסן פאַרדאַרט ברויט מיט אַביסל וואַסער. ווען עס איז געקומען די נאַכט, האָבן שטשורעס גענומען אַרומלויפן, און מורא האָבנדיק, זיי זאָלן ניט צעבייסן די פיס, האָט מען געמוזט האַלטן אין איין אונטערשפּרונגען. די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן האָבן דער-

קלערט אַ הונגער־סטרייק. ווען איך האָב זיך דערוואוסט וועגן דעם, האָב איך אַרויסגעוואָרפן דאָס ברויט וואָס מען האָט מיר געבראַכט. אויף דער צווייטער נאַכט האָט מען מיך אַרויסגענומען פון קאַרצער און מיך צוריק אַריינגעזעצט אין מיין פריערדיקער קאַמער. אויף מאָרגן האָב איך געגעבן צו וויסן אַלע חברים אָנצוהאַלטן דעם הונגער־סטרייק ביז מען וועט ברענגען דעם גובערנאַטאָר צו אונדז. אויפן פערטן טאָג האָט מען אונדז געצוואונגען צום עסן דורך אַ רער. מיר האָבן זיך אָבער ניט אונטערגעגעבן און האָבן אויסגעשפּיגן צוריק. אויפן זעקסטן טאָג איז געקומען דער גובער־נאַטאָר. איך מיט נאָך פיר חברים האָבן דערלאַנגט די זשאַלאָבע צום גובערנאַטאָר. ער האָט אונדז צוגעזאָגט צו פאַרבעסערן דעם רעזשים אין טורמע, און מיר האָבן דעם הונגער־סטרייק אָפּגערופן. דער רעזשים איז טאַקע אַביסל פאַרבעסערט געוואָרן.

באַלד האָב איך געהאַט אַ סורפּריז: מען האָט געבראַכט פרידען אין טורמע אַריין. מען האָט זי אַרעסטירט בעת זי האָט גע־האַלטן אַ רעדע ביי אַ סכאָדקע. די צוויי קינדער האָט זי איבער־געלאָזן ביי איר פאָטער אין הויז. באַלד האָבן מיר געהאַט אַ צווייטן סורפּריז: ווען מיר זיינען געגאַנגען איבערן טורמע־הויף שפּאַ־צירן, האָט מען אונדז אַריינגעוואָרפן אַ שטיינדל, איינגעוויקלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר. אויפן שטיקל פּאַפּיר איז געווען געשריבן אַז מען האָט דערשאָסן דעם פּרעמיער־מיניסטער פאָן פּלעווע. די פרייד־אויסגעשרייען האָבן זיך געלאָזט הערן איבער דער גאַנצער טורמע. באַלד האָט מען אַלע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אַריינגע־טריבן אין די קאַמערן און פאַרשלאָסן די טירן. ביינאַכט האָבן מיר זיך צונויפגערעדט אַז מען דאַרף מאַכן אַ פייערונג: מען דאַרף מאַכן אַן אילומינאַציע איבער דער גאַנצער געביידע פון טורמע לכבוד דעם איינגעגעבענעם אַטענטאַט. מיר האָבן אָפּגערעדט אַז מיר וועלן נעמען די שעניקעס (די שטרויזעק), אויף וואָס מען שלאָפט, אַזוי ווי זיי זיינען אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי, וועלן מיר זיי אַריינשטופּן צווישן די גראַטעס אין די פענצטער און זיי אונטער־צינדן און שרייען דערביי אין כאָר: נידער מיטן קיסר ניקאָלאַי! זאָל לעבן די רעוואָלוציע! — און זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל.

מיר האָבן אַדורכגעפירט די דעמאָנסטראַציע. אויף דער צווייטער זייט, אויף דער פרייער גאַס איז אויך געווען אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט אונדז צוגעגעבן אַ סך מוט. סאָלדאַטן זיינען אַרויסגערופן געוואָרן. זיי האָבן צעטריבן די דעמאָנסטראַציע און פאַרלאָשן די ברענענדיקע שעניקעס. ווען מען האָט אונדז באַגאָסן מיט וואַסער, האָבן מיר זיך געמוזט אונטערגעבן.

אין אַ קורצער צייט אַרום לאָזט מען אונדז וויסן אַז עס איז געלונגען צו קריגן דעם גרויסן אַדוואָקאַט קאָפּערניקאָף צו פאַרטיידיקן די דריי אַרעסטירטע פון פינסק, וועלכע זיינען געווען אָנגעקלאָגט אין דערהרגענען דעם פּראָוואָקאַטאָר אַראָנאַטסקי. דאָס איז געווען אַ גוטע נייעס, ווייל ווען אַדוואָקאַט קאָפּערניקאָף האָט איבערגענומען אַ ספּראַווע, האָט ער זי מערסטנס געוואונען. איך בין די גאַנצע צייט געווען אין איין מורא, אַז מען זאָל מיך ניט אַריינשלעפּן אין דער ספּראַווע פון די דריי חברים, אָבער איך האָב עס אויסגעמיטן: עס איז אָנגעקומען אַן אוקאַז, מיך מיט פרידען צו פאַרשיקן קיין סיביר. מיר האָבן פאַרלאַנגט, מען זאָל אונדז דערלויבן מיטצונעמען אונדזערע צוויי קינדער. מען האָט אונדז די דערלויבעניש געגעבן און געבראַנגט אונדז די קינדער אין דער טורמע אַריין. דאָס איז געווען סוף אַפּריל, 1904.

מיר, אין טורמע, האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו פייערן דעם ערשטן מאַי. מיר האָבן געבעטן אַ דערלויבעניש, אַז מיר זאָלן האָבן די פייערונג אין אַ גרויסער קאַמער. מען האָט אויסגעקליבן צוויי רעדנערס: קאָליע טעפּער און טשאַרני־וולאַדעק. וולאַדעק האָט געזאָגט אַז ער פילט זיך ניט גוט, זאָל ריידן דער „הונגעריקער" (גאָלאָדני, ד"ה איך). באַלד ווי איך האָב פאַרענדיקט ריידן, האָט מען מיר געמאָלדן אַז איך זאָל שוין זיין גרייט אין וועג אַריין. מען האָט מיר אַפילו ניט געגעבן קיין צייט צו לאָזן וויסן מיינע חברים, אַז מען שיקט מיך אַוועק. ווען איך בין אַרויס פון מיין קאַמער איז געוואָרן אַ טומל אין אַלע קאַמערן, ווייל מען האָט געמיינט אַז מ'וויל מיך אַריינזעצן אין קאַרצער. איך האָב צו זיי געשריגן אַז מען שיקט מיך מיט פרידען און מיט די קינדער אַוועק קיין סיביר.

אונטער אַ גרויסן קאָנוואָי האָט מען אונדז געפֿירט צו דער באַן. מען האָט אונדז געבראַנגט קיין מאָסקווע און אַריינגעזעצט אין די בוטירקי, די עטאַפּ־טורמע פֿאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואו מען האָט זיי געהאַלטן געוויינטלעך עטלעכע וואָכן, ביז מען האָט זיי צעשיקט אין פֿאַרשיידענע פֿאַרשיקונגס־ערטער אין סיביר. עס איז דאָרט געווען אַ בוך, וואו אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן אַריינגעשריבן זייערע נעמען. איך האָב אויך אַריינגעשריבן מיין נאָמען.

## קאַפּיטל 8

אין בוטירקי זיינען מיר געזעסן צוויי וואָכן. נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער וואַנדער־וועג קיין סיביר. אויפן וועג גיט מען אונדז איבער, אַז אַזוי ווי עס איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן יאַפּאַן און רוסלאַנד, וועלן מיר אַוועקגעפירט ווערן אין דער אַרכאַנגעלסקער גובערניע. דער וועג האָט געדויערט ביי אַ דריי וואָכן. פון אַרכאַנגעלסק האָט מען אונדז געפירט צו פוס, נאָר פרידע און די קינדער זיינען געזעסן אויף אַ וואָגן, געפירט דורך הינט. מיר זיינען סוף כל סוף אָנגעקומען אין דאָרף קעם. מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ הויז, וואו מיר האָבן געטראָפן אַ גרופּע פון 11 מענער און 5 פרויען. צווישן זיי איז אויך געווען דער שרייבער שולאַטיקאָוו, וואָס מיט אים האָב איך זיך פריער געהאַט באַקענט אין אָדעס. ער האָט געשריבן אין דער „איסקראַ" און איז געווען, צוזאַמען מיט פּלעכאַנאָוו, אין צענטראַלן קאָמיטעט פון דער „איסקראַ".

זיי אַלע זיינען געווען פּאָליטישע פאַרשיקטע און אַלע האָבן זיי געלעבט אין איין קאָמונע. יעדן טאָג האָבן אַנדערע חברים געדאַרפט קאָכן, דערלאַנגען עסן און האַלטן ריין דאָס הויז. מען האָט מיך מיט פרידען אַריינגענומען אין דער קאָמונע. איך בין געווען זייער מיד פון וועג און כ'האָב געוואַרט מיט אומגעדולד, עס זאָל צופאַלן די נאַכט און איך זאָל קענען זיך לייגן שלאָפן. אָבער עס ווערט ניט נאַכט. פרעגן מיך עטלעכע חברים, פאַרוואָס איך לייג זיך ניט שלאָפן ,עס איז דאָך שוין שפּעט. ענטפער איך זיי, אַז איך וואַרט עס זאָל ווערן נאַכט. צעלאַכן זיי זיך און קלערן מיר אויף, אַז דאָ ווערט בלויז אַביסל טונקל און בלויז אַרום פאַרטאָג; דאַקעגן ווינטער איז נאַכאַנאַנד פינצטער, און נאָר אין מיטן טאָג ווערט אַביסל ליכטיקער.

דאָס דאָרף קעם איז באַשטאַנען פון אַ קאַרגע הונדערט הייזער. די איינגעזעסענע איינוואוינערס פון דאָרף זיינען געווען קארעליער וואָס שטאַמען פון פינלאַנד. זייער הויפט־באַשעפטיקונג איז געווען כאַפּן פיש און גיין אויף געיעג אין וואַלד, דער עיקר אויף הירשן. אין דעם דאָרף האָבן געוואוינט צוויי פאַמיליעס וואָס האָבן אָפּגע־קויפט די פיש און די פעלן פון די חיות, און זיי פלעגן דערפאַר געבן די פויערים קאַרטאָפל, קעראָסין אויף באַלייכטונג און בוימל צום קאָכן. אין דאָרף זיינען אויך געווען צוויי דעסיאַטניקעס צו היטן די פאָליטישע פאַרשיקטע. מען האָט אויסגעזוכט אַ הויז פאַר מיר מיט מיין משפחה. דאָ האָבן מיר נאָר געוואוינט. עסן פלעגן מיר גיין אין דעם קאָמונע־הויז. יעדער האָט צוגעטראָגן דאָס געלט וואָס מען האָט געקראָגן פון דער רעגירונג, אַכט רובל אַ חודש. עטלעכע חברים, און איך אויך צווישן זיי, האָבן געקראָגן צוגע־שיקט פון דער פאַרטיי צו עטלעכע רובל, פלעגן מיר אַ העלפט פון דעם געלט אויך אַריינטראָגן אין דער קאָמונע. די מערסטע פאָליטישע אַרעסטירטע זיינען געווען סאָציאַל־דעמאָקראַטן, דריי זיינען געווען סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, איינער אַן אַנאַרכיסט און איינער אַ בונדיסט. מיר זיינען גאַנצע טעג געווען פריי, קיין שום אַרבעט האָבן מיר ניט געהאַט, האָבן מיר געפירט לאַנגע דיס־קוסיעס, געשפּילט שאָך און דאָמינאָ. עס זיינען געווען צווישן אונדז אַ פּאָר סטודענטן, פלעגן זיי האַלטן פאַר אונדז לעקציעס. אין יענער צייט האָט זיך געהאַט פאַנאַנדערגעפלאַקערט די צע־טיילונג אויף מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס, און אַ סך צייט פלעגט ביי אונדז אַוועקגיין אויף דיסקוסיעס וועגן דעם.

צווישן אונדז איז אויך געווען אַ יונגע פרוי, אַ טאָכטער פון אַ גענעראַל פון דער רוסישער אַרמיי. זי פלעגט באַקומען אַ סך געלט פון אירע עלטערן. איר נאָמען איז געווען מאַריאַ פּיאָדראָוונאַ. זי האָט ביי זיך באַשלאָסן צו אַנטלויפן. זי האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן הונט וואָס איז געווען צו איר שטאַרק צוגעבונדן, איז די פראַגע געווען וואָס טוט מען מיטן הונט. עס האָט גענומען עט־לעכע וואָכן, ביז מען האָט דעם הונט פון איר אָפּגעוויינט. מען האָט זי אַריינגעלייגט אין אַ גרויסן קויש וואָס מען פלעגט נוצן פאַר




איך מיט מיין פרוי פרידע און קינדער אויף פאַרשיקונג אין סיביר

פיש און צוזאַמען מיט די קושן פיש האָט מען אויך איר קויש אַרויפגעלאָדעוועט אויף אַ פּראַכטשיף וואָס איז אָפּגעגאַנגען קיין אַרכאַנגעלסק.

די טעג און נעכט האָבן זיך געצויגן מאָנאָטאָן, אַזוי אויך די קעלט. אַפילו אין חודש יולי און אין חודש אויגוסט איז געווען קאַלט און מען האָט געדאַרפט טראָגן אַ מאַנטל. ווינטער פלעגט דער פראָסט זיין אַזוי שטאַרק, אַז ווען מען פלעגט אַ גאָס טאָן אַביסל וואַסער, פלעגט אַראָפּפאַלן אַ שטיקל אייז. מיר פלעגן גיין אָנגעטאָן אין ווויליקעס, אין גרויסע פוטערנע פעלצן און אין גרויסע קוטשמעס אויפן קאָפּ, וואָס האָבן געגרייכט ביז איבערן האַלדז. איין מאָל, דאָס איז געווען אין חודש שבט, האָב איך דער־זען דורכן פענצטער, אַז עס איז געוואָרן זייער ליכטיק. איך בין אַרויסגעגאַנגען זען וואָס דאָס איז, האָב איך פאַר זיך דערזען אַ וואַנט פון פאַרשיידנפאַרביקע שטראַלן, וואָס האָט זיך געצויגן פון הימל ביז צו מיר. איך בין געבליבן ווי פאַרשטייפט פון פאַרוואונ־דערונג. ווען פרידע וואָלט מיך ניט אַריינגערופן אין היוז, וואָלט איך אפשר פאַרפרוירן געוואָרן. דאָס איז געווען דאָס צפון־ליכט (אין רוסיש רופט מען עס „סיעווערנאַיע סיאַניע").

נאָך אַ געוויסער צייט האָט מען אונדז איבערגעפירט אין אָנעגאַ, ניט ווייט פון קעם. אויך דאָרט האָבן די פּאָליטישע פאַר־שיקטע געהאַט אַ קאָמונע. אָנעגאַ איז געווען אַביסל גרעסער פון קעם. די איינוואוינער זיינען אויך געווען קאַרעליער. אָבער אין די טייגעס, ניט ווייט פון דאָרף, האָבן אויך געלעבט לאַפּלענדער אָדער לאַפּן. זיי האָבן געוואוינט אין היילן פון מאָך און האָבן פאַרמאָגט גרויסע טשאַדעס הירשן. זיי האָבן אויסגעזען שרעקלעך: נידעריקע, מיט צעפּלאַטשיקטע נעזער און קליינע אויערן. ווען זיי ריידן, קוויטשען זיי זייער שטאַרק. זיי גייען אָנגעטאָן אין הירשענע פעלן. די קאַרעליער, האָט מען געזאָגט, זיינען זיי אַ מאָל געווען מענטשן־פרעסערס, איצט עסן זיי ניט קיין מענטשן, נאָר אַז איינער פון זיי שטאַרבט, עסן זיי אים אויף.

---

פלוצלינג האָט אַ גרויס אומגליק מיך געטראָפן: פרידע האָט

מיר געבוירן נאָך אַ זון, און באַלד נאָכן האָבן דאָס קינד, האָט זי געקראָגן פּנעוומאָניע און אין עטלעכע טעג אַרום איז זי געשטאָרבן. פֿאַר מיר איז דאָס געווען אַ שרעקלעכע טראַגעדיע. איך בין פֿאַרבליבן איינער אַליין מיט דריי קליינע קינדער, און איין קינד — אַן עופּעלע פֿון עטלעכע טעג. נאָך פֿרידעס לוויה איז דאָס גאַנצע דאָרף מענטשן מיטגעגאַנגען. די חברים האָבן געמאַכט אַ דעמאָנסטראַציע און האָבן געזונגען דאָס ליד „מי זשערטוואַי פּאַלי". די חברים האָבן מיר אַ סך אַרויסגעהאָלפֿן ביים האָדעווען די קינדער.

דער „סיעווערנאָ־זאַפּאַדני קאָמיטעט" פֿון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָט מיר געגעבן צו וויסן, אַז ער פֿאַרלאַנגט פֿון מיר איך זאָל אַנטלויפֿן פֿון פֿאַרשיקונג און צוריקקומען צו דער אַרבעט. עס איז געווען אָנהייב 1905 און די רעוואָלוציע האָט זיך שוין געפֿילט אין דער לופֿט. דער קאָמיטעט האָט מיר געשיקט גענוג געלט און אויך אַ פֿאַלשן פּאַספּאָרט פֿון אַ קלויסטער־דיעקאָן. איך האָב זיך פֿאַרקליידט פֿאַר אַ דיעקאָן, פֿאַרלאָזט לאַנגע האָר, כ'האָב אָנגעטאָן אַ לאַנגן מאַנטל און גענומען אַ גרויסן שטעקן אין האַנט. אַזוי בין איך אַנטלאָפֿן צוזאַמען מיט די קינדער קיין אַרכאַנגעלסק.

דאָרט האָבן מיר זיך אָפּגערוט עטלעכע טעג. דערנאָך האָב איך גענומען די באַן קיין מאָסקווע. ווען איך בין אָנגעקומען אויפֿן מאָסקווער וואָקזאַל, וואו איך האָב געדאַרפֿט בייטן די באַן, האָבן זשאַנדאַרמען מיך פֿאַרהאַלטן. זיי האָבן מיר געזאָגט אַז זיי האָבן אַ באַפֿעל מיך צו אַרעסטירן. איך האָב זיך געהאַלטן אין איין צלמען און מאַליען אַריינקוקנדיק אין אַ עוואַנגעליע. זיי האָבן מיך אַריינגעפֿירט אין אַ זייטיק צימער אויפֿן וואָקזאַל און האָבן מיר געגעבן מילך פֿאַר די קינדער. באַלד איז אָנגעקומען אַן עלטערער זשאַנדאַר, ער האָט געהייסן אַ קוק טאָן צי דאָס קלענסטע קינד, אַ ייִנגעלע, איז געמלט, אָבער ס'איז ניט געווען געמלט. הייסט עס דאָך אַז איך בין ניט קיין ייִד. נו, האָבן זיי זיך פֿאַר מיר פֿאַרענטפֿערט, האָבן מיר געקושט אין האַנט, און ווען די באַן איז אָנגעקומען, האָבן זיי מיר געהאָלפֿן אַרויפֿגיין מיט די קינדער אין וואַגאָן.

איך בין אָפּגעפּאָרן בלויז צוויי סטאַנציעס. דאָרט בין איך אַראָפּ פון דער באַן, איך בין אַריין אין אַן אכסניה. דאָרט האָב איך אי־בערגענעכטיקט. אויף צומאָרגנס האָב איך זיך געלאָזט מיט אַן אַנדער וועג. פרידעס עלטערן האָב איך געשריבן אַז איך שיק אָפּ די דריי קינדער צו זיי, אַ דיאַקאָן וועט זיי ברענגען, און מען זאָל אויף אים וואַרטן אויף דער סטאַנציע קאַלענקאָוויטש.

איך בין אָנגעקומען מיט די קינדער. איך האָב באַגעגנט פרידעס פאָטער און ברודער. זיי האָבן מיך ניט דערקענט. איך האָב זיי איבערגעגעבן די קינדער און אויך הונדערט רובל און די זאַכן וואָס זיינען איבערגעבליבן פון פרידען. זיי האָבן מיך אַלץ ניט דערקענט. ווען איך האָב זיך פאַרנומען אָוועקצוגיין, האָבן די קינדער זיך צעוויינט. זאָגט דער פאָטער צו מיין עלטער קינד: חנהלע, וויין ניט, דיין טאַטע האָט מיר געשריבן אַז ער וועט קומען אין גיכן צו אייך. אָבער דאָס קינד האָט ניט פאַרשטאַנען קיין יידיש, ווייל אין סיביר האָט מען מיט איר גערעדט בלויז רוסיש.

## קאַפּיטל 9

איך בין אַוועק קיין מאָזיר, איך האָב איבערגענעכטיקט אין אַן אכסניה, און אויף צומאָרגנס האָב איך זיך באַגעגנט מיט די פֿאָרשטייערס פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. מען האָט מיר איבער־געגעבן מיין נייע אַרבעט. איך האָב געדאַרפֿט אַרומפֿאָרן איבער די דערפֿער און אַגיטירן די פּויערים, זיי זאָלן זיך גרייטן צו דער רעוואָלוציע. איך בין פֿאַרפֿאָרן אויך צו ליבעראַלע פּאַטריאָטישע פּוילישע פּריצים, וועלכע האָבן געגעבן געלט פֿאַר דער רעוואָלו־ציע. דאָס האָט אָזוי געדויערט עטלעכע חדשים. ענדלעך איז אָנ־געקומען דער טאָג וואָס איז געווען באַשטימט — לויט אַ פֿאַר־שטענדיקונג פֿון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען — אויפֿצוהייבן אין אַלע שטעט און שטעטלעך, וואו עס זיינען געווען סאָציאַליס־טישע אָרגאַניזאַציעס, די פֿאָן פֿון אויפֿשטאַנד. דאָס איז געווען אין אָקטאָבער, 1905.. אין מאָזיר האָב איך מיט אַ גרופּע איבער־געגעבענע טוערס געדאַרפֿט איבערנעמען דעם אַרסענאַל מיטן געווער. מיר זיינען געווען אין קאָנטאַקט מיט אַ גרופּע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געווען גרייט אונדז איבערצוגעבן דעם גאַנצן סקלאַד מיט געווער.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר איינגעאָרדענט אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע איבער אַלע גאַסן. אומעטום זיינען געווען פֿאַנאַנ־דערגעשטעלט אונדזערע רעוואָלוציאָנערע פּאַטרולן, וואָס זאָלן פֿאַרהיטן פֿון אָנפֿאַלן אויף דער דעמאָנסטראַציע. מיר האָבן אי־בערגענומען די שטאָטישע געביידעס און אומעטום באַשטימט פֿאַר קאָמענדאַנטן סאָציאַל־דעמאָקראַטן, בונדאָוצעס, ווי אויך פּועלי־ציוניסטן. מיר האָבן אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט פֿון פֿינף מאַן (מען האָט אים דערפֿאַר גערופֿן „פֿינפֿער־קאָמיטעט"), וואָס ער זאָל

פאַרוואַלטן איבער דער גאַנצער שטאָט און די אַרומיקע דערפער. אויף מיך האָט מען אויסגעקליבן אינעם „פינפער־קאָמיטעט" און איך האָב דאָרט באַקומען דעם אַמט פון וויצע־פּרעזסעדאַטעל (וויצע־פאָרזיצער). איך האָב באַלד געגעבן אַ באַפעל דער רעוואָלוציאָנע־רער פּאָליציי צו אַרעסטירן דעם זשאַנדאַר וואָס האָט מיך אַרעס־טירט בעתן סטרייק אין דער שוועבעלעך־פאַבריק.

צוויי טעג און נעכט האָט אָנגעהאַלטן דער יום־טוב לכבוד אונדזער זיג. אַלע געשעפטן זיינען געווען פאַרמאַכט, אַלע פאַבריקן און וואַרשטאַטן אָפּגעשטעלט. ערשט אויפן דריטן טאָג האָט מען געעפנט די קראָמען, און פאַבריקן און וואַרשטאַטן האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן, אַלץ איז געגאַנגען אין אָרדענונג. אויפן זיבעטן טאָג האָבן מיר געקראָגן ידיעות, אַז די רעאַקציאָנערע כוחות גרייטן זיך צו אַ מאַניפעסטאַציע. מיר האָבן אויך געקראָגן אַ באַריכט, אַז אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע פאַרהאַנדלט מען מיט דער קעניגלעכער סוויטע וועגן איינאָרדענען פרייע וואַלן צו אַ דומאַ (פּאַרלאַמענט). מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן געקומען אַנ־קומען באַריכטן, אַז אין אַ סך שטעט האָט די אַרמיי אָנגעהויבן אַטאַקירן די רעוואָלוציאָנערן און אין געוויסע ערטער האָבן זיי געשאָסן אין די מאַסן. די צאַרישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן בלוטיק צו דערשטיקן די רעוואָלוציע. נאָך אַ פּאָר טעג איז אַ פּאָלק סאָלדאַטן אָנגעקומען אין אונדזער שטאָט. דער פּאָלק האָט גע־דאַרפט העלפן אָרגאַניזירן אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מאַניפעס־טאַציע. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו וואַרפן אַ באָמבע אויף דער מאַניפעסטאַציע. מען האָט געוואָרפן גורל, וועלכע דריי זאָלן טאָן די אַרבעט. אויף מיר איז אויסגעפאַלן צו זיין איינער פון די דריי.

לעבן חנה־חיהס הויז איז געשטאַנען אַן אַלט ליידיק הויז. דאָס הויז איז געשטאַנען אויף אָסטראָגער גאַס, וואו די מאַניפעסטאַציע האָט געדאַרפט דורכגיין. אויפן צענטן טאָג פון דער רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען די קאָנטער־מאַניפעסטאַציע. די גרופּע וואָס האָט געדאַרפט וואַרפן די באָמבע, זיינען אין דרייען אַרויף אויפן דאַך פון דער געביידע. איינער האָט געדאַרפט וואַרפן די באָמבע, די

אַנדערע צוויי האָבן געהאַט רעוואָלווערן און זיי האָבן געדאַרפט שיסן אויף יעדן וואָס וועט פּרוּוון אַרויפצוקריכן זיך צו אונדז אויפן דאַך.

און אָט קומט אָן די מאַניפעסטאַציע. פּאַרויס גייט דער גאַלאָווע פון שטאָט און דער פּאָליצמייסטער, נאָך זיי — גלחים, נאָך דעם — אַ סך פּאָליציי און זעלנער. מיר האָבן געוואוסט אַז זיי האָבן געהאַט אַ פּלאַן צו מאַכן אַ פּאָגראָם אויף יידן און צעראַבירן די יידישע קראָמען. ווען דער שפּיץ פון דער מאַניפעסטאַציע איז צוגעקומען נאָענט, האָט איינער פון אונדז געוואָרפן די באָמבע. איך זע: עס פאַלט אַוועק דער פּאָליצמייסטער און לעבן אים נאָך עטלעכע פון די הויכע באַאַמטע. די מאַניפעסטאַנטן, העכער אַ טויזנט, זיינען אין טומל זיך צעלאָפן. איך האָב זיך באַהאַלטן ביי חנה־חיהן אין הויז. סאָלדאַטן און פּאָליציאַנטן זיינען אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז איבערן הויז און געזוכט, אָבער מיר האָבן דערוויל זיך אַרויס־געגנבעט דורך אַ הינטערוועג און אַוועק אין אַ צוגעגרייטער באַ־העלטעניש. ווען עס איז געוואָרן פינצטער, האָט דער פינפער־קאָמיטעט אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג. מיר האָבן געקראָגן אַ באַפעל פון צענטראַלן קאָמיטעט ניט קעגנשטעלן זיך די סאָלדאַטן און ניט מאַכן קיין אומזיסטע קרבנות. איינער פון דער בונדישער אָפּטיי־לונג איז געפאַלן אין שלאַכט. אין דער לוויה האָבן זיך באַטייליקט הונדערטער חברים.

עס איז דערגאַנגען צו מיר אַ ידיעה, אַז מען זוכט מיך צו אַרעסטירן. בין איך אַוועק מיט הענען אין דער פּאַראָמער גאַס און זיך דאָרט באַהאַלטן. אַרום צוויי אַזייגער פאַרטאָג האָב איך זיך אַרויסגעגנבעט פון שטאָט און בין אַוועק קיין קאָלענקאָוויטש צו נעמען די באַן קיין האָמעל. אין האָמעל האָבן געוואוינט מיין שטיפמוטערס קינדער, בין איך צו זיי פאַרפאָרן. זיי האָבן מיך זייער שיין אויפגענומען. איך בין באַלד אַוועק אויף דער בירזשע צו באַגעגענען זיך מיט חברים. זיי האָבן מיר געזאָגט אַז די פּאָ־ליציי איז דאָ זייער שטרענג. זי קוקט זיך ספּעציעל צו צו נייע מענטשן וואָס באַווייזן זיך אויף דער בירזשע. זיי האָבן מיר גע־ראָטן, איך זאָל שוין אַוועק פון האָמעל. איך בין באַלד אַוועק קיין

מינסק, ווייל דאָרטן איז געווען קאַליע טעפּער און קלאַרא שאַפּירא. איך בין צו זיי אָנגעקומען נאָך צוועלף אַזייגער ביינאַכט. איך האָב זיי איבערגעוועקט, און ווען זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט, ווייל זיי האָבן געהערט אַז מען האָט מיך שוין אַרעסטירט. זיי האָבן מיר געראַטן, איך זאָל תיכף אַנט־לויפן קיין דייטשלאַנד: אין מינסק איז פאַר מיר געפערלעך צו זיין, עס קומען פאַר גרויסע אַבלאַוועס, און די פּאָליציי האָט מיין רעקאָרד, פון דער צייט ווען איך בין געזעסן אין טורמע.

---

באַלד צומאָרגנס בין איך אַוועק אין ווילנע מיט אַ רעקאָמענ־דאַציע צום חבר וואַטקין, ער זאָל מיר העלפן שוואַרצן דעם גרע־נעץ. נאָכן אַריבערגיין דעם גרענעץ האָב איך געדאַרפט לויפן מער ווי אַ מייל, ביז איך בין אָנגעקומען צו אַ קליין שטעטל מיטן נאָמען אידקון. איך האָב אָפּגעשטעלט אַ מאַן אויף דער גאַס און געפרעגט אויף אַ גאַסטהויז. דער מאַן, זייער אַ פריינדלעכער, האָט מיך צוגעפירט צו אַ גאַסטהויז. איך האָב דאָרט איבערגענעכטיקט און אויף מאָרגן פרי האָב איך גענומען די באַן קיין בערלין, ווייל איך האָב געהאַט בריוו צו דאָרטיקע קאָמעראַדן. איך בין צום ערשט פאַרפאָרן צו אַ רוסישן סטודענט, זיין נאָמען איז געווען וואָלאָדקאַ. ער האָט מיך אויפגענומען זייער חבריש און ער האָט מיר געזאָגט אַז מען האָט אים פון רוסלאַנד געלאָזט וויסן, אַז איך קום. ער האָט מיר איבערגעגעבן אַז דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאָ־מיטעט אין בערלין ווייסט אויך וועגן מיין קומען און ער האַלט אַז איך זאָל באַלד אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, ווייל אויב מען וועט מיך כאַפּן און צוריקשיקן קיין רוסלאַנד, קען איך קריגן טויט־שטראָף. ער איז מיט מיר אַוועק צו אויגוסט בעבעלן, דעם באַרימטן פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. בעבעל האָט מיך אויס־געפרעגט פאַרשיידענע איינצלהייטן וועגן דער רוסישער רעוואָ־לוציע. אויך ער האָט מיר געראַטן נישט צו פאַרבלייבן קיין טאָג אין בערלין, ווייל די שטאָט איז פול מיט רוסישע שפּיאָנען, און ער האָט מיר געגעבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צום רעדאַקטאָר פון „האַמבורגער עכאָ“, אַ סאָציאַליסטישע צייטונג אין האַמבורג,

ווי אויך אַ בריוו צו דר. ראָם אין ניו־יאָרק. דעם זעלבן טאָג האָט דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאָמיטעט מיר צו וויסן געגעבן אַז רוסישע שפּיאָנען זוכן מיך טאַקע אַרום און אַז איך זאָל זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן פון בערלין. איך האָב באַלד גענו־מען אַ באַן קיין האַמבורג.

אין האַמבורג בין איך גלייך אַוועק צום רעדאַקטאָר פונעם „האַמבורגער עכאָ". ער האָט מיך אַזוי האַרציק אויפגענומען ווי איך וואָלט געווען זיינער אַן אַלטער גוטער־פריינד. איך בין פאַר־בליבן אין האַמבורג אַ וואָך צייט. די וואָך איז פאַר מיר געווען אַ גייסטיקער פאַרגעניגן. איך האָב זיך באַגעגנט מיט פרייע מענטשן, מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטן, איך האָב געהערט פריי רעדן אויף פאַרזאַמלונגען. איך האָב צום ערשטן מאָל דערפילט וואָס דאָס הייסט קענען רעדן פריי. איך האָב גערעדט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַנטלאָפענע רעוואָלוציאָנערן וואָס האָבן געוואַרט אין האַמבורג אויף שיפן אָפּצופאָרן קיין אַמעריקע, צוליב די לעצטע געשעענישן אין רוסלאַנד. איך האָב זייער געוואָלט פאַרבלייבן אין דייטשלאַנד און נאָך אַ געוויסער צייט צוריקפאָרן אין רוסלאַנד און לעבן דאָרט אומלעגאַל. די קאַמעראַדן האָבן מיך אָבער שטאַרק אָפּגע־רעדט דערפון און האָבן געהאַלטן אַז איך מוז פאָרן קיין אַמעריקע. זיי האָבן פשוט מיט געוואַלד מיך אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף וואָס איז געגאַנגען קיין ניו־יאָרק. דער וועג מיט דער שיף איז פאַר מיר אַדורך גאַנץ נישקשהדיק.

דריטער טייל

# „גרינע יאָרן“ אין אַמעריקע

# קאַפּיטל 10

ענדלעך איז די שיף אָנגעקומען צו די ברעגן פון ניו־יאָרק. אַלע פּאַסאַזשירן, קליין און גרויס, זיינען געווען אויף די פיס און זיינען געשטאַנען אויפן דעק, וואַרטנדיק צו דערזען די פרייהייט־סטאַטוע. איך בין געווען אַזוי איבערגענומען, ווען איך האָב דער־זען די סטאַטוע, אַז איך האָב אויסגעשריען צו אַלעמען: לאָמיר באַגריסן די פרייהייט־געטין! און איך האָב אָנגעהויבן צו זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". באַלד האָט די שיף זיך פאַראַנקערט אין פּאָרט. מען הייבט אָן אַרויסלאָזן. איך גיי אַדורך דורך די באַאַמטע אין קעסל־גאַרדן. זיי אַלע זיינען העפלעך צו מיר. מען פרעגט אַ פּאָר פראַגן און מען הייסט מיך גיין.

איך שטעל מיין ערשטן טריט אויף דער אַמעריקאַנער ערד. באַלד לויפט צו צו מיר אַ יונגערמאַן, אויף זיין הוט איז פאַראַן אַ ווייסע קאַרטע „הכנסת־אורחים" און ער פרעגט מיך: „אַ ייד?" „יאָ", האָב איך געענטפערט. „קומט", זאָגט ער צו מיר, „מיט מיר, איך וועל אייך אַוועקפירן אין הויז פון „אימיגרענט עיד סאָסייעטי". איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב דאָ פריינד. „פון דאָרט וועט מען אייך פירן צו אייערע פריינד", האָט ער געענטפערט. בין איך מיט אים מיטגעגאַנגען און מען האָט מיך געבראַכט אויף איסט בראָדוויי. זאָג איך צו דעם מאַן, אַז איך האָב אַ בריוו צו דר. קאַצמאַן, אַ דענטיסטקע, און איך וויל זי זען וואָס גיכער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז געווען ניט ווייט פון הויז פון דער „אימיגרענט עיד סאָסייעטי". איך בין אַריין צו דר. קאַצמאַן און איך האָב איר איבערגעגעבן דעם בריוו. ווי נאָר זי האָט מיך דערזען, האָט זי מיך באַלד דערקענט, ווייל איך האָב זיך געהאַט באַגעגענט מיט איר נאָך אין אָדעס. עס איז געווען ביי 2 אַזייגער

ביטאָג. מיר האָבן פאַרבראַכט עטלעכע שעה. זי האָט אָפּגערופן דעם דר. ראָם און דעם דר. אינגערסאָל (זיי זיינען דאַמאָלט געווען די פאַרטרעטער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע אין ניו־יאָרק), און זי האָט זיי אָנגעזאָגט אַז מיר קומען אַריבער צו דר. ראָם. ווען מיר זיינען אָנגעקומען און איך האָב איבערגע־געבן דר. ראָמען מיינע רעקאָמענדאַציע־בריוו, האָב איך גע־קראָגן זייער אַ וואַרעמע אויפנאַמע. עס זיינען זיך באַלד צונויפ־געקומען נאָך אַביסל מיטגלידער פון זייער גרופּע. זיי האָבן מיך אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן דער רעוואָלוציע און איך האָב זיי דערציילט פאַרשיידענע איינצלהייטן. איך האָב זיך אַזוי פאַנאַנ־דערגערעדט, אַז מיר האָבן אַלע ניט באַמערקט אַז איך רעד שוין עטלעכע שעה. עס איז געוואָרן שפּעט. דער עולם איז זיך פאַנאַנ־דערגעגאַנגען. איך בין געבליבן נעכטיקן ביים דר. ראָם.

אויפן צווייטן טאָג האָב איך באַלד אָנגעהויבן רעדן מיט דר. ראָמען וועגן תכלית. ער האָט מיך באַרואיקט און געזאָגט, אַז ווען עמעצער קומט פון רוסלאַנד, דאַרף ער זיך אָפּרוען אַ פּאָר וואָכן און נאָך דעם הייבט מען זיך אָן אומקוקן וועגן אַרבעט. איך האָב אים דערקלערט, אַז איך בין ניט מיד פונעם פאָרן, אַז איך פיל זיך געזונט און אַז איך וואָלט שוין געוואָלט אָנהייבן זיך מיט עפּעס צו פאַרנעמען. דעמאָלט האָט ער מיר געזאָגט אַז די ניו־יאָרקער גרופּע סאָציאַל־דעמאָקראַטן ווילן, איך זאָל אַרויספאָרן איבער אַמעריקע און ריידן וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע. איך האָב אים דערקלערט, אַז איך בין ניט אַליין, איך דאַרף אויסהאַלטן מיינע דריי קינדער, וואָס האָבן ניט קיין מוטער און דערפאַר וואָלט איך געוואָלט אַז איך זאָל שוין קענען פאַרדינען אויף חיונה פאַר מיר און פאַר זיי. העכסטנס קען איך צופאָרן אין די נאָענטע שטעטלעך אַרום ניו־יאָרק. האָט ער מיר פאַרגעלייגט, אַז אַזוי ווי איך האָב ניט קיין פאַך, וויל ער מיך אויסלערנען צו זיין אַ — מאַסאַזשיסט, ווייל מען קען דערביי גוט פאַרדינען. איך האָב איינגעשטימט. נאָר ווען עס איז געקומען צו דער אַרבעט, איז זי מיר ניט געפעלן געוואָרן און איך האָב ניט געוואָלט בלייבן דערביי. האָט מען מיך דעמאָלט באַשטימט פאָרן פאַרוואַלטער פון רוסישן

סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קלוב אויף איסט בראָדוויי. איך האָב געקראָגן אַ צימער צום שלאָפן, געגעסן האָב איך אין בופעט. בין איז שוין געווען פאַרזאָרגט אויף דערווייל מיטן וויכטיקסטן.

דר. ראָם און דר. קאַצמאַן האָבן מיך רעקאָמענדירט צו אַ געוויסן קאַרפּ, אַ מיטגליד פון אונדזער קלוב. ער האָט געהאַט אַ סטאָלעריי־פאַבריק אין לאָנג־איילענד. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַז ער וועט מיך אויסלערנען אַרבעטן אויף אַ זעגמאַשין און ער וועט מיר צאָלן אַכט דאָלאַר אַ וואָך. אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ גוטער לוין. איך האָב גערן אָנגענומען די אַרבעט. דער בעל־הבית האָט מיך זייער גוט באַהאַנדלט. מיר זיינען דאָך געווען חברים פון איין פּאַרטיי. אַ וואָך שפּעטער האָט דער בעל־הבית גערופן אַ דעלעגאַציע פון די אַרבעטער און פאָרגעלייגט אַז דעם ערשטן מאַי, וואָס פאַלט אויס אויפן קומענדיקן מיטוואָך, זאָל מען אַרבעטן און דאָס פאַרדינסט זאָל מען אַוועקגעבן פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע. געאַרבעט אין דער פאַבריק האָבן מערסטנס דייטשן, עטלעכע פון זיי זיינען געווען סאָציאַליסטן. ווען דער קאָמיטעט איז אַרויס פון מיסטער קאַרפּס אָפיס, האָבן די אַרבעטער זייער געוואָלט וויסן צו וואָס דער בעל־הבית האָט זיי גערופן. האָט מען זיי איבערגעגעבן זיין פאַרלאַנג. מיר איז דאָס ניט געפעלן געוואָרן, און איך האָב געזאָגט צו די אַרבעטער, אַז איך בין אַ סאָציאַליסט, איך בין ערשט געקומען פון רוסלאַנד, און אַז עס וועט זיין אַ בושה צו אַרבעטן דעם ערשטן מאַי. די רוסישע רעוואָלוציע דאַרף ניט קיין געלטער וואָס קומען פון ברעכן דעם אַרבעטער־יום־טוב. מיט מיין רעדן האָב איך געפועלט, און מען האָט באַשלאָסן ניט צו אַרבעטן דעם ערשטן מאַי. אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט, האָט דער פאָרמאַן מיר געזאָגט אַז דער בעל־הבית האָט אים געהייסן מיך אַהיימשיקן און ער האָט שוין אַוועקגעשטעלט אַן אַנדערן אַרבעטער אויף מיין פּלאַץ. איך בין אַריין אין אָפיס צום באָס און איך האָב אים געפרעגט: קאַמעראַד קאַרפּ, פאַרוואָס שיקט איר מיך אַוועק? — האָט ער געענטפערט: ווייל איר באַצאָלט מיט אַ רעה פאַר אַ טובה. איך האָב אים מער גאָרניט געזאָגט, איך בין אַרויס פון אָפיס און איך בין

באַלד אַוועק צו דר. אינגערסאָלן און צו דר. ראַמען און איך האָב זיי דערציילט וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט. ביידע האָבן מיר צוגעזאָגט אַז זיי וועלן אים בעטן, ער זאָל מיך צוריקנעמען צו דער אַרבעט. עס איז אַוועק אַ וואָך, אָבער דער בעל־הבית איז אַלץ געווען פֿאַרעקשנט און ניט געוואָלט. האָב איך אַרײַנגעטראָגן אַן אָנקלאַגע אַקעגן אים צום מיטינג פֿון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קלוב. מען האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט. אָבער מיסטער קאַרפּ האָט איגנאָרירט אויך דעם קאָמיטעט. האָב איך דעמאָלט פֿאַרלאַנגט, מען זאָל אים אויסשליסן פֿון קלוב. מײַן פֿאַרלאַנג איז ניט אָנגענומען געוואָרן. האָב איך אַוועקגעשריבן אַ בריוו צום צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און איך האָב דערציילט די גאַנצע מעשה. נאָך אַ קורצער צייט האָט דר. ראַם געקראָגן אַ בריוו פֿון רוסלאַנד, ער זאָל פֿאַרלאַנגען פֿון קלוב אויפֿצונעמען מײַן ענין און געבן מיר גערעכטיקייט. אָבער דער קלוב האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק און האָט פֿאַרצויגן די זאַך אויף אַ לאַנגער צייט און האָט אַלץ ניט גערופֿן קיין מיטינג צו באַהאַנדלען דעם בריוו פֿון רוסישן צענטראַל־קאָמיטעט. בין איך דעמאָלט אַלס פּראָטעסט אַרויסגעטראָטן פֿון קלוב. איך בין אַוועק צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, געוויזן דאָרט מײַנע רע־קאָמענדאַציע־בריוו פֿון רוסלאַנד און געוואָרן אַ מיטגליד אין דער ס״פּ.

איך בין באַלד געוואָרן אַקטיוו אויף דער איסט־סייד. מען האָט מיך געשיקט ריידן אויף עפֿנטלעכע מיטינגען און איך האָב גע־האָלפֿן אָרגאַניזירן דעם אַכטן און דעם צוויטן אַסעמבלי־דיסטריקט פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

# קאַפּיטל 11

אין די אָוונטן האָב איך אָנגעהויבן גיין אין אָוונט־שול זיך צו לערנען ענגליש. אין דער שול האָב איך זיך באַגעגנט מיט מאַזירער לאַנדסלייט, וועלכע האָבן מיך גוט געקענט פון דער היים. זיי האָבן מיר געראָטן איך זאָל ווערן אַ פּרעסער ביי מאַנטלען. און טאַקע איינער פון די לאַנדסלייט האָט מיך אַרויפגענומען צו זיך אין שאַפּ אַריין מיך צו לערנען פּרעסעריי. איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט און אין אַ קורצער צייט האָב איך זיך אויסגעלערנט פּרעסען. דעמאָלט בין איך אַרויס אויפן מאַרק פון די פּרעסערס אויף יוניאָן סקווער ביי דער 14טער גאַס צו זוכן אַ דזשאָב.

דעם ערשטן דזשאָב האָב איך באַקומען דורך יאַנקל קימבאָראָווסקי אין דעם שאַפּ וואו ער האָט געאַרבעט אַלס פּרעסער. ער איז אויך געווען אַ מאַזירער און ער האָט באַלאַנגט צום „בונד״. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער געווען אַ געוויסע צייט טשערמאַן פון פּרעסער־לאָקאַל 35. דאָרט האָב איך ניט לאַנג געאַרבעט ווייל עס איז געווען אַ קליינער שאַפּ. איך בין רעקאָמענדירט געוואָרן דורך אַ פריינד צו די „הענד־פּרעסערס״ פון מאַקס סאָלאָמאָנס שאַפּ. דאָס איז געווען זייער אַ גרויסער שאַפּ פון קלאָוקס מיט 500 אַרבעטער און קנאַפּע הונדערט פּרעסערס. מען האָט דאָרט געאַרבעט 60 שעה אַ וואָך. אין אָנהייב האָב איך באַקומען 5 דאָלאַר אַ וואָך און דערנאָך — 6 דאָלאַר. עס זיינען דאָרט געווען דריי „הענד־פּרעסערס״ און זיי זיינען געווען אמתע שקלאַפּן־טרייבערס. דעם דאָזיקן שאַפּ איז געווען לייכט צו אָרגאַניזירן און דאָס איז געווען דער ערשטער שאַפּ וועלכן איך האָב אַראָפּגענומען אין אַ סטרייק.

איך האָב באַלד געדונגען פאַר זיך אַליין אַ צימער אויף

קלינטאָן סטריט און איך האָב אָנגעהויבן מאַכן באַקאַנטשאַפט מיט פּרעסערס. איך בין געוואָרן אַן אָפּטער גאַסט אויפן פּרעסער־מאַרק. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ פּרעסער מיטן נאָמען מאָריס זיגמאַן, דער שפּעטערדיקער פּרעזידענט פון „אינטערנע־שאָנעל". מיר זיינען גיך געוואָרן נאָענטע פריינד, דער עיקר אַדאַנק די שאַרפע דיסקוסיעס וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן פירן צווישן זיך. ער האָט דעמאָלט געהערט צו דער „אַי־דאַבליו־דאַבליו" און איך בין געווען אַ סאָציאַליסט און אַן אָנהענגער פון אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר. איך האָב נאָך אַלץ געאַרבעט ביי מאַקס סאָלאָמאָן, דעם „קעניג פון סקווירטס", פאַר 6 דאָלאַר אַ וואָך. זיגמאַן איז אָבער דעמאָלט געווען אַן אַ פּאָסטן; ער האָט קיין אַרבעט ניט געקענט קריגן, ווייל די „העד־פּרעסערס" האָבן געוואוסט אַז ער געהערט צו די „אַי־דאַבליו־דאַבליו" און אַז ער איז אַ „טראָבל־מעיקער". איך האָב געזען אַז ער גייט אַרום אין אָפּגעטראָגענע, צעריסענע שיך — האָב איך אים געבעטן צו קומען וואוינען אין מיין צימער. ער האָט אָנגענומען מיין איינלאַדונג.

דעמאָלט האָבן מיר אָנגעהויבן צו דעבאַטירן טאָג און נאַכט. איך האָב אים אויפגעוויזן, אַז אין דער „פעדעריישאָן" וועלן מיר האָבן מער הילף, ווייל צו איר געהערן אַ סך מער יוניאָנס און זי איז שטאַרקער ווי די „אַי־דאַבליו־דאַבליו", וואו עס זיינען אָר־גאַניזירט נאָר „יידישע" פאַכן. סוף כל סוף האָבן מיר זיך גע־אייניקט אויף אַ קאָמפּראָמיס: צו אָרגאַניזירן אַן „אינדעפּענדענט" יוניאָן פון פּרעסערס, מיר זאָלן נעמען בלויז 25 סענט איינטריט־געלט און 5 סענט וואָכן־אָפּצאָל, אַזוי אַז די יוניאָן זאָל זיין צו־טריטלעך פאַר אַלעמען. מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז ווען מיר וועלן האָבן אַ גרויסע צאָל מיטגלידער, זאָלן זיי דעמאָלט אַליין באַשליסן, צו וועמען מיר זאָלן געהערן: צו דער אַ. פ. אָוו ל. אָדער צו „אַי־דאַבליו־דאַבליו". זיגמאַן איז געוואָרן פּרעזידענט פון דער נייער יוניאָן און איך בין געוואָרן סעקרעטאַר. דאָס איז געווען אָנהייב 1907.

די אַרבעטס־באַדינגונגען אין מאַקס סאָלאָמאָנס געשעפט, ספּעציעל פאַר די פּרעסערס, זיינען געווען זייער שלעכטע. עס

האָבן דאָרט געאַרבעט, ווי איך האָב געזאָגט, נאָענט צו הונדערט פּרעסערס. געאַרבעט האָבן זיי ביי דריי קאָנטראַקטאָרס. די נשמה פלעגן זיי אַרויסיאָגן ביי דער אַרבעט. פאַר יעדער קלייניקייט פלעגט מען אַהיימשיקן. די פּרעסערס זיינען געווען אַזוי טעראָריזירט, אַז זיי האָבן מורא געהאַט אַ וואָרט אַרויסצוזאָגן. איך האָב אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די פּרעסערס. אין משך פון עטלעכע וואָכן האָט זיך מיר איינגעגעבן אַריינצונעמען אין אונדזער ניי־יוניאָן זעכציק פּרעסערס פון מיין שאַפּ. דעמאָלט האָב איך גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון די אָרגאַניזירטע פּרעסערס, און מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין סטרייק. אַלע פּרעסערס, אויך די ניט־אָרגאַניזירטע, האָבן געפאָלגט דעם רוף. דער שאַפּ איז געוואָרן פּאַראַליזירט. די פירמע האָט געענטפערט מיט אַ לאָקאַוט און האָט אַוועקגעשיקט אַלע אַרבעטער: אָפּערייטאָרס, פינישערס און צושניידערס (קאַטערס). אין אַ פּאָר טעג אַרום באַקום איך אַ בריוו פון פּרעזידענט ראָזענבערג, פון דער „אינטערנעשאָנעל", אַז ער וויל מיך זען, איך זאָל באַלד קומען. דער אָפיס פון דער „אינטערנעשאָנעל" האָט זיך דעמאָלט געפונען אין מאַנהעטען־לייסעאום אויף דער פערטער גאַס. איך קום צו אים אַריין אין אָפיס, איך שטעל זיך פאָר ווער איך בין, הייבט ער אָן אויף מיר צו שרייען: „איר, אַ גרינער, נעמט זיך אונטער צו רופן אַ סטרייק ביי אַ מיליאָנערסקער פירמע? וואָס ווילט איר, צונעמען דאָס ברויט ביי אַלע אַרבעטער פון שאַפּ?" איך שטיי און קוק אים אָן און איך פרעג אים צי ער האָט נאָך עפּעס צו זאָגן; אויב ניט, וועל איך אייך דערקלערן ווער איך בין. דייטש, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם „אינטערנעשאָנעל", האָט פון צווייטן צימער געהערט דעם שמועס, האָט ער מיך אַריינגערופן צו זיך און וועלנדיק פאַררייבן דעם שלעכטן איינדרוק וואָס ראָזענבערגס האָט געקענט מאַכן, האָט ער געזאָגט צו מיר: „נעמט ניט ערנסט, וואָס ראָזענבערג האָט אייך געזאָגט. ער איז אַ קיביצער". ער, דייטש, האָט גענומען דעם סטרייק אין זיינע הענט. ער האָט אַראַנזשירט אַ צוזאַמענטרעף מיט דער פירמע, און איך מיט אַ קאָמיטעט פון די פּרעסערס, ווי אויך דייטש, זיינען אַרויף צו דער פירמע. דריי טעג האָט מען זיך

געדונגען מיט דער פירמע, ביז מען האָט זיך געאייניקט אויף אַ קאָמפּראָמיס. דער סטרייק האָט אין גאַנצן געדויערט אַכט טעג. מען האָט אַ סך פאַדערונגען געוואונען און ער האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסן רושם.

ראָזענבערג און דייטש האָבן נאָך דעם מיך גערופן צו זיך און מיר פאָרגעלייגט, איך זאָל ווערן אַן אָרגאַניזאַטאָר ביי דער „אינ־טערנעשאָנעל". איך האָב דעם פאָרשלאָג ניט אָנגענומען און איך האָב זיי דערציילט וועגן מיין פּרואוו, אין איינעם מיט מאָריס זיג־מאַנען אויפצובויען אַן אומאָפּהענגיקן פּרעסער־לאָקאַל. האָט ראָזענבערג געזאָגט צו מיר: „איר זייט טאַקע אַ גרינער, אויב איר האָט זיך פאַראייניקט מיט דעם דאָזיקן פּוסטעפּאַסניק. ער וועט אייך אָפּנאַרן. מיר האָבן געפּרואווט איינשטעלן אַ קאָנטאַקט מיט גרעסערע מענטשן פון דער 'אי־דאַבליו־דאַבליו' און עס איז גאָר־ניט אַרויסגעקומען. עס איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. זיי זיינען סקעבס. ווען מיר רופן אַ סטרייק שיקן זיי זייערע מענטשן אַר־בעטן". — און ביידע האָבן מיך שטאַרק צוגערעדט, איך זאָל אָננעמען ביי זיי די אַרבעט פון אַן „אָרגאַנייזער". איך האָב אָבער די אַרבעט נישט געוואָלט אָננעמען און איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז אין עטלעכע חדשים אַרום וועל איך קומען צו זיי נאָכן טשאַרטער פאַר אַ נייעם פּרעסער־לאָקאַל 35. איך פּערזענלעך בין אָבער יאָ געוואָרן אַ מיטגליד אין דער „אינטערנעשאָנעל" און איך האָב אינפאָרמירט דייטשן וועגן אַלץ וואָס איך האָב געטאָן ביי די פּרעסערס. זיגמאַן און איך פלעגן אין די פרימאָרגנס אַרויסגיין אויפן פּרעסער־מאַרק אויף יוניאָן־סקווער צו אָרגאַניזירן די פּרעסערס. מיר האָבן אויך געהאַט אַ קאָמיטעט פון פופצן פּרע־סערס, וועלכע זיינען אַלע מאָל געווען לעבן אונדז, טאָמער וועלן די „העד־פּרעסערס" וועלן אונדז שטערן אָדער באַפאַלן, זאָלן זיי אונדז קומען צו הילף. אויפן פּרעסער־מאַרק האָבן מיר אָדורכגע־פירט אַ פּרינציפּ, אַז אויב אַ „העד־פּרעסער" וועט עמעצן פאַרלייגן אַרבעט און זיי וועלן ניט קענען דורכקומען וועגן פּרייז, זאָל קיין אַנדער פּרעסער ניט גיין אַרבעטן אויף דעם פּלאַץ. מיר האָבן אויך באַשטימט אַ לוין־סקייל: אַ פּרעסער — 10 דאָלאַר אַ וואָך; אַן

אונטער־פרעסער — 8 דאָלאַר אַ וואָך. און אויב אַ „העד־פרעסער" האָט דווקא געוואָלט צווינגען אַן אַרבעטער צו גיין פאַר ווייניקער, האָבן די קאָמיטעט־מיטגלידער אים פשוט פאַרטריבן פון פלאַץ. אַזוי האָט מען אויך געהאַנדלט אַקעגן פרעסערס וואָס האָבן גע־וואָלט אָננעמען אַרבעט פאַר אַ נידעריקערן פרייז.

אַרום ניין אַזייגער אין דער פרי, ווען עס פלעגן איבערבלייבן אַרבעטסלאָזע פרעסערס אויפן מאַרק, פלעג איך אָפט בלייבן מיט זיי, אַריינגעמען זיי צו טשאַרלין אין סאַלון, אויף דער 10טער גאַס, און געבן זיי איבערצובייסן. פאַר 5 סענט האָט יעדער געקראָגן אַ גרויס גלאָז ביר מיט הערינג, אַ זופּ און וואורשט מיט ברויט דערצו. מיר פלעגט אָפט מאָל אויסקומען צו געבן אָנבייסן אַ פופ־ציק פרעסערס און אַפילו מער. בעתן עסן פלעג איך מיט זיי ריידן וועגן אַריינגיין אין דער יוניאָן. אין דער זעלביקער צייט האָב איך זיך באַקענט מיט די פירערס פון די „פּאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן", מאַקס פיין און בערנאַרד ווײַנשטיין. איך האָב זיי געבעטן אַריינצונעמען אונדזער „אינדעפּענדענט" יוניאָן אין די „געווערקשאַפטן". זיי האָבן דאָס אָפּגעוואָרפן דער־קלערנדיק, אַז מיר דאַרפן פריער ווערן אַ לאָקאַל פון דער „אינ־טערנעשאָנעל" און נאָך דעם וועלן מיר קענען אויפגענומען ווערן אין די „געווערקשאַפטן".

צו יענער צייט בין איך אויך געוואָרן אַ מיטגליד אין דער „סאָשעליסט ליטעראַרי סאָסייעטי" און איך פלעג אַגיטירן אויף דער גאַס פאַר דער „סאָשעליסט פּאַרטי" ווי אויך פאַר דער יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. איך האָב אויך געמאַכט אַן אַפּלי־קאַציע, מען זאָל מיך אָננעמען אין דער „פּאַרוועטס־אַסאָציאַציע". אָבער געוויסע שייפער האָט מיך צוריקגעוויזן. ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט מיך שלעזינגער פּראָטעזשירט און דעמאָלט האָט מען מיך אָנגענומען פאַר אַ מיטגליד פון דער „פּאַרוועטס־אַסאָציאַציע".

אָנהייב 1908 האָבן מיר דערגרייכט די צאָל פון קנאַפּע טויזנט מיטגלידער אין דער אומאָפּהענגיקער פרעסער־יוניאָן. האָט דע מאָלט די עקזעקוטיווע באַשלאָסן צו רופן אַ ספּעציעלע מיטגלידער־

פאַרזאַמלונג אויף צו באַשליסן וואוהין מיר זאָלן גיין: אין דער „אינטערנעשאָנעל" אָדער אין דער „אַי־דאַבליו־דאַבליו". איך האָב געהאַט כסדרדיקע שמועסן מיט די פירערס פון דער „אַי־דאַבליו־דאַבליו", ווי לעפקאָוויטש, מיטשעל, זיגמאַן און מעניק, אָבער איך האָב מיט זיי ניט געקענט אַדורכקומען. זיי האָבן כסדר געטעהנט אַז די מיטגלידער־פאַרזאַמלונג זאָל דעצידירן, וואָרעם זיי האָבן געגלייבט, אַז זיגמאַן איז זייער פּאָפּולער ביי די פּרע־סערס און אַז ער וועט זיי לייכט געווינען פאַר „אַי־דאַבליו־דאַבליו". איך בין אָבער געווען זיכער, אַז איך האָב אַ גרעסערע אָנהענגער־שאַפט צווישן די פּרעסערס. מיר האָבן פאַררופן די פאַרזאַמלונג. עס זיינען געקומען עטלעכע הונדערט פּרעסערס. איך האָב זיך אַרומגעדרייט צווישן עולם און איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל זיין דער זיגער. זיגמאַן האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג. מען האָט איבערגעלייענט דעם פּראָטאָקאָל פון דער עקזעקוטיווע און אירע רעקאָמענדאַציעס. און ווען דער סעקרעטאַר האָט געענדיקט לייענען, האָט אַ מיטגליד געמאַכט אַ פאָרשלאַג, מען זאָל גלייך צוטרעטן צום שטימען וואוהין מיר זאָלן אַריינטרעטן. רופט זיך אָן זיגמאַן, מען זאָל דיסקוטירן וועגן אַנדערע פראַגעס. איך האָב באַלד געבעטן אַ וואָרט צו דער טאָג־אָרדענונג. אָבער זיגמאַן האָט מיך ניט געוואָלט לאָזן ריידן. האָב איך אים געגעבן אַ שטופּ אַוועק פון שטענדער און איך האָב איבערגענומען דעם פאָרזיץ. ס'איז באַלד געוואָרן אַ שרעקלעכער טומל און ס'איז געקומען צו אַ גע־שלעג צווישן זיגמאַנס פּאַטריאָטן און מיינע. מיט פיסלעך פון בענקלעך האָט מען זיך געשלאָגן. אויף די געוואַלדן איז אָנגעקו־מען פּאָליציי. דער עולם, דערזעענדיק פּאָליציי, האָט זיך ביסלעכ־ווייז באַרויקט. איך האָב אויסגענוצט דעם רואיקן מאָמענט און איך האָב אַדורכגעפירט די אָפּשטימונג. אַ גרויסע מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר מיין פאָרשלאָג זיך אָנצושליסן אין דער „אינטערנעשאָנעל". אַרויסגייענדיק פון דער פאַרזאַמלונג קוק איך מיך אום און דערזע זיגמאַנען אַ צעקאָכטן און דאָס העמד אויף אים איז צעריסן. בין איך צו אים צוגעגאַנגען. אָבער איידער איך האָב באַוויזן אַרויסצורעדן אַ וואָרט, זאָגט ער צו מיר מיט כעס:

„אַ טייערער פריינד ביסטו, פּראָוואָצירסט אַ געשלעג און דו לאָזסט מיך שלאָגן!" איך האָב זיך פאַר אים פאַרענטפערט אַז אין טומל האָב איך ניט געזען וואָס עס געשעט מיט אים און איך האָב אים געבעטן אַריינצוגיין מיט מיר אין אַ רעסטאָראַן. ביים עסן זאָג איך צו אים: „זעסט דאָך, אַז עס איז פאַרפאַלן, מען האָט אָפּגעשטימט. איצט דאַרפן מיר אַרויסנעמען ביי דער „אינטערנעשאָנעל" דעם טשאַרטער".

מיר זיינען יענע נאַכט ניט געשלאָפן. מיר האָבן אַ גאַנצע נאַכט אַרומגערעדט די פּלענער ווי אַזוי צו אַנטוויקלען ווייטער אונדזער לאָקאַל נאָכן אַריינפירן אים אין דער „אינטערנעשאָנעל". זיגמאַן האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט לאָיאַל מיטאַרבעטן מיטן נייעם לאָקאַל און ער וועט זיך אַפילו באַמיען צו ברענגען מענטשן פון דער „אַי־דאַבליו־דאַבליו" צו אונדז. אין דער אמתן איז ער אָבער ווייטער געבליבן אַקטיוו אין פּרעסער־לאָקאַל ביי דער „אַי־דאַבליו־דאַבליו", און ער האָט געאַרבעט אין ביידע אָרגאַניזאַציעס. אָבער נאָך אַ קורצער צייט, ווען ער האָט געזען אַז אונדזער לאָקאַל וואַקסט און אַז דער לאָקאַל ביי דער „אַי־דאַבליו־דאַבליו" שרומפּט איין, האָט ער געביטן זיין צוגאַנג און ער האָט אַליין באַשלאָסן זיך אָפּצוזאָגן פון דער פּרעסער־יוניאָן ביי דער „אַי־דאַבליו־דאַבליו". ער האָט דאָרטן אָנגעהויבן צו אַגיטירן אַז זיי זאָלן זיך פאַראייניקן מיטן לאָקאַל פון דער „אינטערנעשאָנעל", און ער האָט אַזאַ באַשלוס טאַקע אַדורכגעפירט. דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן קאָנפערענצן פון די ביידע לאָקאַלס וועגן פאַראייניקונג. דער לאָקאַל פון „אַי־דאַבליו־דאַבליו" איז געווען פאַרטראָטן דורך זיגמאַנען, דעם לאָקאַל פון דער „אינטערנעשאָנעל" האָב איך פאַרטראָטן. נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען האָבן מיר סוף־כל־סוף באַשלאָסן זיך צו פאַראייניקן. דעמאָלט האָבן מיר גערופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אויף לודלאָוו־סטריט. מיר האָבן פאַרבעטן דעם פּרעזידענט ראָזענבערג און דעם סעקרעטאַר דייטש. מען האָט אונדז געבראַכט דעם טשאַרטער פון לאָקאַל 35. ביי דער פאַרזאַמלונג איז פייערלעך באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן מיך פאַרן ערשטן מיטגליד פון נייעם פאַראייניקטן לאָקאַל און מיר צו געבן די ערשטע מיטגליד־קאַרטע.

איך בין אויך אויסגעקליבן געוואָרן ווי דער פאָרזיצער פון באַנייטן לאָקאל 35. מענין איז געוואָרן סעקרעטאַר. זיגמאַן האָט באַקומען אַ פּאָסטן פון אַן „אָרגאַנייזער" פון לאָקאל 35, אַ פּאָסטן, וועלכע דזשאַן דייטש האָט מיר פאָרגעלייגט, אָבער איך האָב געבעטן מען זאָל אים געבן זיגמאַנען.

דעמאָלט האָט אויך דער „דזשאָינט־באָארד" פון די קלאָוק־מאַכערס אָנגעהויבן בעסער צו פונקציאָנירן. פּאָליאַקאָף איז געוואָרן פאָרזיצער פון „דזשאָינט־באָארד", איך בין געוואָרן פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר און ה. קליימאַן — פינאַנץ־סעקרעטאַר. עס איז איינגעפירט געוואָרן אַז אַלע לאָקאַלס זאָלן אָפּהאַלטן זייערע פאַרזאַמלונגען אין איין אָוונט און אויף איין אָרט. דעמאָלט איז עס געווען אויף קלינטאָן־סטריט נומער 91. ס'איז אויך געווען אַ מנהג אויף די פאַרזאַמלונגען פון די לאָקאַלס איבערצולייענען דעם פּראָטאָקאָל פון די זיצונגען פון „דזשאָינט־באָארד. האָב איך טאַקע געדאַרפט לויפן פון איין האָל צום אַנדערן כדי איבערצולייענען דעם פּראָטאָקאָל. דער „דזשאָינט־באָארד" אַליין האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען ביי סאַמעטן אין האָל אויף האָוסטאָן־סטריט. אונטן איז געווען אַ סאַלון און אויבן זיינען געווען צימערן פאַר פאַרזאַמלונגען. דער ריפערמאַכער לאָקאַל 17 איז דעמאָלט געווען דער שטאַרקסטער לאָקאַל וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן אין „דזשאָינט־באָארד". ער האָט געהאַט עטלעכע אָרגאַניזירטע שעפּער, וואָס זיינען פאַרבליבן ביי אים נאָכן גרויסן סטרייק אין 1907. אַדאַנק דעם אַריינטריט פון אונדזער לאָקאַל אין די רייען פון דער „אינטערנעשאָנעל" האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין לעבן פון די קלאָוקמאַכער. דער לאָזונג אַז מען דאַרף זיין אָרגאַניזירט איז געוואָרן זייער פּאָפּולער ביי די אַרבעטער.

# קאַפּיטל 12

סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש האָט מיך איין מאָל געבעטן צו אַן אָוונט פון אַ ליטעראַרישן קלוב וואו ער איז געווען אַ מיטגליד. צונויפגעקומען איז מען זיך אין צענטראַל־פּאַרק אין אַ זונטיק פון חודש יוני. איך האָב דאָרט געטראָפן אַן אינטעליגענטן עולם, צווישן וועלכע איך האָב זייער גוט פאַרבראַכט. ראַבינאָוויטש האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט. נאָכן רעפעראַט איז געווען אַ דיסקוסיע. איך האָב גענומען אַ וואָרט. ביים אַרויסגיין פון פּאַרק אויפן וועג אַהיים האָט סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש מיך באַקענט מיט צוויי שיינע, יונגע פריילינס, איינע מיטן נאָמען אסתר איצקאָוו, די צווייטע — פּאָליע. מיר איז גלייך געפעלן געוואָרן אסתר, ווייל איר האַלטן זיך איז געווען מער סאָליד. איך האָב זי אָפּגעפירט אַהיים. ביים גע־זעגענען זיך האָב איך זי געפרעגט צי איך קען זי זען מאָרגן, אָבער אָן די חברטע פּאָליע. זי האָט צוגעשטימט. מיר האָבן אָנ־געהויבן צו זען זיך יעדן טאָג און מיר פלעגן פאַרברענגען לאַנגע אָוונטן אין דזשעקסאָן־פּאַרק. ביז איך האָב איר איין מאָל געזאָגט אַז איך האָב זי ליב און זי האָט מיר געענטפערט אַז אויך איך גע־פעל איר בעסער ווי די אַנדערע יונגעלייט אין ליטעראַרישן קלוב. איך האָב איר דעמאָלט דערציילט וועגן מיין ערשטער פרוי, וועגן מיין אַנטלויפן פון סיביר און וועגן די קינדער. איר ענטפער איז געווען, אַז ווען מען האָט ליב אַ מענטשן, האָט מען ליב אַלצדינג וואָס איז מיט אים. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָבן מיר חתונה געהאַט.

צו יענער צייט בין איך נאָך מער אַקטיוו געוואָרן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און דאָס האָט צוגענומען ביי מיר די גאַנצע צייט. מיין פרוי, אסתר, איז באַלד אַריין אין טראַגן, און זי האָט

געהאַט אַ שווער טראָגן. אין איינעם אַ טאָג האָט זי מיר דערקלערט אַז זי האָט באַשלאָסן פאָרן צו אירע עלטערן אין רוסלאַנד און ביי זיי געלעגן ווערן. עס האָט ניט געהאָלפן מיין בעטן זיך ביי איר, אַז זי זאָל דאָס ניט טאָן. איך האָב איר געזאָגט אַז איך פיל זיך זייער געטראָפן פון איר האַנדלונג. אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן. סוף יאָר 1908 איז זי אַוועקגעפאָרן. ביי דער שיף האָב איך איר אָנגעזאָגט אַז זי זאָל ניט זשאַלעווען קיין געלט און זאָל גוט אַכטונג געבן אויף זיך. איך האָב איר אויך פאַרזיכערט אַז איך וועל איר יעדן חודש שיקן געלט, אין וויפיל זי וועט זיך נויטיקן. צוריקגעגאַנגען פון דער שיף בין איך אַ פאַרזאָרגטער און אַ פאַרטראַכטער: ס'איז ערשט פינף חדשים ווי איך האָב חתונה געהאַט, די שענסטע צייט פון לעבן — און אָט האָט מיין פרוי מיך איבערגעלאָזן אַליין. איך בין געווען זייער אומעטיק, אָבער קיין כעס האָב איך אויף איר ניט געטראָגן.

ביז איך האָב געקראָגן אַ בריוו פון איר האָט געדויערט פיר וואָכן. אין די פיר וואָכן האָב איך געהאַט אַ סך שלאָפלאָזע נעכט. איך האָב זייער געבענקט נאָך איר. דער גליקלעכסטער מאָמענט איז ביי מיר געווען, ווען איך האָב באַקומען אַ בריוו פון אירע עלטערן, אַז מיין פרוי האָט געבוירן אַ זון, אַז זיי גייען פראַווען אַ ברית, און מען וועט דעם קינד אַ נאָמען געבן נח. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, נאָך מער פאַרשאַרפט מיין בענקשאַפט.

אין יענער צייט האָט מיין משפחה אָנגעהויבן אַריבערצוקומען קיין אַמעריקע. די ערשטע זיינען געקומען מיינע שוועסטער, מלכה און פייגל. זיי האָבן מיר געזאָגט אַז מיין יינגערע שוועסטער, שבע, וויל זיך אונטערנעמען צו ברענגען מיינע צוויי קינדער. דאָס דריטע, קלענסטע קינד איז געבליבן מיט פרידעס עלטערן אין רוסלאַנד. זיי האָבן נישט געוואָלט שיקן אַזאַ פיצל קינד אין אַזאַ וויטן וועג. איך האָב זיי באַלד אַוועקגעשיקט שיפסקאַרטן און זיי זיינען אין אַ קורצער צייט אַרום געקומען צו פאָרן. מיין שוועסטער פייגל האָט גענומען צו זיך די קינדער צו האָדעווען, און איך האָב, פאַרשטייט זיך, איר געצאָלט פאַר זייער אויסהאַלטונג. אין משך פון

אַ קורצער צייט זיינען מיינע שוועסטער און ברידער אַריבערגע־קומען קיין אַמעריקע. איך האָב זיי געהאָלפן מיט וואָס איך האָב גע־קענט. זיי האָבן זיך אויך אַלע גאַנץ גוט איינגעאָרדנט. מיין על־טערער ברודער, אברהם, איז געוואָרן אַ לערער אין סטאָן־עווענין תלמוד־תורה. אין אַ צייט אַרום איז ער דאָרט געוואָרן פּרינציפּאַל. מיין צווייטער ברודער, געצל, איז אויך געוואָרן אַ לערער אין דער זעלביקער תלמוד־תורה. שפּעטער איז ער אַריין אין קעמפּ־ביזנעס. מיין ברודער נחום איז באַלד געוואָרן אַ סוחר. מיין ברודער שלמה, אַן אַנאַרכיסט, איז געוואָרן אַ טאַקער. אַלע שוועסטער האָבן דאָ חתונה געהאַט און געבומען זייער פיינע מענער. פון די ברידער זיינען דריי ציוניסטן, איינער אַן אַנאַרכיסט און איך אַ סאָציאַליסט. די שוועסטער זיינען רעליגיעז אָריענטירט.

## קאַפּיטל 13

נאָך דעם ווי אונדזער פּאַראייניקטע פּרעסער־יוניאָן האָט געקראָגן דעם טשאַרטער פון לאָקאַל 35, האָט מען ביי אַ גרויסער מיטגלידער־פאַרזאַמלונג באַשלאָסן צו שיקן דעלעגאַטן צו די „פּאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן". איך בין אויסגעקליבן געוואָרן צו פאַרטרעטן דאָרט אונדזער לאָקאַל. איך פלעג שוין פריער ניט־אָפיציעל קומען צו די זיצונגען פון די געווערקשאַפטן, און איך האָב אָפט מאָל געבעטן ב. ווײַנשטיינען צו קומען ריידן אויף פאַרזאַמלונגען פון אונדזער פּרעסער־יוניאָן. אָבער ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען מיט אָפיציעלע „קרעדענשעלס", ווי אַ דעלעגאַט, האָב איך געהאַט אַן אומאַנגענעמען סורפּריז: דער אויפנעם־קאָמיטעט האָט אָפּגעלייגט דאָס צולאָזן מיך. וואָס איז געשען? עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב ניט געהאַט גע־נוג יוניאָן־„לעיבעלס" אויף מיינע קליידער. עס איז דעמאָלט גע־ווען איינגעפירט אַ פּרינציפּ, אַז אַ דעלעגאַט צו די „געווערק־שאַפטן" מוז האָבן מינדעסטענס 5 יוניאָן־„לעיבעלס" אויף זיינע זאַכן, און איך האָב געהאַט בלויז דריי: שיך, הוט און קראַוואַט. איך האָב געמוזט אַראָפּלויפן אויף דער גאַס און קויפן צוויי זאַכן מיט יוניאָן־„לעיבעלס". כ'האָב געקויפט אַ פּאָר שלייקעס און אַן אויבערהעמד. האָב איך שוין געהאַט פולע פינף יוניאָן־„לעיבעלס", און מען האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ דעלעגאַט.

איך בין באַלד געוואָרן זייער אַקטיוו אין די „געווערקשאַפטן". איך בין געוואָרן נענטער באַקאַנט מיט מאַקס פיינען, ב. ווײַנשטיי־נען, קאַזימירסקין, ב. וויטאַשקינען, לייבאָוויטשן און י. גוסקינען, וועלכע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער פירערשאַפט פון די „געווערקשאַפטן".

מיט עטלעכע פון זיי בין איך געוואָרן אינטים באַפריינדעט,

אָבער לייבאָוויטשן האָב איך פּיינט געהאַט פונעם ערשטן טאָג וואָס איך האָב זיך מיט אים באַקענט. ער איז געווען צו פיל „פּאָליטישן”. ער האָט געטאָן גוטע אַרבעט ביים אָנפירן מיט סטרייקן. דערפאַר האָב איך אים פאַרגעבן אַנדערע זאַכן, וואָס איך, ווי אַ סאָציאַליסט, האָב ניט מסכים געווען מיט אים.

נאָך עטלעכע חדשים בין איך געוואָרן אויסגעקליבן פאַר אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון די „געווערקשאַפטן”. די זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן שבת און פלעגן דויערן פון 10 אין דער פרי ביז אַרום איינס בייטאָג, און אַמאָל פלעגן זיי זיך פאַרציען נאָך לענגער. אַ סך קאָמיטעטן פון די יוניאָנס פלעגן קומען מיט פאַרשיידענע פאָדערונגען. די רעגולערע זיצונגען פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן יעדן מאָנטיק. פאַר מיר זיינען די געווערקשאַפטן געווען דער „לייבאָר־קאָלעדזש”, מען האָט זיך דאָרט אַ סך געלערנט וועגן אַרבעטער־פּראָבלעמען. קיין איין סטרייק איז ניט גערופן געוואָרן אָן אַ פריערדיקער הסכמה פון די „געווערקשאַפטן”. די „געווערקשאַפטן” און דער „פאַרווערטס” זיינען געווען איינס. אַלע אַרבעטער־נייעס האָבן פריער געדאַרפט אַדורכגיין דורך די „געווערקשאַפטן”. אויך האָבן די „געווערקשאַפטן” אָנטייל גענומען אין די סאָציאַליסטישע וואַל־קאַמפּאַניעס און האָבן שטאַרק מיטגעהאָלפן צום וואוקס פון „אַרבעטער־רינג”. א. ראָזענבערג און דזשאַן דייטש, און שפּעטער אויך מאָריס זיגמאַן, האָבן געקוקט קרום אויף די „געווערקשאַפטן”, ווייל די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז געווען פאַר זיי צו פיל סאָציאַליסטיש. ראָזענבערג און דייטש זיינען ניט געווען קיין סאָציאַליסטן, נאָר שטאַרקע אָנהענגערס פון גאָמפּערסן, און זיגמאַן איז געווען אַן אַנאַרכיסט. דער „פאָרווערטס” פלעגט צו יענער צייט שטאַרק קריטיקירן גאָמפּערס פּאָליטיק.

אין יענער צייט האָט זיך צווישן די „ליידיס ווייסט מייקערס” (שפּעטער דרעסמאַכער) אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג פאַר אַן אַלגעמיינעם סטרייק. אין דעם דאָזיקן פאַך פון פרויען־קליידער זיינען געווען באַשעפטיקט כמעט נאָר יונגע מיידלעך, ביי־געקומענע פון יענער זייט ים, און די עקספּלואַטאַציע אין דעם דאָזיקן

פּאַך איז פּשוט געווען אַ שוידערלעכע. אַ סך צוגעהאָלפן צום אָרגאַניזירן די אַרבעטערינס און צו שטאַרקן ביי זיי דעם גייסט פון ווידערשטאַנד האָט די „ווימענס טרייד־יוניאָן ליג" (אַ פּרויען־אָרגאַניזאַציע) מיט דער שוועסטער ראָוז שניידערמאַן בראש. צו דער „ליג" האָבן דעמאָלט אויך געהערט אַ ריי אַריסטאָקראַטישע פרויען, ווי די מרס. רוזוועלט, א"א. זיי זיינען געווען זייער איבער־געגעבן און פלעגן אַפילו מיטגיין מיט די סטרייקנדיקע מיידלעך אויף די „פּיקעט־ליינס".

ענדלעך איז דעם 22טן נאָוועמבער, 1909, אויסגעבראָכן דער גענעראַל־סטרייק פון די „ליידיס ווייסט מייקערס". דער לאָקאַל פון דער סטרייק־אָנפירונג איז געווען אין קלינטאָן־האָל. א. שינד־לער, דער סעקרעטאַר פון דער יוניאָן, און בען פרישוואַסער, וועל־כער איז אויך געווען אַ וויצע־פּרעזידענט פון דער „אינטערנעשאָ־נעל", זיינען געקומען צו די „געווערקשאַפטן" און פאַרלאַנגט, זי זאָל עפנטלעך שטיצן דעם סטרייק, און אויך אויסטיילן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל העלפן פירן דעם סטרייק. איך בין אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט. דער סטרייק האָט, ווי באַ־וואוסט, אָנגעהאַלטן עטלעכע מאָנאַטן, ביזן 5טן פעברואַר, 1910, און האָט דעמאָלט אויפגעשטורעמט גאַנץ ניו־יאָרק.

איך בין צו יענער צייט געווען אָנגעשטעלט ווי אַ באַצאָלטער באַאַמטער אין דער „דזשאָינט־באָארד". נאָכן געוואונענעם סטרייק פון די „ליידיס ווייסט־מייקערס" האָבן די קלאָוקמאַכער אָנגע־הויבן מאַסנווייז זיך אָנצושליסן אין דער יוניאָן. עס האָט אָנגע־הויבן וואַקסן די שטימונג, אַז אויך די קלאָוקמאַכער דאַרפן אַרויס אין אַ גענעראַל־סטרייק, כדי אויסצובעסערן זייערע קלאָגעדיקע אַרבעטס־באַדינגונגען. דער „קלאָוק דזשאָינט־באָארד" האָט באַ־שלאָסן אונדזער לאָזונג זאָל זיין, אַז אין קומענדיקן יאָר, 1910 (פאַרן ווינטער־סעזאָן), זאָל אַרויסגערופן ווערן דער גענעראַל־סטרייק. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַזוי ווי אין יוני 1910 דאַרף אָפּגעהאַלטן ווערן דער צוזאַמענפאָר פון דער „אינטערנעשאָנעל", זאָל מען דאָרט פאָדערן צו אינדאָרסירן אַ גענעראַל־סטרייק. אַלע לאָקאַלן האָבן געגעבן זייער הסכמה. דאָס איז געווען סוף 1909.

מען האָט באַלד אָנגעהויבן פיבערדיק אַרבעטן כדי אַריינצוציען וואָס מער מיטגלידער אין דער יוניאָן. מיר האָבן אויך גערופן אַ סך שאַפּ־פאַרזאַמלונגען און דאָרט פּאָפּולאַריזירט דעם לאָזונג וועגן דעם גענעראַל־סטרייק. מען האָט אויך עטלעכע מאָל גערופן דעם שאַפּ פון „ליוואַי און האסי", אָבער קיין איין מאָל זיינען די אַרבעטער ניט געקומען. האָב איך גענומען אויף זיך, אַז איך וועל ברענגען די אַרבעטער פון אָט דעם שאַפּ צו אַ פאַרזאַמלונג. איך האָב גענומען אַ פּאַק צירקולאַרן און איך בין אַוועק צום שאַפּ, וואָס האָט פאַרנומען צוויי שטאָק, אויף איינעם איז געווען דער „סטאַק־רום", אויפן צווייטן האָבן געאַרבעט ביי 80 אַרבעטער. איך האָב גענומען דעם עלעווייטאָר, איך בין אַרויפגעפאָרן אַ שטאָק העכער און נאָך דעם אַרונטערגעגאַנגען מיט די טרעפּ אין שאַפּ אַריין. איך הייב אָן לויפן איבערן שאַפּ און איך צעוואַרף די „ליפלעטס". מיטאַמאָל ווערט אַ געשריי. דער באָס האָט געכאַפּט אַן אייזערנעם שטאַנג, מיט וועלכן מען פאַרריקט די טיר, און לויפט צו צו מיר מיך שלאָגן. איך האָב זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די מאַשינען, און מיט אַ שטאַרקער שטים זיך געווענדט צו די אַרבעטער: „ברידער, וועט איר לאָזן טויטן אייערן אַ ברודער? זעט, ווי אייער באָס, דער גזלן, לויפט צו מיר!" כמעט אַלע אַרבעטער האָבן מיך באַלד אַרומגערינגלט, און עטלעכע פון זיי האָבן אַרויסגעריסן ביים באָס דאָס אייזן. אַלע זיינען דעמאָלט אַרונטער צו דער יוניאָן־פאַרזאַמלונג. דער באָס האָט אָנגעהויבן שרייען צו די אַרבעטער, זיי זאָלן זיך צוריקזעצן צו דער אַרבעט, אָבער זיי האָבן אים שוין געהערט „ווי אין טראָק". עס איז אויסגעבראָכן אַ סטרייק אין דעם שאַפּ, וואָס האָט געדויערט בלויז עטלעכע טעג. אַלע אַרבעטער זיינען געוואָרן מיטגלידער אין דער יוניאָן און דער באָס האָט געמוזט באַצאָלן אַ שטראָף פאַר וואַרפן זיך מיט אַן אייזן אויף אַ פאָרשטייער פון דער יוניאָן. די פּאַסירונג האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל אויפן קלאָוקמאַכער־מאַרק. עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז איך געפין זיך אין שפּיטאָל, אַז דער באָס האָט מיך צעהרגעט. אַ סך אַרבעטער זיינען געקומען אין דער יוניאָן זיך דערוויסן, וואָס מיט מיר איז געשען.

## קאַפּיטל 14

עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1910. די לאָקאַלן האָבן אָנגע־הויבן קלייבן דעלעגאַטן צו דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן פון דער „אינטערנעשאָנעל”, זיגמאַן, קימבאַראָווסקי, זאַסלאַוו און איך זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דעלעגאַטן פון לאָקאַל 35.

צו יענער צייט האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט יוסף ברעסלאַוו. געשען איז עס צוליב אַ ספּעציעלן פאַל. דעמאָלט איז צו דער עקזעקוטיווע פון לאָקאַל 35 אויסגעקליבן געוואָרן איינער וואָס איז געווען אַ „ספּעשל פּאָליסמאַן”, און דאָס איז גע־ווען קעגן דער קאָנסטיטוציע פון דער יוניאָן. איך האָב דעם חברהמאַן ניט געוואָלט פאַרשעמען, האָב איך גערופן אַ זיצונג פון דער עקזעקוטיווע, און אונטער עפּעס אַ פאָרמעלן תירוץ האָב איך זי פאַנאַנדערגעלאָזן. איך האָב דעם פּאָליסמאַן געזאָגט, אַז ער זאָל מער ניט לויפן צו דער עקזעקוטיווע. אויף דער נאָענט־סטער פאַרזאַמלונג פון לאָקאַל האָבן מיר אויסגעקליבן די זעלביקע עקזעקוטיווע, נאָר אָן דעם „ספּעשל פּאָליסמאַן”. יוסף ברעסלאַוו איז דעמאָלט צום ערשטן מאָל געוואָרן אַ מיטגליד אין דער עקזע־קוטיווע און ער האָט זיך אָנגעפּרעגט, נאָך וואָס מען דאַרף די גאַנצע פּראָצעדור. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל אים דאָס דערקלערן ביי דער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע. דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל דערקענט דעם ברודער יוסף ברעסלאַוו.

עס האָט זיך דערנענטערט דער חודש מאַי און מען האָט אָנ־געהויבן זיך גרייטן צו פאָרן צו דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן. עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן גרויסע פאַרזאַמלונגען פון די לאָקאַלן, וואו מען האָט אָנגענומען פאַרשיידענע רעזאָלוציעס און וואונטשן צו דער קאָנווענשאָן. מען האָט אויך באַשלאָסן צו געבן די דעלע־

גאַטן אויף הוצאות אַ דאָלאַר אַ טאָג. אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע פון „קלאָוק"־און „סקוירט"־מאַכער איז געקומען באַגלייטן די דע־לעגאַטן צו דער שיף. מען האָט געשריען פון דער מאַסע: „דעלע־גאַטן, באַשליסט אַ גענעראַל־סטרייק!"

די שיף איז אָפּגעגאַנגען פאַרנאַכט. מיר זיינען געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט. די מערסטע דעלעגאַטן זיינען ניט געשלאָפן, נאָר האָבן אַ גאַנצע נאַכט דיסקוטירט וועגן דעם קומענדיקן גענעראַל־סטרייק. ווי נאָר מיר זיינען אָנגעקומען צו דער קאָנווענשאָן און האָבן זיך באַקענט מיט די דעלעגאַטן פון אַנדערע שטעט, האָבן מיר, די ניו־יאָרקער דעלעגאַטן, אָנגעהויבן צו אַגיטירן, אַז די קאָנווענשאָן זאָל באַשליסן אַ גענעראַל־סטרייק פאַר ניו־יאָרק און דער אומגעגנט. די קאָנווענשאָן איז געווען ניט קיין גרויסע, נאָר אַן ערנסטע. יעדער דעלעגאַט האָט זיך באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט צו אַלע פראַגן.

דער פּרעזידענט, אברהם ראָזענבערג, האָט אין זיין באַריכט זיך געגנוי אָפּגעשטעלט אויף דעם, אַז דער קלאָוקמאַכער לאָקאַל פון „אַי־דאָבליו־דאָבליו" האָט זיך אויפגעלייזט און זייערע קלאָוק־און סקוירטמאַכער זיינען אַריינגעטראָטן אין די לאָקאַלן פון דער „אינטערנעשאָנעל", און אַז די פאַרהאַנדלונגען און זייער גוטער רעזולטאַט זיינען צו פאַרדאַנקען גאָלדאָווסקין פון דער „אינטערנעשאָנעל" און זיגמאַנען פון דער „אַי־דאָבליו־דאָבליו". די דעלעגאַטן האָבן מיר און זיגמאַנען שטאַרק אַפּלאָדירט און די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו דאַנקען אונדז פאַר דער גוטער אַרבעט.

ענדלעך איז געקומען דער גרויסער מאָמענט פון אָפּשטימען די רעזאָלוציע וועגן אַ גענעראַל־סטרייק אין ניו־יאָרק. ווען מען הייבט אָן לייענען די רעזאָלוציע וועגן סטרייק, ווערט שטיל אין זאַל און די פּנימער פון אַלע דעלעגאַטן ווערן באַדעקט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער ערנסטקייט. פּאָליאַקאָוו, איך און עטלעכע אַנדערע דעלעגאַטן פון ניו־יאָרק רעדן און אַפּעלירן צו דער קאָנ־ווענשאָן צו שטימען פאַר אַ גענעראַל־סטרייק. מיר דערציילן וועגן די סוועט־שעפּער, וואו קלאָוקמאַכער אַרבעטן 16־18 שעה אַ טאָג

זעקס טעג אַ וואָך פֿאַר אַזאַ קליינעם לוין, אַז עס קלעקט ניט אויפֿן לעבן; אַז ווען עס קומט אַ שוואַכער סעזאָן, דאַרף מען לעבן אויפֿן חסד פֿון „גראָסער" און „בוטשער", אויב זיי ווילן נאָך באָרגן. יעדער קלאָוקמאַכער מוז האַלטן קוואַנטיראַנטן צו קענען באַצאָלן דאָס דירה־געלט. ווען איר גייט אַדורך די איסט־סאַיד, זעט איר אויף דער גאַס פּעק מיט בעבעכעס און אַלט מעבל, וואָס די בעלי־בתים האָבן אַרויסגעוואָרפֿן פֿאַר ניט באַצאָלט דירה־געלט; אין די שעפּער ווערן די אַרבעטער געיאָגט און געטריבן פֿון די בעלי־בתים און זייערע משרתים און פֿאַר יעדער קלייניקייט ווייזט מען זיי די טיר. די קלאָוקמאַכער ווילן איצט אַראָפּוואַרפֿן די קייטן פֿון שקלאַפֿעריי, זיי האָבן אונדז אָנגעזאָגט ניט צו קומען צוריק אָן אַ באַשלוס וועגן אַ גענעראַל־סטרייק. מען האָט אונדז שטאַרק אַפּלאָדיסט. ווען מען האָט גענומען שטימען די רעזאָלוציע, האָט קיינער ניט געשטימט קעגן. ווי נאָר דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן, האָבן די דעלעגאַטן אָנגעהויבן טאַנצן פֿאַר שמחה. פֿול מיט מוט זיינען מיר צוריקגעפֿאָרן קיין ניו־יאָרק.

צוריקקומענדיק קיין ניו־יאָרק, האָט מען באַלד גערופֿן פֿאַר־זאַמלונגען פֿון די לאָקאַלן. די דעלעגאַטן האָבן אָפּגעגעבן באַריכטן וועגן דעם באַשלוס פֿון דער קאָנווענשאָן. דער „דזשאָינט־באָארד" האָט זיך דעמאָלט אַריבערגעקליבן אויף דער צענטער גאַס, און קלאָוקמאַכער האָבן אַלע אָוונט באַלאַגערט דעם אָפּיס כדי אָנצו־שליסן זיך אין דער יוניאָן. ענדלעך האָט דער „דזשאָינט־באָארד" באַשטימט צו רופֿן אַ גרויסע מאַסן־פֿאַרזאַמלונג אין מעדיסאָן־סקווער־גאַרדען. איך בין גיך אָוועק צום „פֿאָרווערטס" איבערצו־געבן זיי די נייעס, אָבער עטלעכע וויכטיקע חברים פֿון „פֿאָר־ווערטס" האָבן מיך אָנגעקוקט ברוגז און האָבן געזאָגט, אַז מיר נעמען אויף זיך זייער אַ ריזיקאַלישן שריט. „מיט פֿיר טויזנט מיטגלידער אין דער יוניאָן רעכנט איר אַז איר וועט קענען אַראָפּ־נעמען פֿינף און זעכציק טויזנט קלאָוקמאַכער פֿון די שעפּער? און וואו וועט איר נעמען אַזוי פֿיל געלט אויף פּיקעטן, ליטעראַטור, סטרייק־פֿאָנד און אַנדערע אויסגאַבן ביי אַזאַ ריזיקן סטרייק?" — איך האָב זיי דערקלערט, אַז די אַרבעטער קענען מער ניט איבער־

טראָגן די עקספּלואַטאַציע און די באַליידיקונגען, זיי האָבן ניט וואָס צו פאַרלירן און אַ סך צו געווינען. „איך גאַראַנטיר אייך, האָב איך צוגעגעבן, אַז אַפילו פאַרן „פאָרווערטס״ וועט זיין בע־סער, אַז מיר וועלן אָרגאַניזירן די פינף און זעכציק טויזנט קלאָוק־מאַכער. עטלעכע חברים פון „פאָרווערטס״ זיינען געקומען צום „דזשאָינט־באָארד״ און זעענדיק דעם קוראַזש פון די אָנפירערס, האָבן זיי ניט געהאַט דעם מוט צו ריידן קעגן דעם סטרייק. דער „דזשאָינט־באָארד״ האָט פאַרבעטן דעם רעדאַקטאָר פון „פאָר־ווערטס״, אַב. קאַהאַן, און ב. שלעזינגער, וואָס איז געווען דער אַדמיניסטראַטיווער פאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס״, זיי זאָלן קומען דעם 28טן יוני אין אָוונט, צו באַגריסן די קלאָוקמאַכער ביים באַ־שליסן דעם גענעראַל־סטרייק.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער טאָג פון דער פאַרזאַמלונג אין מעדיסאָן־סקווער־גאַרדען. איבער אַלע גאַסן פון גאַרמענט־צענטער האָבן מאַרשירט טויזנטער קלאָוקמאַכער צו דער פאַרזאַמלונג. דער גרויסער זאַל איז באַלד געוואָרן איבערגעפּולט און טויזנטער האָבן ניט געקענט אַריין. פון אַלע זייטן „גאַרדען״ זיינען אַוועקגע־שטעלט געוואָרן פּלאַטפאָרמעס, פון וועלכע מען האָט גערעדט צו די וואָס האָבן ניט געקענט אַריין אין זאַל. אויף דער פּלאַטפאָרמע אין „גאַרדען״ זיינען געווען אויסגעזעצט אַלע פירערס פון דער „אינטערנעשאָנעל״ און פונעם „דזשאָינט־באָארד״. מיט אַ ציטער־דיקער שטים האָט א. ראָזענבערג געעפנט די פאַרזאַמלונג. ווען ראָזענבערג האָט געמאָלדן, אַז נאָך צוויי מאָל אַזוי פיל ווי אין „גאַרדען״ זיינען פאַרזאַמלט אין דרויסן און אַז די „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר״ שטיצט דעם סטרייק, איז דער גרויסער זאַל פאַרהילכט געוואָרן פון אַפּלאָדיסמענטן. דער פאַרשטאָרבענער ה. ל. וויינבערג, פון דער ראַדיקאַל לייברערי אין פילאַדעלפיע, איז דעמאָלט געווען דער אָרגאַנייזער פון דער „אינטערנעשאָנעל״. וויינבערג איז געווען אַ פייערדיקער מאַסן־רעדנער און איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער לאַגע פון די קלאָוקמאַכער. ער האָט אין זיין שטורעמדיקער רעדע דערמאָנט די שקלאַפישע באַדינגונגען, אונטער וועלכע די קלאָוקמאַכער אַרבעטן, די שאַפּס וואָס זיינען

פאַרפעסטעטע פייער־פּאַסטקעס און פאַרענדיקט האָט ער זיין רעדע, אַז די קלאָוקמאַכער דאַרפן געבן איצט אַ שבועה צו סטרייקן, ביז די בעלי־הבתים וועלן נאָכגעבן זייערע פאָדערונגען. די גרויסע מאַסע פון די פאַרזאַמלטע האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ הילכיקן געשריי אָפּגעענטפערט, אַז זיי שווערן צו שטיין אין סטרייק ביז צום זיג. אַלע צייטונגען, די יידישע און די ענגלישע, האָבן ברייט באַשריבן די היסטאָרישע פאַרזאַמלונג אין מעדיסאָן־סקווער־גאַרדען.

נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט דער „דזשאָינט־באָארד" אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע זיצונג און אויסגעקליבן אַ סטרייק־קאָמיטעט פון הונדערט מאַן, וואָס איז איינגעטיילט געוואָרן אין צען סוב־קאָמיסיעס. איך בין אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע און מאָריס זיגמאַן איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן פאָרזיצער פון דער פּיקעט־קאָמיסיע. די דאָזיקע צוויי קאָמיסיעס זיינען געווען די וויכטיקסטע ביים דורכפירן דעם סטרייק. איך האָב געדאַרפט אַגיטירן די קלאָוקמאַכער, זיי זאָלן ווערן מיטגלידער אין דער יוניאָן, און אַחוץ דעם אויך אַכטונג געבן, אַז יעדער קאָמיסיע זאָל ווי געהעריק טאָן איר אַרבעט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פונעם סטרייק זאָל באַשטיין פון די פאָרזיצערס פון אַלע קאָמיסיעס. אויף דער ערשטער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע איז באַשטימט געוואָרן, אַז דער גענעראַל־סטרייק זאָל אַרויסגערופן ווערן דעם זיבעטן יולי. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַ ספּעציעלע אויסגאַבע, „די רויטע פּאָסט", מיט גענויע אינסטרוקציעס פאַר די סטרייקערס: ווען זיי דאַרפן פאַרלאָזן די אַרבעט און וואוהין זיי דאַרפן קומען. ווייטער איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די נאַכט ערב דעם 7טן יולי זאָלן אַלע מיטגלידער פון סטרייק־קאָמיטעט קומען אין בעטהאָווען־האָל, דאָרט וועט מען אויסטיילן פּעקלעך פון „די רויטע פּאָסט" און מען וועט יעדן איינעם אָנווייזן, אין וועלכער גאַס און אויף וועלכן פּונקט ער דאַרף זיי פאַרשפּרייטן. פּונקט 9 אַזייגער אין אָוונט איז דער בעטהאָווען־האָל אָנגעפּאַקט געוואָרן מיט די מיטגלידער פון סטרייק־קאָמיטעט.

בלויז אַ קליינער טייל איז צוריק אַהיימגעגאַנגען שלאָפן, די מער־סטע זיינען געבליבן אַ גאַנצע נאַכט אין האָל, וויל פינף אַזייגער פאַרטאָג האָט מען שוין געדאַרפט אַרויסגיין מיט „די רויטע פאָסט״; אין יענער צייט זיינען געווען אַ סך סוועט־שעפּער, וואו מען פלעגט אָנהייבן אַרבעטן 6 אַזייגער און אַפילו 5 אַזייגער אין דער פרי. פאַרטאָג האָט זיך די פּראָלעטאַרישע אַרמיי מיט די פּעקלעך „די רויטע פאָסט״ אַ לאָז געטאָן אין די גאַסן און אַוועק צו די קלאָוק שעפּער.

און אָט איז שוין דער 7ער יולי 1910. אַלע פירערס פון סטרייק גייען אַרום אומגעדולדיק אַ גאַנצן פרימאָרגן: ווי וועט זיין דער אָפּרוף פון די קלאָוקמאַכערס? ווי אַזוי וועלן די אַרבעטער האַנד־לען? וועלן זיי פאָלגן דעם רוף אַרויסצוגיין אין סטרייק? אויפן יוניאָן־סקווער ביי דער 17ער גאַס האָט מען אויפגעשטעלט אַ פּלאַטפאָרמע, וואו עס זיינען געשטאַנען די פאַרזיצערס פון די פאַרשיידענע קאָמיטעטן מיטן פּרעזידענט ראָזענבערג און גענע־ראַל־סעקרעטאַר דייטש בראש. אַ סך פאַרבעטענע געסט און רע־פּאָרטערס פון דער פּרעסע, ווי אויך אַב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, און בנימין שלעזינגער, דער אַדמיניסטראַטאָר פון „פאָרווערטס״, זיינען געווען די ערשטע וואָס זיינען געקומען אויף דער פּלאַטפאָרמע. עס האָט געשלאָגן די שעה: 2 אַזייגער, די שעה ווען די אַרבעטער דאַרפן וואַרפן די אַרבעט און פאַרלאָזן די שעפּער. אַלע אויף דער פּלאַטפאָרמע זיינען געווענדט מיט די אויגן צו די אַרומיקע גאַסן. אָבער די גאַסן זיינען נאָרמאַל, מען זעט ניט קיין קלאָוקמאַכער. אַלע זיינען אָנגעשטרענגט ביז גאָר. שלעזינגער, וואָס איז בטבע געווען אַ נערוועזער מענטש, רופט מיך אָפּ און זאָגט צו מיר: נו, מאָריס, וואו זיינען דיינע סטריי־קערס? — דערקלער איך אים, אַז מיר האָבן געשריבן אין „די רויטע פאָסט״, אַז די אַרבעטער זאָלן ביים אַוועקגיין מיטנעמען זייערע מכשירים — מוז אַוודאי נעמען אַביסל צייט, ביז זיי פּאַקן איין זייערע פּעקלעך. „האָט ניט קיין מורא, גענאָסע שלעזינגער, האָב איך אים געזאָגט, די קלאָוקמאַכער וועלן אייך איבעראַשן״. דער ערשטער וואָס האָט דערזען פון דער וויטנס אַן אָנקומענדיקע

מאָסע, איז געווען דער פּרעזידענט ראָזענבערג. „מזל טוב אונדז, דער פּראָלעטאַריאַט קומט!" האָט ער אויסגעשריגן. באַלד האָבן זיך באַוויזן מאַסן פון אַלע זייטן. פון אַלע גאַסן אַרום דעם יוניאָן־סקווער האָבן אָנגעהויבן שטראָמען מאַסן אַרבעטער, יונג און אַלט, פרויען און מענער, יידן מיט בערד און איטאַליענער. זיי האָבן פאַרביימאַרשירט די פּלאַטפאָרמע און פאַרהילכט די לופט מיט אויסגעשרייען און געזאַנג. פון אַלע זייטן האָט מען געהערט רופן לאָזונגען: „וואַרפט אַראָפּ די קייטן פון שקלאַפעריי!", „מיר ווילן זיין פריי!" פון גרויס פרייד האָט פּאָליאַקאָוו אַרומגעכאַט זיגמאַנען און זיי האָבן זיך צעקושט. עס האָט גענומען אַ פּאָר שעה, ביז די מאַסע האָט פאַרביימאַרשירט דעם יוניאָן־סקווער און אַוועק אין די אַרומיקע האַלס צו די מיטינגען, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן דורכן סטרייק־קאָמיטעט. אַלע מענטשן אויף דער פּלאַטפאָרמע זיינען געווען באַשטימט צו גיין אין די האַלס און רעדן צו די פאַרזאַמלטע סטרייקערס. די האַלס זיינען געווען איבערגעפּאַקט. אַ גרויסער טייל פון עולם האָט ניט געקענט אַריין, און מען האָט געמוזט רעדן צו די פאַרזאַמלטע אויף דער גאַס באַזונדער. פאַר־נאַכט האָט דער צענטראַלער סטרייק־קאָמיטעט אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג. לויט די באַריכטן פון די האַל־טשערלייט האָט מען געזען, אַז מען דאַרף צודינגען נאָך אַמאָל אַזוי פיל האַלס ווי מיר האָבן געהאַט. דעם ערשטן טאָג האָבן זיך פאַררעגיסטרירט 31 טויזנט סטרייקערס, און נאָך אַמאָל אַזוי פיל זיינען פאַרבליבן אויף מאָרגן פאַררעגיסטרירט צו ווערן. עטלעכע צייטונגען האָבן אַרויס־געלאָזט עקסטרע־אויסגאַבעס אונטערן קאָפּ: „60 טויזנט קלאָוק־מאַכער זיינען אַרויס אין אַ גענעראַל־סטרייק!". עס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן אַ זיצונג פונעם סטרייק־קאָמיטעט. זיגמאַן האָט באַריכטעט, אַז עס זיינען שוין געמאַכט געוואָרן אַלע צוגרייטונגען פאַנאַנדערצושטעלן פּיקעטן איבערן גאַנצן גאַרמענט־צענטער. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז די מיטגלידער פון סטרייק־קאָמיטעט דאַרפן זיך אויך באַטייליקן אין די פּיקעטן. ווען מיר זיינען גע־קומען אויף די ערטער, האָבן די טויזנטער פּיקעטלייט אונדז אויפ־גענומען ווי אַן אַרמיי נעמט אויף גענעראַלן.

דאָס זיצאָרט פון מיין אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע האָט זיך גע־פונען אין בעטהאָווען־האָל. איך האָב אָרגאַניזירט עטלעכע צענ־דליגע יוניאָן־מיטגלידער און זיי געגעבן אינסטרוקציעס ווי אַזוי איבערצוצייגן די סטרייקערס זיי זאָלן ווערן מיטגלידער אין דער יוניאָן. עס איז באַשטימט געוואָרן אַז דאָס אַריינטריט־געלט פון 3 דאָלאַר קען איינגעצאָלט ווערן אין צוויי אָדער דריי ראַטעס. אָבער די מערסטע נייע מיטגלידער האָבן איינגעצאָלט די גאַנצע 3 דאָלאַר, ווייל זיי האָבן געוואָלט באַלד אַרויסקריגן די יוניאָן־ביכלעך.

אין די האָלס האָבן די מיטגלידער פון סטרייק־קאָמיטעט כסדר אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען און עס איז געווען צו באַוואונדערן די דיסציפּלין פון די סטרייקערס. יעדן רעדנער האָבן זיי אויפגע־נומען מיט ענטוזיאַזם און מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן. די גאַנצע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען פאַרכאַפּט מיטן סטרייק. די „פאָראיינ״יקטע יידישע געווערקשאַפטן״, דער „פאָרווערטס״ מיט אַלע זיינע שרייבער, די יידישע סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע־ביוראָ, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, דער אַרבעטער־רינג מיט אַלע זיינע ברענטשעס — אַלע האָבן געהאָלפן מיט וואָס זיי האָבן געקענט.

נאָך עטלעכע וואָכן סטרייקן האָבן די פאַבריקאַנטן אָנגעהויבן אָנצושטעלן גענגסטערס. זיי האָבן געעפנט די שעפּער און האָבן געמאַכט אַ ווענדונג דורך די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, אַז זיי וועלן צאָלן בעסערע לוינען, אויב די אַרבעטער וועלן זיך באַלד אומקערן צו דער אַרבעט. זיי האָבן אָפן געשריבן, אַז פּאָליציי און פּריוואַטע דעטעקטיווס וועלן פירן די אַרבעטער צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט. אָבער זייער אַ קליינע צאָל סקעבס האָבן זיך באַוויזן אין די שעפּער. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די ריכטיקע מלחמה. אונדזערע פּיקעטס האָבן נאָך שטאַרקער באַלאַגערט די שעפּער כדי נישט צוצולאָזן קיין סקעבס. די פּאָליציאַנטן און די גענגסטערס האָבן אָנגעהויבן צו בושעווען, צו מאַכן מאַסן־אַרעסטן און שלאָגן די סטרייקערס. דאָס האָט נאָך מער אויפגערעגט די גרויסע מאַסע סטרייקנדיקע און אויף צו להכעיס פלעגן נאָך מער טויזנטער קלאָוקמאַכער אַוועקלאָזן זיך אויף דער פּיקעט־ליניע.

די צייטונגען האָבן געבראַכט פאָטאָגראַפיעס פון צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע סטרייקערס, און דאָס האָט גאָר פאַרשטאַרקט דעם אינטערעס צום סטרייק ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אין אַ סך שעפּער האָבן די סקעבס געוואָרפן די אַרבעט און זיינען זיך צעלאָפן. אין אַנדערע שעפּער פלעגן די סקעבס בלייבן שלאָפן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין אויף דער גאַס. מען פלעגט זען דורך די באַלויכטענע פענצטער, ווי זיי פלעגן זיך קריגן און שלאָגן, און אין געוויסע ערטער פלעגן זיי אָנצינדן אַ פייער, און ווען די פייער־לעשערס פלעגן אָנקומען, זיינען זיי אַרויסגעשפרונגען דורכן פענצטער. מען דאַרף וויסן, אַז דער שטאַרקער דרוק און קאָנטראָל איבער די שעפּער איז ניט בלויז געווען דער פאַרדינסט פון דעם אָפיציעלן פּיקעט־קאָמיטעט און פון די טויזנטער פּיקעטס, נאָר פון אַלע סטרייקערס. יעדער סטרייקנדיקער שאַפּ האָט געהאַט אַן אייגענעם שאַפּ־קאָמיטעט וואָס האָט אַליין געפּיקעטירט זייער שאַפּ טאָג און נאַכט, זיי האָבן געהאַלטן אַן אויג אויף אַלע אַרבעטער פון דעם שאַפּ און זיי האָבן צוגעזעהט אַז קיין סקעבס זאָלן ניט האָבן קיין צוטריט.

נאָך אַ צייט האָט מען געמוזט אויסברייטערן דעם סטרייק אויף אויף אַנדערע שטעט, ווייל מען האָט זיך דערוואוסט, אַז די פאַבריקאַנטן פירן אַרויס די אַרבעט אויסער ניו־יאָרק. דער איינדרוק פון סטרייק האָט זיך דערווייל פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. פּראָמינענטע בירגער און פילאַנטראָפּן פון גאַנצן לאַנד, ווי דזשייקאָב שיף, גאָווערנאָר אַלפרעד סמיט, לואיס מאַרשאַל, שפּעטערדיקער ריכטער פון סופרים־קאָרט, לואיס ד. בראַנדייס פון באָסטאָן, און נאָך אַנדערע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיטן סטרייק און געוואָלט ברענגען אים צו אַן ענד. די אָרגאַניזאַציע פון די פאַבריקאַנטן, די „פּראָטעקטיוו אַסאָסיעישאָן" האָט אָנגעשטעלט די בעסטע לאָיערס, וואָס זאָלן זיי פאַרטרעטן. דער הויפּט־קאָנפליקט איז געווען אַרום דעם וואָס די בעלי־בתים האָבן ניט געוואָלט נאָכגעבן אַ „יוניאָן־שאַפּ", ד״ה, זיי זאָלן מוזן אָננעמען נייע אַרבעטער נאָר דורך דער יוניאָן. בראַנדייס האָט פאַרבעטן צו זיך קיין באָסטאָן פאַרשטייערס פונעם

סטרייק־קאָמיטעט. עס זיינען געפאָרן: ראָזענבערג, דייטש, זיגמאַן, פאָליאַקאָף און איך. איך געדענק ווי היינט, אַז ווען מיר זיינען געקומען קיין באָסטאָן איז געגאַנגען אַ רעגן, די גאַסן זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען ברוקירט און עס איז געווען אַ גרויסע בלאָטע אויף די גאַסן. ווען מיר זיינען אַריין אין בראַנדייסעס הויז, זיינען אונדזערע שיך געווען פול מיט בלאָטע, ווייל מיר האָבן ניט געטראָגן קיין קאַלאָשן. מיר זיינען געבליבן שטיין ביי דער טיר, ווייל אויפן דיל זיינען געווען אויסגעשפּרייט טייערע דיוואַנעס. בראַנדייס איז צוגעקומען צו אונדז און געזאָגט: זייט באַגריסט! אני מרחם על האדם ולא על הארץ (איך האָב רחמנות אויף דעם מענטשן און ניט אויף דער ערד). מיט דעם ווערטל האָט ער אונדז אַלעמען געמאַכט פילן היימיש. מיר זיינען געזעסן מיט בראַנדייסן עטלעכע שעה. זיגמאַן און איך האָבן זיך שטאַרק געהאַלטן ביי דער פאָדערונג פון אַ „קלאָזד־שאַפּ" (דאָס הייסט אַ שאַפּ וואָס מוז באַשעפטיקן בלויז יוניאָן־מיטגלידער). די פאַבריקאַנטן האָבן ניט געוואָלט אַפילו הערן וועגן אַזאַ זאַך ווי אַ „קלאָזד־שאַפּ". דעמאָלט איז בראַנדייס אַרויסגעקומען מיט אַ קאָמפּראָמיס־פאָרשלאַג וועגן אַ „פּרעפערענשל יוניאָן־שאַפּ" (ד"ה, אַז יוניאָן־מיטגלידער זאָלן האָבן פאָרהאַנט ביים אָננעמען אַרבעטער אין די שעפּער). מיר זיינען אַוועקגעפאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק מיט צעטיילטע מיינונגען. מען האָט גערופן אַ זיצונג פון גרויסן סטרייק־קאָמיטעט. צו דער זיצונג איז געקומען פּרעזידענט גאָמפּערס און האָט אָנגעוויזן, אַז אַן אָפּמאַך אַליין איז גאָר ניט ווערט. וויכטיק איז, ווי די אַרבעטער האַלטן זיך. זיינען זיי אייניק און פאָלגן די באַשלוסן פון דער יוניאָן, דעמאָלט קענען זיי דערפירן אַז אין דער פּראַקטיק זאָל זיין אַ „קלאָזד יוניאָן שאַפּ", אָן אונטערשייד וואָס דער אָפּמאַך זאָל ניט זיין. ער האָט דערמאָנט, אַז די סטרייקערס ליידן שוין הונגער און נויט, עס איז שוין באַלד פיר חדשים ווי דער סטרייק דויערט, און ווי לאַנג קענען סטרייקערס אַזוי ליידן? ער רעקאָמענדירט, מען זאָל אָננעמען דעם קאָמפּראָמיס פון אַ „פּרעפערענשל יוניאָן־שאַפּ". זיגמאַן און איך זיינען נאָך אַלץ געווען קעגן נאָכגעבן. אָבער נאָך דער זיצונג האָב איך אַ סך נאָכגעטראַכט וועגן דעם וואָס

איז פאַרגעקומען. פון איין זייט, האָט מען שוין געזען אַ סך בלייכע, אויסגעמוטשעטע פּרויען מיט שוואַכע, הונגעריקע קינדער, ווייל דער לאַנגער סטרייק האָט זיך שוין גוט איינגעגעסן אין די ביינער פון די אָרעמע פּראָלעטאַרישע מאַסן; עס איז געווען אַ האַרצווייטיק אויף זיי צו קוקן. אָבער פון דער צווייטער זייט האָב איך ווי אַ סאָציאַליסט געוואוסט, אַז אין קאַמף טאָר מען ניט זיין נאָכגיביק און מען מוז מען אויסהאַלטן, אויב מען וויל אַרויס זיגרייך פון קאַמף. איך האָב זיך אַזוי געשלאָגן מיט די צוויי געפילן אַ גאַנצן טאָג. ווען איך בין געקומען אין אָפיס פון סטרייק־קאָמיטעט, האָב איך געפונען אַ טעלעגראַמע פון פּרעזידענט סעמועל גאָמפּערס, איך זאָל צו אים קומען פאַרנאַכט אין זיין האָטעל. ווען איך בין געקומען, האָב איך דאָרט געטראָפן דעם גאַנצן עקזעקוטיוו פונעם סטרייק־קאָמיטעט. גאָמפּערס האָט גענומען איינטענהן מיט אונדז, ספּעציעל מיט זיגמאַנען און מיט מיר, אַז מיר זאָלן צושטימען דורכצוקומען מיט די פאַבריקאַנטן אויף אַ „פּרעפּערענשל יוניאָן־שאַפּ". זיין טענה איז געווען, אַז עס איז בעסער איינצוגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס אידער צו פאַרלירן אין גאַנצן. דעם אמת זאָגנדיק, האָט דער פּרעזידענט אויף מיר געווירקט, און אפשר גאָר די קליינע קינדער מיט זייערע מאַמעס, וואָס האָבן מיט די אויגן געבעטן אַ שטיקל ברויט און מילך פאַר די קינדער. אַזוי צי אַזוי — איך האָב צוגעשטימט צום קאָמפּראָמיס. איין זיגמאַן איז געבליבן איינגעשפּאַרט, און דער „פאָרווערטס" האָט אים דערפאַר קריטיקירט. אָבער אַחוץ אים האָט דער גאַנצער סטרייק־קאָמיטעט געשטימט אָנצונעמען דעם קאָמפּראָמיס.

איידער דער סטרייק האָט זיך אָפיציעל געענדיקט, האָבן אַ סך קליינע שעפּער נאָך פריער אונטערגעשריבן אינדיווידועלע אָפּמאַכן מיטן סטרייק־קאָמיטעט. די עקזעקוטיווע פון סטרייק־קאָמיטעט האָט מיר איבערגעגעבן צו פאַרנעמען זיך מיט די דאָזיקע שעפּער, און סאול מעטץ האָט איבערגענומען מיין אַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע. נאָך פיר חדשים איז דער סטרייק פאַרענדיקט געוואָרן. אָפיציעל דעם דריטן סעפּטעמבער 1910. די קלאָוק־און סקוירט־מאַכער האָבן דעמאָלט פאַר פרייד גע־

טאַנצט אין די גאַסן. מען האָט זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב איינער דעם צווייטן. די צייטונגען זיינען אַרויס מיט עקסטרע אויסגאַבעס, אַז דער סטרייק איז פאַרענדיקט.

דער דאָזיקער גרויסער סטרייק האָט אַוועקגעלייגט אַ שטאַרקן פונדאַמענט פאַר דער „קלאָוקמאַכער"־יוניאָן. דער אַרבעטער האָט אויפגעהויבן אַביסל העכער זיין קאָפּ און אָנגעהויבן פילן זיך זיכערער אין שאַפּ. ער האָט געוואוסט, אַז די יוניאָן קען אים פאַרטיידיקן. די געווינסן פון סטרייק זיינען געווען זייער וויכטיקע: העכערע לוינען; קלענערע אַרבעטס־שעהן; עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער באַדינג צו האָבן אייגענע אַרבעטס־געצייג; אַ סאַניטאַרער קאָנטראָל איבער די שעפּער; קריגן באַצאָלט פאַר די געזעצלעכע יום־טובים; מענטשלעכע באַהאַנדלונג. עס איז אַוועק די מאַכט פון דעם פאָרמאַן און די מורא פאַר אים. דער פאַקט, וואָס 65 טויזנט קלאָוקמאַכער האָבן אויף אַ דיסציפּלינירטן אופן פיר חדשים צייט געסטרייקט און אויסגעהאַלטן ביזן סוף, האָט אַרויסגערופן גרויס דרך־ארץ ביי אַלעמען. אַנדערע אַרבעטער האָבן זיך דערפון אָפּגעלערנט אַ גוטע לעקציע און זיך אויך גענומען אָרגאַניזירן. עס מוז אָבער באַטאָנט ווערן, אַז די גאַנצע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, ווי קליין זי איז דעמאָלט ניט געווען, האָט זייער אַ סך מיטגעהאָלפן צו געווינען דעם סטרייק. דער „פאָרווערטס", דער אַרבעטער־רינג, די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע און דער ברייטער עולם אַרבעטער האָבן צוגעטראָגן אַ סך הילף פאַר די סטרייקערס. די גאַנצע עפנטלעכע מיינונג איז געווען אויף אונדזער זייט. אַקעגן איז געווען אַן אַלגעמיינע אַנטיפּאַטיע צו די פאַבריקאַנטן מיט זייערע גענגסטערס און פּאָליציי.

אויך די גאַנצע „אינטערנעשאָנעל" האָט שטאַרק אויפגעלעבט נאָך דעם זיג פון די קלאָוקמאַכער. זי האָט אָנגעהויבן ענערגיש צו אָרגאַניזירן אויך אַנדערע פאַכן פון דער פרויען־באַקליידונג־אינדוסטריע. אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס איז געוואָרן פריילעכער.

נאָכן סטרייק בין איך געוואָרן אַ ביזנעס־אַגענט פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן. די אַרבעט איז דעמאָלט געווען זייער אַ שווערע. די אַרבעטער זיינען נאָכן סטרייק געוואָרן באַוואוסטזיניקער, זיי האָבן אַ סך געלערנט פון דער גרויסער צאָל רעדנערס און אַגיטאַטאָרן אויף די אומצייליקע סטרייק־פאַרזאַמלונגען און זיי האָבן אַליין שוין אויך פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו פאַרטיידיקן זייערע רעכט קעגן די פאַבריקאַנטן און זיי צו צווינגען אָפּצוהיטן דעם אָפּמאַך. ווי נאָר די אַרבעטער האָבן דערשמעקט, אַז דער באָס טוט עפּעס וואָס איז קעגן אָפּמאַך, האָבן זיי באַלד גערופן דעם ביזנעס־אַגענט. דער שטאַרקסטער קאַמף האָט זיך געפירט אַרום די ניט־יוניאָן־אַרבעטער. לויטן אָפּמאַך האָט אַ בעל־הבית געמעגט אָננעמען אַרבעטער ניט־יוניאָן־מיטגלידער, אָבער נאָך צוויי וואָכן פּראָבע האָבן די דאָזיקע אַרבעטער געמוזט ווערן מיטגלידער פון דער יוניאָן, אויב דער באָס האָט זיי געוואָלט ווייטער האַלטן ביי דער אַרבעט. וואָס האָבן די באָסעס געטאָן? נאָך די צוויי וואָכן האָבן זיי די אַרבעטער אָפּגעזאָגט און צוגענומען פרישע אַרבעטער אויף צוויי וואָכן אאַז״וו. מיר אָבער האָבן זיך לייכט געכאַפּט, וואָס פאַר אַ שפּיצל דאָ שטעקט, און מיר פלעגן געבן צו פאַרשטיין די נייע אַרבעטער ניט־יוניאָן־לייט, אַז אין זייערע אייגענע אינטערעסן איז בעסער, זיי זאָלן באַלד ווערן מיטגלידער, וועלן זיי קריגן די שוץ פון דער יוניאָן.

פערטער טייל

# ביים בויען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג

# קאַפּיטל 15

סוף 1910 האָב איך געשריבן צו מיין פרוי, אַז איך פאַרלאַנג, זי זאָל קומען אַהיים. איך האָב איר אויך געשריבן, אַז איך בין אַ ביזנעס־אַגענט פון דער „קלאָוקמאַכער״ יוניאָן, אַז איך פאַרדין 18 דאָלאַר אַ וואָך און אַז די יוניאָן איז איצט אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט ניט צעפאַלן ווערן, און איך האָב איר דערציילט די גאַנצע מעשה וועגן סטרייק און וועגן אונדזער גרויסן זיג. מיין פרוי איז באַלד געקומען און האָט מיטגעבראַכט אונדזער זונעלע, נח, אַ שיין ייִנגעלע. איך האָב גענומען אַ וואוינונג אין בראַנזוויל, אויף פּיטקין־עווענוי, אין אַ הויז, וואָס האָט דאָס ערשטע אין שטאָט געהאַט צענטראַלע באַהייצונג. מיר האָבן זיך שיין איינגעאָרדנט און מיין פרוי איז געווען זייער צופרידן, וואָס זי איז געקומען אַהיים און מיר קענען שוין איצט זיין צוזאַמען. אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָט זי אָנגעהויבן אַרויסווייזן אומצופרידנקייט, וואָס איך גיב אַוועק צו פיל צייט פאַר דער יוניאָן און פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלגעמיין. איך האָב זי גאַנץ גוט פאַרשטאַנען: אַ יונגע פרוי, ערשט צוויי יאָר נאָך דער חתונה, האָט זי געוואָלט, אַז דער מאַן זאָל זיך מער אָפּגעבן מיט איר און מיטן קינד.

אין אַ קנאַפּ יאָר אַרום האָט מיין פרוי געבוירן נאָך אַ זון, מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן יוסף. כאָטש עס איז שוין געווען אַ שווערער עול פאַר מיין פרוי צו האָדעווען צוויי קליינע קינדער, דאָס האָט אונדז אָבער ניט אָפּגעהאַלטן צו האָבן נאָך צוויי קינדער, אַ טאָכטער, איידע, און אַ דריטן זון, פיליפּ. אַלע פיר — געראָטענע, פיינע, געזונטע. מיין פרוי האָט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעגעבן פאַר די קינדער. זי האָט זייער שווער געאַרבעט, אַז די קינדער

זאָל קיין זאַך ניט פעלן; אייער האָט מען געמוזט קויפן נאָר די־רעקט פון אַ פאַרם; מילך האָט געמוזט זיין נאָר אין פלעשער; באָדן האָט מען די קינדער געמוזט אַלע טאָג. אַ זאַך וואָס איז יענע צייט ניט אַזוי שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן. זי איז געווען פאַר די קינדער אי די מאַמע אי דער טאַטע. די איינציקע צייט וואָס איך פלעג קענען זיך אַביסל אָפּגעבן מיט די קינדער איז געווען זונטיק. אָבער אָפט מאָל פלעג איך זיין פאַרנומען זונטיק אויך. וואָס איך האָב יאָ געטאָן פאַר מיין פרוי איז דאָס, וואָס איך האָב אויף זיך קיין איבעריקן פעני ניט אויסגעגעבן און איך האָב גע־זאָרגט דערפאַר, זיי זאָלן האָבן אַ שיין הויז, זיי זאָלן גיין לייטיש אָנגעטאָן און האָבן אַ באַקוועם לעבן. מיט דער צייט איז מיין לוין געוואַקסן אויף 25 דאָלאַר אַ וואָך, פלעג איך שוין אויך אַוועקשיקן מיין פרוי מיט די קינדער אויף זומער אין די בערג. איך האָב קיין מאָל ניט פאַרגעסן, ווי שווער די אַרבעט אַרום פיר קינדער פאַלט אויף אַ פרוי.

אָבער מיין אַרבעט אין דער יוניאָן איז ניט געווען קיין לייכטע. צו יענער צייט האָט מען געדאַרפט אַוועקגעבן אומצייליקע שעהען אויפצוהאַלטן די יוניאָן און אָפּצוהיטן די אויסגעקעמפטע דער־גרייכונגען. די פאַבריקאַנטן האָבן געמאַכט אַלע מעגלעכע שטע־רונגען, כדי צו סאַבאָטירן דעם אָפּמאַך און געזוכט כלעריליי מיט־לען פטור צו ווערן פון דער יוניאָן. און מיט די אַרבעטער איז אויך געווען ניט לייכט. אַ סך אַרבעטער זיינען אַדאַנק דעם גע־וואונענעם סטרייק געוואָרן גאַנצע „רעוואָלוציאָנערן" און זיי האָבן פאַרלאַנגט זאַכן, גאַנץ גוטע און באַרעכטיקטע, אָבער וועלכע מיר האָבן אין אָפּמאַך ניט געהאַט. פלעגן מיר מוזן רופן אָפטע שאַפּ־פאַרזאַמלונגען, כדי דאָס אויפצוקלערן די אַרבעטער — און די אַמאָליקע שאַפּ־פאַרזאַמלונגען פלעגן זיך פאַרציען ביז שפּעט אין אָונט. אַחוץ דעם איז יעדער לאָקאַל געווען פאַרטיילט אין סעקציעס און עס זיינען אויך פאַרגעקומען סעקציע־פאַרזאַמלונגען, אויך ביי די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען האָבן די ביזנעס־אַגענטן געמוזט זיין. אַזעלכע פאַרזאַמלונגען פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן יעדע וואָך, און יעדע אַזאַ פאַרזאַמלונג פלעגט זיך פאַרציען ביז

שפּעט אין דער נאַכט. די זיצונגען פון „דזשאָינט־באָארד״ פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן יעדן שבת איינס אַזייגער בייטאָג און פלעגן זיך פאַרציען ביז שפּעט אין דער נאַכט. חוץ דעם האָט מען געדאַרפט זונטיק גיין היטן די שעפער, אַז טייל אַרבעטער זאָלן זיך ניט אַריינכאַפּן צו דער אַרבעט. אַזוי איז מען כסדר געווען פאַרנומען. מען האָט אַפילו קיין צייט ניט געהאַט עפּעס צו לייענען אָדער גיין ערגעץ פאַרברענגען. דער קאַמף האָט געברענט אָן אויפהער און מען האָט זיך קיין רעכענונג ניט געקענט אָפּגעבן, וויפל צייט און ענערגיע דאָס אַלץ פאַרשלינגט. מען איז געווען יונג, געזונט און קאַמפּסלוסטיק, ספּעציעל די, וואָס זיינען געווען סאָציאַליסטן, און אַזאַ בין איך געווען. פלעג איך, אַחוץ אין דער יוניאָן, זיין אויך אַקטיוו אין סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, אין די „פאַר־אייניקטע יידישע געווערקשאַפטן״, אין „אַרבעטער־רינג״, שפּע־טער אויך אין געווערקשאַפטן־קאַמפּעין פאַר דער הסתדרות א״אַנד, אַזוי אַז ס׳איז זייער ווייניק געבליבן צייט אָפּצוגעבן זיך מיט דער אייגענער פאַמיליע.

## קאַפּיטל 16

נאָך דעם גרויסן סטרייק פון 1910 זיינען פאַר דער יוניאָן אויפגעקומען נייע פּראָבלעמען. איין פּראָבלעם איז געווען דאָס אָפּשאַפן די סוב־קאָנטראַקטאָרס. דאָס איז געווען זייער אַ שווערע זאַך, ווייל די סיסטעם פון סוב־קאָנטראַקטאָרס איז געווען זייער שטאַרק איינגעפונדעוועט אין די מערסטע שעפּער. אַן אָפּערייטאָר פלעגט האַלטן עטלעכע אַרויסהעלפערס; אַ שניידער פלעגט האַלטן עטלעכע מיידלעך; אַ „העד־פּרעסער" פלעגט אָננעמען די אַר־בעט פון שטיק און ער פלעגט באַשעפטיקן פּרעסערס, אונטער־פּרעסערס, וועמען ער האָט געצאָלט פון דער וואָך. דער נייער אָפּמאַך מיט די אַרבעטס־געבער האָט באַשטימט, אַז אַלע פּרע־סערס דאַרפן אַרבעטן אויף דער וואָך דירעקט ביים פאַבריקאַנט. די „העד־פּרעסערס" האָט דאָס שטאַרק נישט געשמעקט און זיי האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ געזעלשאַפט מיטן ציל צו קעמפן קעגן דער יוניאָן. די סעקציע־פאַרזאַמלונגען, וואָס מען פלעגט אָפּהאַלטן יעדע וואָך, פלעגן צוליב דעם זיין זייער שטורמישע. אָפט מאָל פלעגט דערגיין צו געשלעגן. ווען עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ זיצונג, האָט מען געמוזט אַוועקשטעלן ביי דער טיר זיכערע, אי־בערגעגעבענע יוניאָן־לייט כדי צו באַשיצן די עקזעקוטיוו־מיט־גלידער, ווייל די „העד־פּרעסערס" פלעגן קומען גרופּנווייז און אַמאָל מיטברענגען שטאַרקע יונגען, און פלעגן מאַכן סקאַנדאַלן און פּראָוואָצירן געשלעגן מיט די עקזעקוטיוו־מיטגלידער און מיט די באַאַמטע.

די יוניאָן פלעגט דעמאָלט אַריינבאַקומען אַ סך געלט פון באַשטראָפטע אין די שעפּער. אַ סך אַרבעטער, כאָטש זיי זיינען געווען יוניאָן־לייט, פלעגן זיך אין די שעפּער אויפפירן זייער ניט

פיין. אין די גרעסערע שעפּער פלעגן די מער־באַוואוסטזיניקע אַר־בעטער אַכטונג געבן, אַז מען זאָל ניט רעדן קיין גראָבע רייד; אַז אַרבעטער זאָלן רעספּעקטירן איינער דעם אַנדערן. אָבער אין די קלענערע שעפּער און אין די קאָנטראַקט־שעפּער האָט דער ביזנעס־אַגענט געמוזט קומען עטלעכע מאָל אַ וואָך כּדי אויסצו־גלייכן און צו פאַרגלעטן קריגערייען און רייסערייען צווישן די אַרבעטער; האַלטן פאַר זיי לעקציעס ווי אַזוי אויפצופירן זיך אין שאַפּ, לעבן צווישן זיך ברידערלעך און זיך באַציען לייטיש צו די פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט אין שאַפּ. און אויב דאָס האָט ניט געהאָלפן, פלעגט מען רופן שאַפּ־פאַרזאַמלונגען אין אָפיס פון דער יוניאָן, און ווען דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן, פלעגט מען טייל אַרבעטער באַשטראָפן מיט אַ געלט־שטראָף און אַפילו מיט אַוועק־נעמען זיי פון שאַפּ, — ווייל ס׳זיינען געווען אַזעלכע אַרבעטער וואָס פלעגן ניט אויפהערן צו באַליידיקן די פרויען. אָבער ניט בלויז מיט די אַרבעטער האָט די יוניאָן געהאַט אַזעלכע צרות, נאָר אויך מיט אַ סך קאָנטראַקטאָרס און פאַבריקאַנטן. מען האָט זיי געדאַרפט לערנען, ווי צו רעדן לייטיש צו זייערע אַרבעטער און איבערהויפּט צו די אַרבעטער־פרויען. מען מוז דאָ צוגעבן, אַז אין דעם זינען האָט די „פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאָן" פון די פאַברי־קאַנטן און די „אַמעריקען קאָנטראַקטאָרס אַסאָסיאיישאָן" אַ סך צוגעהאָלפן דער יוניאָן.

די יוניאָן, און ספּעציעל אירע ביזנעס־אַגענטן, האָבן אויך געמוזט אַכטונג געבן אויף די סאַניטאַרע באַדינגונגען אין די שע־פּער. פאַרן סטרייק זיינען די מיינסטע שעפּער געווען פּשוט אומריין — מיט איין טואַלעט פאַר מענער און פרויען; פון אַ באַזונדער צימער פאַר אַרבעטערינס זיך איבערצוטאָן — איז שוין אָפּגערעדט. אַ סך שעפּער זיינען געווען פּשוטע פייער־פּאַסטקעס מיט הילצערנע טרעפּ אַרויפצוגייען. אַזוי ווי קיין עלע־וועיטאָרס זיינען ניט געווען, האָבן די אַרבעטער, ספּעציעל די פּרעסערס, געמוזט שלעפּן די שווערע פּעק סחורה מיט שטריק, אָדער אַרויפטראָגן עטלעכע גאָרנס אויף די אייגענע פּלייצעס. אין דעם פּרט האָט דער סטרייק אונדז געבראַכט אַ גרויס געווינס.

אין „פראַקטאָקאָל", ד"ה אין אָפּמאַך צווישן דער פאַבריקאַנטן־אַסאָציאַציע און דער יוניאַן, איז געווען אַ פּונקט, אַז עס זאָל איינגעפירט ווערן אַ סאַניטאַרער קאָנטראָל איבער די שעפּער און אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ געמישטע קאָמיסיע צוזאַמען מיט דער „מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן". אָבער ביז אַזאַ קאָמיסיע איז עטאַבלירט געוואָרן האָט געגומען צייט, און דערווייל האָבן געטאָן די אַרבעט די ביזנעס־אַגענטן פון דער יוניאַן. נאָר אַפילו ווען די סאַניטאַרע קאָנטראָל־קאָמיסיע האָט שוין יאָ אָנגעהויבן אַרבעטן, האָט נאָך אַלץ ניט געקענט קיין סך אויפגעטאָן ווערן, און מען האָט אָפּט געמוזט באַקלאָגן זיך ביי דער „באָארד אָוו העלט" אָדער ביים פייער־דעפּאַרטמענט קעגן די בעלי־הבתים וואָס האָבן דעם „פּראָטאָקאָל" פּשוט איגנאָרירט. עס איז געווען אַ שווערער קאַמף, אָבער די איבערגעגעבנקייט פון די יוניאָן־באַאַמטע האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטן און די סוועט־שעפּער און די אומסאַניטאַרע שעפּער זיינען סוף כל סוף רעפאָרמירט געוואָרן.

די ביזנעס־אַגענטן האָבן אין יענער צייט געשפּילט אויך אַ גרויסע ראָלע ביים איינפירן דיסציפּלין אין די שעפּער. אַ סך אַרבעטער האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס הייסט, אַז מען דאַרף זיך אונטערוואַרפן אַ באַשלוס פון דער יוניאַן, אַפילו אויב מען איז ניט אין גאַנצן צופרידן מיט אים. אָבער מען מוז צוגעבן, אַז אין פּרט פון דיסציפּלין אין די שעפּער האָבן אונדז אַ סך צוגע־האָלפן די איבערגעגעבענע יוניאָן־מיטגלידער. נאָכן סטרייק האָבן די אַרבעטער זיך זייער געענדערט. זיי האָבן דערזען, וואָס פאַר אַ גרויסע געווינסן דער סטרייק האָט געבראַכט, אַזעלכע געווינסן אויף וועלכע זיי האָבן זיך גאָר ניט גערעכנט. זיי האָבן געזען, אַז גרויסע און רייכע פאַבריקאַנטן האָבן זיך געמוזט בייגן פאַר דער יוניאָן; אַז אין סטרייק האָבן וויכטיקע פּערזענלעכקייטן פון אַמעריקע, אַפילו מיליאָנערן, זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די אַרבעטער; זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז די מערסטע צייטונגען האָבן אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע מיט די אַרבעטער און ניט מיט די פאַבריקאַנטן. דאָס אַלץ האָט דעם אַרבעטער אַ סך געלערנט און געגעבן פאַרשטאַנד. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט וועט די יוניאָן

שוין לעבן ווי אַ פּערמאַנענטע אָרגאַניזאַציע, ווייל ביזן סטרייק האָבן מערסטנס עקסיסטירט נאָר סעזאָן־יוניאָנס און זיי האָבן פּאַקטיש קיין גרויסע באַדייטונג ניט געהאַט. אין דעם שטילן סעזאָן, ווען ס׳איז ניט געווען קיין אַרבעט, מען האָט ניט געהאַט צו עסן און מען פלעגט לעבן אויף באָרג, פלעגט מען זיך אָרגאַניזירן. אָבער ווי נאָר ס׳איז אָנגעקומען דער סעזאָן און עס איז געוואָרן מער אַרבעט אין די שעפּער, פלעגט מען אין דער יוניאָן פאַרגעסן.

## קאַפּיטל 17

די גאַנצע צייט האָב איך נישט פאַרנאַכלעסיקט מיין אַרבעט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. בעת דעם גרויסן סטרייק פון 1910 האָב איך זיך נעענטער באַקענט מיט מאיר לאָנדאָנען, פאַר וועלכן איך האָב בעקומען גרויס רעספּעקט און וועלכן איך האָב פּשוט ליב געהאַט. אויך גענאָסע הילקוויטן האָב איך פאַרערט פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט ביים פאַרטרעטן די קלאָוק־מאַכער־יוניאָן, זייענדיק איר לאָיער, ווי אויך דער קאָפּ פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איך פלעג זייער ליב האָבן הערן אים ריידן אויף פאַרזאַמלונגען צי ביי פאַרהאַנדלונגען מיט די פאַברי־קאַנטן. אונדזער יוניאָן האָט קיין זאַך ניט געטאָן, זי זאָל זיך פריער ניט באַראַטן מיט מאָריס הילקוויטן און נאָך מער — מיט מאיר לאָנדאָנען. ביידע זיינען זיי געווען גוטע סאָציאַליסטן, גוטע טעאָ־רעטיקער און האָבן פאַרמאָגט הויכע אינטעליגענץ. לאָנדאָן איז אויך אין פערזענלעכן לעבן געווען אַן אידעאַליסט און איז געווען אָן אַ גרענעץ איבערגעגעבן דעם אַרבעטער. איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם פאַל, ווען דער יוניאָן־סעקרעטאַר, ה. קליינמאַן, האָט מיך געבעטן, איך זאָל איבערגעבן לאָנדאָנען אַ פּאַר הונדערט דאָלאַר פאַר די אויסגאַבן וואָס ער האָט געהאַט ביי זיין אַרבעט ווי אַ לאָיער פון דער יוניאָן. איך האָב קליינמאַנען געפרעגט פאַר־וואָס ער אַליין גיט אים ניט איבער דאָס געלט? איז זיין ענטפער געווען, אַז ער האָט דאָס טאַקע געפּרוווט טאָן, אָבער לאָנדאָן האָט אויף אים אָנגעשריגן, פאַרוואָס ער וויל אים באַצאָלן. האָט קליינמאַן געפּרוווט אַריינלייגן דאָס געלט אין לאָנדאָנס קעשענע, אָבער לאָנדאָן האָט זיך געכאַפּט און האָט דאָס געלט צוריקגע־וואָרפן. איך האָב געמוזט דאָס געלט איבערגעבן לאָנדאָנס ברודער;

איך האָב פשוט מורא געהאַט לאָנדאָנען צו דערצערענען. הילקוויט איז אָבער געווען שוין גאָר אַן אַנדערער מענטש. ער האָט זיך געהייסן גוט באַצאָלן פאַר זיין אַרבעט, כאָטש וויפיל מען האָט אים באַצאָלט איז עס אַלץ ניט געווען צו פאַרגלייכן מיט די ווערט פון זיין אַרבעט, ווייל דאָס וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר דער יוניאָן איז גאָר ניט געווען אָפּצושאַצן. צו מיר פּערזענלעך פלעגן די צוויי טייערע גענאָסן זיך באַציען זייער פריינדלעך, ווי אמתע חברים. זיי האָבן אָפּגעשאַצט דאָס, וואָס איך בין געווען ניט בלויז אַ יוניאָן־טוער, נאָר אויך אַן אַקטיווער סאָציאַליסט. זיי האָבן גע־וואוסט וועגן מיין רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט אין רוסלאַנד. אַלע מאָל ווען איך פלעג קומען אין פּאַרטיי־לאָקאַל אָדער אין רענד־סקול, פלעגן זיי מיך פרעגן מיין מיינונג וועגן פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון דער יוניאָן אָדער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. שוין דעמאָלט זיינען געווען ווייניק סאָציאַליסטן צווישן די יוניאָן־באַאַמטע, דעריבער האָבן זיי אַזוי הויך געשאַצט די ווייניקע אַקטיווע סאָציאַליסטן אין דער יוניאָן־באַוועגונג.

ווען די יוניאָן פלעגט דאַרפן אויסוויילן נייע באַאַמטע, פלעגט דער „דזשאָינט־באָארד" פאַרבעטן די דאָזיקע צוויי פירערס, ווי אויך דזשייקאָב פּאַנקינען (איינער פון די סאָציאַליסטישע וועטע־ראַנען און שפּעטערדיקער באַקאַנטער ריכטער) אויסצופרעגן די קאַנדידאַטן צי זיי זיינען פּאַסיק און פעאיק. די קאַנדידאַטן אויף ביזנעס־אַגענטן פלעגן אַריינלייגן אין איין קעשענע אַ „פאָרווערטס" און אין דער אַנדערער אַ „קאָל" (אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי), כדי אויסצוגעמען ביים קאָמיטעט. געוויינטלעך האָט מען געשטעלט שווערע פראַגן. דער ביזנעס־אַגענט אין יענער צייט איז ניט געווען גלאַט עפּעס אַ שיק־יינגל. דעמאָלט זיינען נאָך ניט געווען קיין לאָקאַל־מענעדזשערס. אַלע באַאַמטע זיינען געווען גלייך אין סטאַטוס און אַלע האָבן געקראָגן זייער לוין פונעם „דזשאָינט־באָארד" און ניט פון לאָקאַל. דער „דזשאָינט־באָארד" האָט געהאַט איין אַלגעמיינעם מענעדזשער און אַ שעף פון אָפיס („טשיף קלוירק"), וואָס האָט אויך אויפגענומען אַלע אָנקלאַגעס פון דער „פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאַן" פון די פאַבריקאַנטן קעגן

די לאָקאלס אָדער קעגן די ביזנעס־אַגענטן. דער מענעדזשער פון „דזשאָינט־באָארד״ פלעגט אַלע פראַגן ברענגען צום „באָארד אָוו דירעקטאָרס״, וואָס איז באַשטאַנען פון איינציקע דעלעגאַטן פון יעדן לאָקאַל. אָבער די באַשלוסן פון באָארד אָוו דירעקטאָרס״ האָבן געדאַרפט האָבן די באַשטעטיקונג פון „דזשאָינט־באָארד״.

דער „דזשאָינט־באָארד״ איז דעמאָלט געווען אַן אמתער פאַר־לאַמענט פון די קלאָוקמאַכער. די זיצונגען פלעגן זיך אָנהייבן שבת איינס אַזייגער בייטאָג און פלעגן זיך ציען ביז אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט (מיט אַן איבעררייס אויף מיטאָג פון 6 ביז 7) און אַמאָל שפּעטער אויך. די ערשטע העלפט פון דער זיצונג פלעגט אַוועקגיין אויף אויפצונעמען קאָמיטעטן פון לאָקאַלס און פאַרשיידענע ווענדונגען, אין דער צווייטער העלפט פלעגט מען אויסהערן באַריכטן פון מענעדזשער און פון „באָארד אָוו דירעק־טאָרס״ און באַהאַנדלען אַלגעמיינע ענינים פון דער יוניאָן. צו די זיצונגען פון „דזשאָינט־באָארד״ פלעגן קומען דער פרעזידענט און דער סעקרעטאַר פון דער „אינטערנעשאָנעל״. די לאַיערס פון דער יוניאָן, דער רעדאַקטאָר פון דער „פּאָוסט״ און אַלע באַאַמטע פון דער „דזשאָינט־באָארד״ ווי אויך די באַאַמטע פון די לאָקאַלס.

אַמאָל איז געווען אַזאַ פאַל (דאָס איז געווען אין 1911): עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן באַנייען דעם אָפּמאַך מיט די בעלי־הבתים, האָט איין דעלעגאַט געמאַכט אַ פאָרשלאַג אָפּ־צוהאַלטן אַ געשלאָסענע זיצונג. דער פאָרזיצער האָט דעם פאָר־שלאַג געשטעלט צו דער אָפּשטימונג און ער איז אָנגענומען גע־וואָרן. דער פאָרזיצער האָט אויפגעפאָדערט אַלע געסט און די ביזנעס־אַגענטן צו פאַרלאָזן די זיצונג. האָב איך פאַרלאַנגט דאָס וואָרט און איך האָב פּראָטעסטירט קעגן דער האַנדלונג; איך האָב געזאָגט, אַז די ביזנעס־אַגענטן זיינען דאָך די וואָס פאַרטרעטן די יוניאָן אין אין באַצוג צו די מיטגלידער אין לגבי די בעלי־בתים, דאַרף מען פאַר זיי ניט האָבן קיין סודות. ענטפערט דער פאָרזי־צער, אַז איך קען בלייבן. דערקלער איך, אַז איך וויל ניט קיין פּריווילעגיעס — און איך גיי אַוועק צוזאַמען מיט אַלע ביזנעס־אַגענטן. נאָך אונדזער אַרויסגיין איז געוואָרן אַ טומל. אַ טייל

דעלעגאַטן זיינען ניט געווען צופרידן מיט דער האַנדלונג פון פאַרזיצער. זיי האָבן פּראָטעסטירט. האָט דער טשערמאַן צוריק־געצויגן די פאַראָרדענונג און האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט ניט געוואָלט פאַרשעמען די אַנדערע געסט, דעריבער האָט ער אויך די ביזנעס־אַגענטן געהייסן אַרויסגיין. מאיר לאַנדאַן האָט דעמאָלט געהאַלטן אַ רעדע און געזאָגט, אַז דער ביזנעס־אַגענט דאַרף האָבן די זעלבע רעכט ביי די „דזשאָינט־באָארד" זיצונגען וואָס אַלע דעלעגאַטן, נאָר ער דאַרף זיך אָפּהאַלטן פון שטימען. נאָך דעם דאָזיקן אינצידענט האָבן די ביזנעס־אַגענטן געשאַפן אַן אייגענעם „באָארד אָוו אָפיסערס" און מיך האָט מען אויסגעקליבן פאַרן פאַרזיצער.

צו יענער צייט בין איך געווען דער פאַקטישער פירער פון לאָקאַל 35. מאָריס זיגמאַן איז דעמאָלט געווען דער מענעדזשער פון „דזשאָינט־באָארד", האָט ער ניט געהאַט גענוג צייט פאַר דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פונעם לאָקאַל. דער לאָקאַל־אָפיס האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף דער צווייטער עוועניו ביי דער 14טער גאַס. איין מאָל איז געשען אַזאַ פאַל: איך קום אין לאָקאַל אַרומרעדן די פראַגע וועגן דער דעמאָנסטראַציע פון ערשטן מאַי און איך טרעף דעם פינאַנץ־סעקרעטאַר פון לאָקאַל, מעניק, זייער פאַרזאָרגט. איך פרעג אים: „וואָס האָט פּאַסירט, וואָס זייט איר אַזוי צעטראָגן?" ענטפערט ער מיר, אַז ער האָט געהאַט ביי זיך אַכט הונדערט דאָלאַר יוניאָן־געלט. ער איז געפאָרן אויף אַ טראַמוויי און מען האָט אים דאָס געלט אַרויסגעגנבעט, איצט וויים ער ניט, וואָס צו טאָן. האָב איך אים געראָטן, אַז ער זאָל באַלד רופן אַ ספּעציעלע זיצונג פון דער עקזעקוטיווע און דאָרטן דער־ציילן וועגן דעם אומגליק און פאָרשלאָגן אויסצוצאָלן דעם היזק צו 5 דאָלאַר אַ וואָך. ער האָט ניט צוגעשטימט צו דעם. ער האָט דערקלערט, אַז ער איז ניט שולדיק וואָס מען האָט אים באַגנבעט; די יוניאָן האָט אים ניט פאַרזיכערט קעגן גנבה. אויף דער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע איז באַשלאָסן געוואָרן אים אָפּצו־זאָגן פונעם אַמט אַלס סעקרעטאַר און איבערגעבן דעם ענין צום יוניאָן־לאָיער. דער פאַרזיצער, קימבאַראָווסקי, האָט צוגענומען די

שליסלען ביי מעגינען און מיך באַשטימט צו זיין דער סעקרעטאַר. איך האָב מסכים געווען צו טאָן דאָס בלויז ביז צו דער נאָענטסטער זיצונג. אויף דער דאָזיקער זיצונג האָב איך פאָרגעלייגט אַז מען זאָל אויסוויילן צו מיר נאָך דריי מאַן און צוזאַמען זאָלן מיר רעקאָמענדירן אַ סעקרעטאַר. מיר האָבן לייכט זיך אַלע געאייניקט אויף לובינסקין. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער אַרבעטער און אַן אָרנטלעכער מענטש; פּאָליטיש איז ער געווען אַן אַנאַרכיסט. ווי ווייט לובינסקי איז געווען געטריי און איבערגעגעבן דער יוניאָן, קען מען זען פון אַזאַ פּאַסירונג: איין מאָל קום איך אין אָפיס פון לאָקאל (געקומען בין איך פון אַ „פּיקעט־ליין") און איך טרעף לובינסקין שלאָפן אויף אַ באַנק. איך וועק אים אויף און פרעג אים, פאַרוואָס ער איז ניט אַהיימגעגאַנגען שלאָפן, ענטפערט ער מיר, אַז ער האָט די לעצטע נאַכט איינגענומען 400 דאָלאַר מיטגליד־אָפּצאָל, און אַזוי ווי עס איז געווען צו שפּעט, האָט ער מורא געהאַט צו גיין אַהיים מיטן געלט. פרעג איך אים: „וואָס איז דער מער מיטן סייף?" זאָגט ער, ער האָט פאַרגעסן די פאָרמולע ווי אַזוי צו עפענען דעם סייף. איז כדי צו היטן דאָס יוניאָן־געלט איז ער פאַרבליבן שלאָפן אין לאָקאל אויף אַ האַרטער באַנק.

לובינסקי האָט אויך איינגעפירט אַ גרויסע אָרדענונג אין דער אָנפירונג פון אָפיס. איין מאָל איז ער געקומען צו דער עקזעקוטיווע מיט פאָרשלאַג, אַז מען זאָל צונעמען אַ ספּעציעלן בוכהאַלטער. די עקזעקוטיווע האָט זיין פאָרשלאַג אָנגענומען און לובינסקי האָט אָנגאַזשירט צו דער אַרבעט אברהם קייזינען. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס אונדזער לאָקאל האָט באַקומען אַ ספּעציעלן בוכהאַלטער. אין אָנהייב האָבן די מיטגלידער קייזינען זייער ליב געהאַט, ווייל ער איז ניט נאָר געווען אַ בוכהאַלטער, נאָר ער האָט אויך איינגעפירט זייער ניצלעכע זאַכן. ער האָט, אַ שטייגער, איינגעפירט אַ שפּייז־קראָם אין אָפיס פון לאָקאל און די מיטגלידער האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו קויפן ביליקער ווי אין אַנדערע קראָמען, ווייל דער לאָקאל האָט ניט געזוכט דערביי קיין פאַרדינסטן. אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז שווער מיט אים אויסצוקומען. ער איז פון נאַטור

געווען אַ מענטש וואָס האָט ליב געהאַט צו פֿאַרלאָזן זיך צו פֿיל אויף זיך און ניט צו רעכענען זיך מיט די באַשלוסן פֿון דער אַד־מיניסטראַציע, אויב ער איז מיט די באַשלוסן ניט געווען איינשטי־מיק. ער האָט פֿאַקטיש געוואָלט ווערן דער פֿאַרוואַלטער איבערן גאַנצן לאָקאַל און דאָס האָט די אַדמיניסטראַציע ניט געוואָלט לײַדן. נאָך עטלעכע יאָר אַרבעט האָט ער רעזיגנירט פֿון לאָקאַל און איז אַוועק אַרבעטן אין דער „אַמאַלגעמייטעד". שפּעטער איז א. קייזין באַקאַנט געוואָרן אין דער עפֿנטלעכקייט ווי אַ גרויסער ספּעציאַליסט אין בויען קאָאָפּעראַטיווע הײַזער.

# קאַפּיטל 18

די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע, דער „טרייענגל"־פייער, וואָס איז אויסגעבראָכן דעם 25טן מערץ, 1911, אין וועלכן עס זיינען אומגעקומען 146 אַרבעטער־מיידלעך, האָט אויפגערודערט גאַנץ אַמעריקע און ספּעציעל די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג. אויף אַ שוידערלעכן אופן זיינען געפאַלן אומשולדיקע קרבנות צוליב דער אוממענטשלעכקייט פון די באָסעס, ווייל זיי האָבן געהאַלטן פאַרשפּאַרט די טירן פון דער פאַבריק און דערמיט אוממעגלעך געמאַכט אין מאָמענט פון סכנה אַרויסצולויפן פון ברענענדיקן האָל. איך בין אָנגעקומען צום אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע אַ שעה שפּעטער און געטראָפן אַ סך צעקאַלעטשעטע פון די וואָס זיינען געשפּרונגען דורך די פענצטער. אַ סך פון זיי זיינען געבליבן קאַליקעס אויפן גאַנצן לעבן. אַ שנאה איז ביי מיר פאַרבליבן צו די געלט־זעק, אַ באַגער נקמה צו נעמען. און איך האָב זיך נאָך מער אָפּגעגעבן מיט אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער, כדי צו פאַר־בעסערן זיינע באַדינגונגען, צו באַוואָרענען זיין לעבן.

מיט גרויס אימפּעט האָב איך זיך דעמאָלט אַריינגעוואָרפן אינעם קאַמף אַרום דעם סטרייק פון די בעקערס. איך בין געווען אין דעם רעדנער־קאָמיטעט צוזאַמען מיט גאָלדשטיינען, וועלכער איז פאַרבליבן דער סימבאָל פון די קעמפנדיקע בעקערס, און מיט קאַזימירסקין. מיר פלעגן אָפּהאַלטן אָפענע פאַרזאַמלונגען. אויך די „קאָנסומענטן־ליגע" („קאָנסומערס ליג"), וואָס איז באַשטאַנען מערסטנס פון פרויען, האָט אַ סך געהאָלפן און דער סטרייק איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ קאָמפּראָמיס. די בעקער־אַרבעטער האָבן זיך געהאַלטן מוטיק; זיי האָבן געהאָפט אַז די יוניאָן וועט זיי אַרויסשלעפּן פון די פינצטערע קעלערס און אין דעם האָבן זיי זיך ניט אָפּגענאַרט. די פינצטערע קעלערס זיינען טאַקע פאַר־שוואונדן פון דער בעקער־אינדוסטריע.

די דעמאָנסטראַציע פון ערשטן מאַי 1911 האָט אויפגערודערט די גאַנצע איסט־סאַיד און אויך די פינפטע עוועניו. לעפקאָוויטש, סאָול מעטע און איך זיינען געווען די מאַרשאַלן פון מאַי־פּאַראַד. מיר זיינען געריטן אויף ווייסע פערד, אויסגעפּוצט מיט היט, לענטעס און שאַרפּעס ווי ביי גענעראַלן. מיר זיינען געריטן אין שפּיץ פון די פופצן טויזנט אַרבעטער, וואָס האָבן מאַרשירט מיט געזאַנג. מען האָט געטראָגן פאַרשיידענע פּענער מיט אויפשריפטן, אַ שטייגער: „גיט אונדז פאַרזיכערטע סאַניטאַרע שעפּער און ניט קיין פייער־פּאַסטקעס!" די „ווימענס טרייד־יוניאָן־ליג" האָט געטראָגן אַ גרויסע שוואַרצע פאָן מיט אַ בלוט־רויטן אויפשריפט: „די נשמות פון די אומגעקומענע קרבנות פון טרייענגל־פייער וועלן כסדר שוועבן פאַר אונדזערע אויגן! פאַרשאָלטן זאָלן ווערן די שולדיקע אין דער טראַגעדיע!" דאָס האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינטלעכן איינדרוק. ראָוז שניידערמאַן איז געגאַנגען אין פראָנט פון דער פאָן.

איך האָב זיך דעמאָלט אויך זייער אַקטיוו באַטייליקט אין צוגרייטן די קאָנפערענץ וואָס די „פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן" האָבן גערופן וועגן דעם ענין פון די ברידער מעקנאַמאַראַ. דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן פון מילוואָקי, בערגער, האָט אַריינגעטראָגן אַ ביל אין קאָנגרעס אויסצופאָרשן דעם פאַל מעקנאַמאַרא, ער האָט דעמאָלט אויפגעשטורעמט דאָס גאַנצע לאַנד און אויך די ברייטע וועלט. ביי יענער קאָנפערענץ האָט מען באַשלאָסן צו זאַמלען אַ פאָנד און צו פאַרלאַנגען די באַפרייאונג פון די ברידער מעקנאַמאַראַ.

די „קעיס" פון די ברידער מעקנאַמארא האָט דעמאָלט געהאַט אויפגערודערט די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע.ביידע ברידער, דזשעימס און דזשאָן מעקנאַמארא, זיינען געווען באַאַמטע אין דער אייזן־בוי־אַרבעטער יוניאָן. זיי זיינען באַשולדיקט געוואָרן, אַז זיי האָבן זיך באַטייליקט אין דעם דינאַמיט־אויפרייס פון דער „לאָס־אַנדזשעלעס טיימס" — אַ יוניאָן־פרעסערישע צייטונג — דעם ערשטן אָקטאָבער, 1910, אין וועלכן עס זיינען אומגעקומען 20 מענטשן. די גאַנצן אַרבעטער און סאָציאַליסטישע

באַוועגונג האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו זאַמלען אַ פּאַרטיידיקונגס־פאָנד פאַר די אָנגעקלאָגטע יוניאָן־טוער.

איך האָב אין דער זעלבער צייט ניט פאַרנאַכלעסיקט מיין אַרבעט אין דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן, און אַרבעט איז שטענדיק געווען זייער אַ סך. עס זיינען דעמאָלט אָנגעגאַנגען פאַרהאַנדלונגען מיט דער אַסאָציאַציע פון די בעלי־בתים וועגן אַ נייעם אָפּמאַך, ווייל דער „פּראָטאָקאָל" פון 1910 איז געווען גילטיק נאָר אויף איין יאָר. נאָך אַ גאַנצער ריי קאָנפערענצן איז דער אָפּמאַך פאַרלענגערט געוואָרן אויף נאָך אַ יאָר.

באַלד נאָך דעם איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער סטרייק אין קליוולאַנד. אונדזער קלאָוקמאַכער־יוניאָן האָט שטאַרק געשטיצט די סטרייקערס. אונדזערע מיטגלידער האָבן זיך פאַר זיי באַשטייערט מיט 5 פּראָצענט פון לוין און מיר האָבן אַוועקגעשיקט פאַר די סטרייקערס 37 טויזנט דאָלאַר. דאָס איז געווען אַ ריזיקע סומע פאַר יענער צייט. 5 פּראָצענט פון לוין איז געווען אַ גרויסער קרבן. אָבער דער גענעראַל־סטרייק פון 1910 מיט זיינע רעזולטאַטן איז נאָך געווען פריש אין זכרון, דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט איז געווען לעבעדיק. די דאָזיקע הילף האָט מעגלעך געמאַכט די סטרייקערס אויסצוהאַלטן און צו פאַרענדיקן דעם סטרייק מיט אַ קאָמפּראָמיס.

---

צו יענער צייט האָט זיך געטראָפן אַ שרעקלעכע פּאַסירונג: עס איז אונטערגעגאַנגען די שיף „טיטאַניק" און הונדערט מענטשן זיינען דערטרונקען געוואָרן. צווישן די דערטרונקענע זיינען געווען די צוויי גרויסע אַמעריקאַנער פינאַנסיסטן, שטראַוס און אַסטאָר. זיי זיינען אויך געווען גרויסע פילאַנטראָפּן. דער אומגליק האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד און די גאַנצע וועלט, אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעהאַלטן דעם קאָנגרעס אָפּצוואַרפן דעם ביל וואָס דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן, בערגער, האָט אַריינגעטראָגן, אַז די רעגירונג זאָל נעמען אונטער איר קאָנטראָל דעם דראָטלאָזן טעלעגראַף.

אין שייכות מיט דעם דאָזיקן אומגליק איז אויפגעשוואומען

אין דער עפנטלעכקייט אַ יונגער יידישער בחור מיטן נאָמען דוד סאַרנאָף. ער האָט געאַרבעט אין מאַרקאָניס אָפּיס ביי אַן אַפּאַראַט פאַר דראָטלאָזער טעלעגראַפיע. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אויפגעכאַפּט די טרויעריקע נייעס וועגן דעם זינקען פון דער שיף „טיטאַניק״. ער האָט אונדז באַלד געלאָזט וויסן וועגן דעם, ווייל זיין משפחה און מיין משפחה זיינען געווען קרובים. זיי קומען פון אוזלאַן, מינסקער גובערניע. מיין ברודער, נחום, האָט חתונה געהאַט מיט זיין מומע, זיין מאַמעס שוועסטער. זיינען מיר געוואָרן נאָענטע מחותנים. איך פלעג אָפט קומען אין זיינע עלטערנס הויז און זיי פלעגן קומען צו אונדז. איך פלעג זייער ליב האָבן מיט אים צו פאַרברענגען. ער פלעגט זאָגן, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען דורך אַ קעסטעלע וועט מען הערן געזאַנג און רעדעס פון איבער דער גאַנצער וועלט. און ווען עס איז טאַקע אויפגעקומען דער ראַדיאָ, האָט ער ווייטער געזאָגט נביאות וועגן טעלעוויזיע. איך האָב אַ חשד, אַז די מאַרקאָני־פירמע האָט ביי אים אַ סך אויסגענאַרט, ווייל דער בחור איז שוין יונגערהייט געווען אַ זשעני. איך פלעג אים פאָרויסזאָגן אַ גרויסע צוקונפט — אַז ער וועט נאָך אויסוואַקסן אַ גרויסער מאַן. ער פלעגט אַלע מאָל זיך צוהערן מיט וואַרעמען אינטערעס צו מיינע רייד. ער האָט מיך קיין מאָל ניט קריטיקירט פאַר מיינע סאָציאַליסטישע אידעען און ער האָט שטענדיק געלויבט מיין טעטיקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַפילו אויך שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אַסיסטענט־מענעדזשער און דערנאָך גענעראַל־מענעדזשער פון דער „מאַרקאָני־דראָטלאָזער טעלעגראַף״. דאָס איז געווען אפשר דערפאַר וואָס ער האָט שוין פון דער פריעסטער יוגנט געמוזט אַרבעטן. ער האָט אָנגעהויבן מיט פאַרקויפן דעם „פאָרווערטס״ און זינגען ביי אַ חזן אין אַ שול כדי צו קענען אַרויסהעלפן זיין מוטער, ווייל זיין פאָטער איז געווען אַ קראַנקער און האָט ניט געקענט פאַרדינען אויף חיונה. ווען ער האָט באַקומען זיין ערשטן פּאָסטן ביי „מאַרקאָני״ האָט ער אָנגעהויבן פון 15 דאָלאַר אַ וואָך. עס פלעגט מיר פאַרשאַפן אַ סך פאַרגעניגן, ווען איך פלעג אין די שפּעטער־דיקע יאָרן זיך באַגעגענען מיט אים און זיין משפחה ביי בר־

מצוות אָדער חתונות אין דער פאַמיליע. און עס האָט מיך ספּע־ציעל געפרייט צו זען, אַז מיין גלויבן אין אים איז מקוים געוואָרן און אַז פון יענעם יונגן בחור איז טאַקע אויסגעוואַקסן אַזאַ גרוי־סער מענטש.

---

די קאָמפּאַניע פון ווײלן דעלעגאַטן צו דער קאָנווענשאָן פון דער „אינטערנעשאָנעל" אין 1912 (אָפּגעהאַלטן אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע) איז געווען זייער אַ שטורמישע. איך בין אויך אויסגע־קליבן געוואָרן פאַר אַ דעלעגאַט. אַלע דעלעגאַטן פון ניו־יאָרק זיינען געפאָרן צוזאַמען און אויף דער באַן האָט מען שוין אָנגע־הויבן דיסקוטירן וועגן אונדזער פּאָליטיק. מאָריס זיגמאַן, מאיר פּערלשטיין (וואָס איז דאַמאָלט געווען סעקרעטאַר פון „דזשאָינט־באָארד") און דזשעק האַלפּערן (טשערמאַן פון דזשאָינט־באָארד) האָבן גערעדט וועגן אַראָפּוואַרפן ראָזענבערגן פונעם פּרעזידענט־אַמט פון דער „אינטערנעשאָנעל" און דייטשן — פונעם אַמט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר. די געגנאָסן פון „פאָרווערטס" זיינען אויך ניט געווען אַזוי באַגייסטערט פאַר זיי, ווייל זיי זיינען געווען גע־טרייע גאָמפּערסיסטן און דער „פאָרווערטס" איז דעמאָלט אַרויס־געטראָטן קעגן דער פּאָליטיק פון גאָמפּערסן. פּערזענלעך האָבן אב. קאַהאַן און שלעזינגער אים שטאַרק רעספּעקטירט פאַר זיין מוטיקער פאַרטיידיקונג פון די אַרבעטער־אינטערעסן. אָבער זיינע אָנהענגערס, ראָזענבערג און דייטש, האָט דער „פאָרווערטס" ניט געשטיצט. איך בין געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון אב. קאַ־האַנען און פון שלעזינגערן, איך האָב זיי ממש ליב געהאַט, ווייל זיי האָבן זייער לעבן אַוועקגעגעבן פאַרן סאָציאַליזם און פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער איך האָב אויך געהאַט אָנערקענונג פאַר דער גוטער אַרבעט פון ראָזענבערגן און דייטשן אין גרויסן סטרייק פון 1910, זייער מוטיקייט ביי די פאַרהאַנדלונגען פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן מיט די „מאַנופעקטשורערס". דייטש פלעגט רעדן פילאָסאָפיש, און די לאָיערס פלעגן זיך באַמיען איבערצושטייגן איינער דעם צווייטן מיט זייערע לעגאַליסטישע דריידלעך, אָבער פּרעזידענט ראָזענבערג פלעגט זיך אַריינמישן

און זאָגן: וואָס טויגן מיר די לאָיערשע דריידלעך אַהין און אַהער? דער קלאָוקמאַכער וועט פון דעם קיין לעבן ניט מאַכן. לאָזט אונדז אַליין, מיר וועלן שוין צווישן זיך אַדורכקומען. איך האָב זיי ביידן געגליכן, אי דעם פּשוטן ראָזענבערגן אי דעם אינטעליגענט דייטש. זיי האָבן מיך אויך געגליכן. אָבער זיי פלעגן מיר כּסדר פאָרוואַרפן, אַז איך בין אַ צו הייסער סאָציאַליסט, מען קען ניט שפּילן אויף צוויי דודקעס; אַז מען איז פאַרנומען מיט סאָציאַליסטישער אַרבעט, פאַרנאַכלעסיקט מען די טרייד־יוניאָן. איך פלעג זיי באַווייזן אַז די סאָציאַליסטן העלפן שטאַרק די יוניאָנס, אָבער זיי פלעגן בלייבן ביי זייערס — און איך ביי מיינס.

שלעזינגער איז דעמאָלט געקומען צו דער קאָנווענשאָן. ער האָט פאַרטראָטן דעם „פאָרווערטס". איך פלעג קיין זאַך ניט טאָן אָן אים; וועגן אַלץ האָב איך זיך מיט אים בּאַראָטן. שלעזינגער האָט מיר געזאָגט, עס איז נאָך צו פרי צו מאַכן דעם פּרואוו פּטור צו ווערן פון די קאָנסערוואַטיסטן. האָב איך זיך געהאַלטן פּאַסיוו און מיט מיר אויך אַלע דעלעגאַטן פון לאָקאַל 35 — אַחוץ איין מאָריס זיגמאַנען.

דייטש האָט פאַרגעשלאָגן ניט צו שטיצן יוניאָנס וואָס געהערן ניט צו דער „אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר". געהאַנדלט האָט זיך וועגן דער „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס". עס איז שוין דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ קאַמף אַרום זיי און עס האָט זיך שוין געפילט אין דער לופט, אַז עס וועט עפּעס פּאַסירן.

די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן" האָט זיך געגרינדעט אין 1891, מיט דער הילף פון יידישע שניידער־אימיגראַנטן. שפּעטער איז זי אָבער, אונטער דער אָנפירונג פון טאָם ריקערט, געוואָרן אַ ביוראָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט די רעאַלע אינטערעסן פון די אַרבעטער אין דער מענער־שניידער־אינדוסטריע. ביסלעכווייז האָבן זיך געשאַפן אַ צאָל אומאָפּהענגיקע שניידער־אָרגאַניזאַציעס — אין אָפּאָזיציע צו דער „יונייטעד" — וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער שפּעטערדיקער גרינדונג פון דער „אַמאַלגעמייטעד". צו די „געווערקשאַפטן" האָבן באַלאַנגט עטלעכע אומאָפּהענגיקע שניידער־

יוניאָנס און עטלעכע פון דער עקזעקוטיווע פון די „געווערקשאַפטן" און איך באַזונדערס האָב געהאַלטן מיט דער אָפּאָזיציע קעגן דער „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס". האָב איך גענומען אַ וואָרט אויף דער קאָנווענשאָן און זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן דייטשן און זיין פאָרשלאָג ניט צו שטיצן די יוניאָנס וואָס געהערן ניט צו דער א. פ. אָוו ל., וואָס האָט געמיינט צו דער „אַמאַלגעמייטעד קלאָ־דינג וואָרקערס", וועלכע האָט געהאַט די יוריסדיקציע איבער דער מענער־שניידער אינדוסטריע. דייטשס פאָרשלאָג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

אויף דער זעלבער קאָנווענשאָן איז געווען אַ שטורעמדיקע דיסקוסיע אויף אַרום דער פראַגע, צי זאָל מען צולאָזן ווי אַ דעלעגאַט פון לאָקאַל 17 דעם ברודער לידער. ער איז ניט געווען קיין פאַכמאַן און דערפאַר זיינען געווען קעגנער אים צוצולאָזן. איך האָב אויך גערעדט פאַר לידערן און ער איז צוגעלאָזן געוואָרן ווי אַ דעלעגאַט אָן שטימרעכט. ביי דער קאָנווענשאָן האָט גאָמ־פערס ניט פאַרגעסן צו פאַרלאַנגען פון די דעלעגאַטן, אַז מען זאָל ווידער אַמאָל אויסקלייבן א. ראָזענבערגן פאַרן פרעזידענט און דזשאָן דייטשן פאַרן גענעראַל־סעקרעטאַר.

אויף די סאָציאַליסטישע פאַרטיי האָט אין יאָר 1912 אָפּגע־האַלטן אַ נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן און איך בין דאָרט אויך געווען אַ דעלעגאַט פון ניו־יאָרק. יודזשין וו. דעבס איז דאָרט נאָמינירט געוואָרן ווי אַ קאַנדידאַט פאַר פרעזידענט, און זיידעל — פאַר וויצע־פרעזידענט. ווען דעבס איז אַריין אין זאַל פון דער קאָנ־ווענשאָן, האָבן אים די דעלעגאַטן געמאַכט אַ גרויסע אָוואַציע. אַלע דעלעגאַטן האָבן זיך אויפגעשטעלט און די אַפּלאָדיסמענטן האָבן אָנגעהאַלטן לאַנגע מינוטן. דעבס האָט מיט זיין אויסזען יעדן איינעם צוגעצויגן צו זיך. זיין ריידן פלעגט אַרויסרופן באַגייסטע־רונג ביי אַלעמען. דאָס איז געווען אַ געשטאַלט פון אַ נביא וואָס האָט באַצויבערט מיט זיין שיינער, אָנגענעמער שפּראַך. איך האָב זיך געפילט גליקלעך, ווען ער האָט מיך גערופן ביי מיין ערשטן נאָמען. דזשוליוס גערבער, וואָס איז דעמאָלט געווען דער סעקרע־טאַר פון דער פאַרטיי, האָט מיך פאַר אים פאָרגעשטעלט, ווען ער

איז געקומען קיין ניו־יאָרק. מיר איז אויסגעקומען אַ סך מאָל צו זיין אין אָפּיס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פּלעג איך דאָרט אָפט זען דעם באמת גרויסן מענטש, יודזשין וויקטאָר דעבס.

דער 12טער קאָנגרעס־דיסטריקט אין ניו־יאָרק האָט נאָמינירט מאיר לאָנדאָנען פאַר אַ קאַנדידאַט צום קאָנגרעס. איך בין געווען זייער טעטיק אין דער דאָזיקער וואַל־קאַמפּאַניע. די קלאָוקמאַכער־יוניאָן ווי אַ גאַנצע האָט זיך אויך אַריינגעוואָרפן אין דער קאַמפּאַניע אַדורכצופירן לאָנדאָנען אין קאָנגרעס. אין טאָג פון די וואַלן בין איך געווען אַ „וואטשער" (פּאַרטרויאונגס־מאַן) אינעם שטים־לאָקאַל ביים איסט־ריווער. ווען מען האָט אָנגעהויבן ציילן די שטימען, איז אין מיטן ציילן פּלוצלינג אויסגעלאָשן געוואָרן די עלעקטרי. לעבן מיר איז געשטאַנען איינער אַ „קעיפּטן" פון טעמעני האָל (ד"ה פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי), זיין נאָמען איז געווען מאָל, אַן אָנגעשטעלטער ביים לאַיער לעווין. זאָגט ער צו מיר: „גאָלדאָווסקי, יו בעטער סניק אָוט, דעי וויל גיוו די וואָרקס (ד"ה בעסער טראָג זיך אָפּ פון דאַנען, ווען ניט וועסטו קריגן קלעפּ"). איך האָב ניט געוואָלט איבערלאָזן די רעשט צוויי „וואטשערס" פון אונדזער פּאַרטיי (איינער עדעלסאָן און דער אַנדערער, אַ מיטגליד פון לאָקאַל 35, סעם קאָן). פּלוצלינג איז געוואָרן פינצטער און אין דעם זעלבן מאָמענט האָב איך דערפילט אַז מען שטופּט מיך צו דער טיר. איך האָב געטאָן אַ געשריי: פּאָליס". גראָד איז אָנגעקומען גענאָסע קאַרלין מיט אַ גרופּע פון דער „סיטיזענס יוניאָן". ווען עס איז געוואָרן צוריק ליכטיק האָב איך דערזען ווי גענאָסע קאָן איז געלעגן אויפן טיש אַ צעשלאָגענער. ער האָט זיך ניט געהאַט אונטערגעגעבן, ער איז געווען אַ שטאַרקער מאַן. איך האָב געזאָגט צו מאָלן אַז איך וועל אים האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך ווען עפּעס וועט ווייטער פּאַסירן צו אונדזערע „וואטשערס" (קאָן איז שפּעטער געוואָרן אַ מיטגליד פון 4טן „אַסעמבלי דיסטריקט" פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי).

# קאַפּיטל 19

דאָס יאָר 1913 איז געווען אַ יאָר פון סטרייקן, וועלכע די „פּראַיייניקטע יידישע געווערקשאַפטן" האָבן אַקטיוו אונטערגע־שטיצט און מיטגעהאָלפן זיי פירן. עס האָבן פאַרסטרייקט די באַר־בערס און די יוניאָן פון די „אינדאַסטריעל וואוירקערס" (אַי־דאַבליו־דאַבליו) האָט געשיקט סקעבס צו ברעכן דעם סטרייק. דעמאָלט האָבן די „געווערקשאַפטן" מיטגעהאָלפן די סטרייקנדיקע באַרבערס. אין פּעטערסאָן האָבן פאַרסטרייקט די זייד־וועבערס און איך בין באַשטימט געוואָרן זיי צו העלפן. די שניידערס זיינען אַרויס אין אַ סטרייק און די „געווערקשאַפטן" האָבן באַשלאָסן, אַז די גאַנצע עקזעקוטיווע זאָל זיי העלפן ביים פירן דעם סטרייק (איך האָב שוין דעמאָלט באַלאַנגט צו דער עקזעקוטיווע). די רעינ־קאוט (רעגנמאַנטלען)־מאַכערס זיינען אויך אַרויס אין סטרייק, און די יוניאָן האָט מיך באַשטימט צו זיין דער קאַסירער פון דעם סטרייק־קאָמיטעט. דעם דאָזיקן סטרייק האָט אָנגעפירט די „אינטערנעשאָנעל" גופא. ווען דער סטרייק איז געווען אין פולן גאַנג, האָבן די באַסעס געדונגען גענגסטערס, דאַפי בעני איז געווען איינער פון זיי. בעתן סטרייק, דאָס איז געווען אין אַ דאָנער־שטיק פאַרנאַכט, בין איך געזעסן אין אָפיס און כ'האָב אויסגע־טיילט צו די פאַרשיידענע קאָמיטעטן געלט אויף אויסגאַבן. פאַר דער טיר איז געשטאַנען לעווין, אַ „ספּעשל פּאָליסמאַן", וואָס האָט קיינעם ניט געדאַרפט אַריינלאָזן אָן מיין דערלויבעניש. דורך דער האַלב־אָפענער טיר האָב איך דערזען אַז דאַפי בעני איז צוגעקומען, האָט געגעבן אַ שטויס לעווינען און איז אַריין צו מיר. איך גיי צו צו אים און בעט אים, אַז ער זאָל אַרויסגיין. נעמט ער אַרויס אַ רעוואָלווער און פאַרלאַנגט פון מיר איך זאָל אים געבן געלט. איך זאָג צו אים: „שיס, אויב דו האָסט מוט". ער איז געבליבן שטיין שטום און פאַרוואונדערט. און ער זאָגט צו מיר: „איך זע, אַז דו

ביסט אַ באַי פון די באָיעס, גיב מיר אַ צענערל און איך גיי אַוועק״. נאָך דעם האָט דער מענעדזשער פון לאָקאַל 20, ביי אים געפּועלט, ער זאָל זיך אין גאַנצן צוריקציען פון העלפן די באָסעס.

איין מאָל לאָזט מען מיר וויסן, אַז די פּרעסערס פון גאָלד־וואַטער שאָפּ זיינען פּלוצלונג אַרויס אין אַ סטרייק. דער דאָזיקער שאָפּ האָט זיך געפונען אויף עוועניו סי, ביי דער עלפטער גאַס. ער האָבן דאָרט געאַרבעט אַ פּאָר צענדליק פּרעסערס און ער איז גע־ווען פאַררעכנט צו די גרויסע שעפּער. די פּרעסערס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ האָל און האָבן געוואַרט אויף מיר. ווען איך בין געקומען אין האָל, האָב איך זיי געפרעגט פאַרוואָס זיי האָבן אָפּ־געשטעלט די אַרבעט און כ׳האָב זיי דערקלערט, אַז דער אָפּמאַך דערלויבט ניט צו סטרייקן. נאָך מיין רעדן שטעלט זיך אויף ברודער יוסף ברעסלאַוו וועלכער האָט געאַרבעט אין יענעם שאָפּ, און מאַכט אַ דערקלערונג אין נאָמען פון אַלע פּרעסערס. איך פרעג באַלד ביי די פּרעסערס האָבן אים אויסגעקליבן צו רעדן אין זייער נאָמען, האָבן אַלע געענטפערט אין איין קול, אַז זיי האָבן אים געמאַכט פאַר זייער טשערמאַן. זיין דערקלערונג איז געווען אַז דער פאָרמאַן איז זייער שלעכט צו זיי און זיי קענען מיט אים מער ניט אַרבעטן. זייערע פאָדערונגען זיינען: אַוועקשיקן דעם פאָרמאַן און אַן הוספה אויפן אַרבעטסלוין. איך האָב אויסגעקליבן אַ קאָ־מיטעט מיט ברעסלאַוון בראש און מיר זיינען אַוועק צום באָס פאַרהאַנדלען. קומענדיק צום באָס האָב איך געבעטן ברעסלאַוון ער זאָל דאָ מאַכן די זעלבע דערקלערונג וואָס ער האָט געמאַכט אין האָל. ברעסלאַוו האָט אויף מיר און אויך אויפן באָס געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. ער האָט שטאַרק אַרויסגעהאָלפן צו דער־ליידיקן דעם ענין צום גינסטן פון די אַרבעטער און די פּרעסערס זיינען באַלד צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט. איך האָב געבעטן ברודער ברעסלאַוו ער זאָל נאָך דעם זעלבן אָוונט קומען צו מיר אין אָפיס. ווען ער איז געקומען זאָג איך צו אים: „יונגערמאַן, איר געפעלט מיר זייער, און איך וויל איר זאָלט ווערן אַ ביזנעס־אַגענט פון אונדזער לאָקאַל״. ער האָט אויפן אָרט געענטפערט אַז ער איז מוחל. האָב איך אָנגעהויבן מיט אים איינצוטענהען, אַז דער

לאָקאַל דאַרף האָבן אַזעלכע אַגרעסיווע מענטשן ווי ער. האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך אַדורכשמועסן מיט זיין פרוי און ער וועט מיר געבן אַן ענטפער. איך בין אַוועק צו אים אין שאַפּ הערן דעם ענטפער און ער האָט ווידער אַמאָל אָפּגעזאָגט. זיין פרוי לאָזט אים ניט, האָט ער מיר דערקלערט. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וויל רעדן מיט זיין פרוי. זיין ענטפער איז געווען: עס וועט אייך ניט העלפן. איך בין צוגעשטאַנען צו אים און ער האָט מיר געגעבן זיין היים־אַדרעס.

איך קום צו אים אַהיים און דערקען באַלד זיין פרוי: זי איז איינע פון די וואָס דעבאַטירן אָפט אין דעם זיבעטע־סטריט־פּאַרק וועגן די יוניאָנס. איך אַליין פלעג אָפט מאָל זיך באַטייליקן אין די דעבאַטעס. יידישע „גרינע" אינטעליגענטן פלעגן זיך דאָרט טרעפן און דעבאַטירן און זי איז געווען איינע פון זיי און אַ פייער־דיקע רעוואָלוציאָנערקע. ווען איך האָב אָנגעהויבן מיט איר צו רעדן וועגן וואָס איך בין געקומען, האָט זי מיר פשוט דערקלערט, אַז זי וויל ניט אַז איר מאַן זאָל ווערן אַ „פייקער" (שווינדלער), און נאָך צוגעגעבן: אַ יוניאָן־„פייקער", און איך בין אַוועק מיט גאָרניט. איך האָב זיי נאָך עטלעכע מאָל באַזוכט און איך האָב איר געפּרוּווט אויפקלערן, אַז ווען ערלעכע מענטשן וועלן ווערן די פירערס פון די יוניאָנס, וועלן זיי קענען אַרויסוואַרפן די „פייקערס". סוף כל סוף האָב איך ביי איר געפּועלט, און יוסף ברעסלאַוו איז מיט מזל געוואָרן אַ ביזנעס־אַגענט פון לאָקאַל 35. אין דער אַר־בעט האָב איך זיך גוט באַפריינדעט מיט יוסף ברעסלאַוון און מיר זיינען געוואָרן נאָענטע פריינד.

דעם ערשטן מאַי 1913 איז גערופן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן פון דער „אינטערנעשאָנעל" (אין יאָנקערס) און עס איז דאָרטן אַרומגערעדט געוואָרן די פראַגע וועגן איינפירן אַ „יוניאָן־לייבל" אויף דאַמען־מאַנטלען, קאָסטיומען און אַנדערע פרויען־קליידער ווי אויך וועגן אַ צען־פּראָצענטיקע העכערונג פון די לוינען פון די אַרבעטער און צו הייבן דעם אָפּצאָל פאַר דער „אינטערנעשאָנעל" פון 3 אויף 5 סענט. נאָך הייסע דעבאַטן איז די העכערונג אויף צוויי סענט געוואָרן אָנגענומען.

## קאַפּיטל 20

דאָס יאָר 1914 איז געווען אַ שווער יאָר פאַר אונדזער יוניאָן. עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן מאָריס זיגמאַן, סאול מעטץ און מאָריס סטופּניק אונטער דער באַשולדיקונג, אַז אין גרויסן סטרייק פון 1910 האָבן זיי דערמאָרדעט אַ סטרייקברעכער, אַ געוויסן לייבאָוויטש. מען האָט אויך אַרעסטירט דזשוליוס וואָלף, מ. אַשפּיז, א. ווײַדינגער, מאַקס זינגער און לואיס האָלדער אונטער דער באַשולדיקונג אַז זיי האָבן צוגעהאָלפן אין דעם מאָרד. אַלע זיינען זיי געווען אין דעם פּיקעט־קאָמיטעט פון 1910־סטרייק. די באַשולדיקונג האָט געמאַכט אַ געוויסער מאַקס סולקעס, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ יוניאָן פון סקעבס א״נ „אינטערנעשאָנעל קלאָוק און סוט יוניאָן". מיר האָבן דאַן איבערגעגעבן מאָריס הילקוויטן און אַ צווייטן לאָיער צו פאַרטיידיקן די אַרעסטירטע. זיי האָבן באַלד געוואונען אַ וויכטיקן פּונקט, אַז מען זאָל איבערקוקן די באַשולדיקונג און אויך אַרויסלאָזן די אַרעסטירטע אויף בעיל (קויציע). דער ריכטער האָט באַשטימט פאַר זיגמאַנען 15,000 דאָלאַר, פאַר מעטצן און סטופּניקערן צו 10,000 דאָלאַר. די עקזעקוטיווע האָט מיך באַשטימט אויפן אָרט פון מעטצן איך זאָל אָנפירן מיט דעם קאָמיטעט צו באַקעמפן סולקעסעס סקעב־יוניאָן. דאָס איז געווען אַ שווערער קאַמף און מען האָט אים געדאַרפט פירן מיט טאַקט. איך האָב צוגעצויגן צו דעם קאָמיטעט מיטגלידער פון דער פּרעסער־יוניאָן לאָקאַל 35, ווי סעם מילאָווסקי, שלאַקמאַן, סעם קאָהן, לעווין, גאָטליב, איזי דאָיני און נאָך עטלעכע. צוזאַמען אַ גרופּע פון אַרום 15 מאַן. איך האָב געדונגען אַ ספּעציעלן לאָקאַל אויף דער 9ער גאַס ביים איסט־ריווער און פון דאָרט האָב איך אָנגעפירט די אַרבעט צו באַקעמפן די סולקעס־

גענג. די אָפּגעקליבענע מענטשן וואָס האָבן מיר געהאָלפן זיינען געווען אַזוי אַקטיוו און איבערגעגעבן, אַז זיי פלעגן אויפטאָן וואונדער. זיי האָבן געקראָגן באַצאָלט קוים איין דאָלאַר אַ טאָג מיט עסן. דאָס עסן איז באַשטאַנען אין דעם וואָס שלאַקמאַן פלעגט אויפקאָכן קאַרטאָפל, צו דעם האָט מען צוגעגעסן הערינג מיט ברויט און צוגעטרונקען אַ גלאָז ביר. אָט דאָס פלעגט זיין דאָס עסן פאַר דער גאַנצער גרופּע.

אַ געוויסן פרימאָרגן האָבן מיר געדאַרפט גיין אָפּשטעלן אַ שאַפּ אויף דער 19טער גאַס, וואו עס איז גערופן געוואָרן אַ סטרייק. איך האָב מיטגענומען עטלעכע מענטשן און צווישן זיי איז אויך געווען סעם מילאָווסקי. מיר האָבן אָפּגעשטעלט די אַרבעט און אַוועק מיט די אַרבעטער. ווי נאָר מיר זיינען אַרויס פון שאַפּ האָט דער באָס געמאַכט אַ גוואַלד, אַז מיר זיינען סקעבס. ניט ווייט פון יענעם אָרט האָבן זיך געפונען סטרייקנדיקע טימסטערס, און ווען זיי האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי זיך געלאָזט צו אונדז. אַלע פון אונדזער גרופּע זיינען אַוועק אָבער איך בין געבליבן, ווייל איך האָב באַדאַרפט אַרויפגיין אין אַ יוניאָן־שאַפּ אין אַ שכנותדיק הויז, זיינען די טימסטערס מיך באַפאַלן. צום גליק האָט סעם מילאָווסקי דאָס באַצייטנס באַמערקט איז ער צו זיי צוגעלאָפן און מיט זיינע גרויסע הענט מיך אַרויסגעריסן פון זייערע הענט און געשריגן, אַז מיר זיינען יוניאָן־לייט און ניט קיין סקעבס. ווען ניט סעם וואָלט מען מיך דערמאָלט געמאַכט פאַר אַ קריפּל.

אונדזער „אינטערנעשאַנעל״ האָט אָנגעקלאָגט אין געריכט סולקעסעס סקעב־יוניאָן פאַר נוצן דעם נאָמען „אינטערנעשאַנעל״ און מיר האָבן געוואונען דעם פּראָצעס. דאָס איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דער סולקעס־גענג. דער דאָזיקער זיג און די גרויסע איבערגעגעבנקייט פון אונדזערע מיטגלידער האָט גע־בראַכט דערצו, אַז דאָס סולקעס־קרעמל איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן.

די ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציע פון 1914 איז געווען צוגע־שפּיצט צום פּראָטעסט קעגן דעם אַרעסט פון די 8 קלאָוקמאַכער־פּירער. עס האָבן מאַרשירט מער ווי 60 טויזנט אַרבעטער און

סאָציאַליסטן. איך בין געווען איינער פון די וואָס האָבן אָראַנ־זשירט דעם דעמאָנסטראַציע־מאַרש.

---

אין יוני פון דעם זעלבן יאָר איז אין קליוולאַנד פאָרגעקומען די קאָנוועגשאָן פון דער „אינטערנעשאָנעל". צו דער דאָזיקער קאָנ־וועגשאָן בין איך געווען אַ דעלעגאַט, אויך זיגמאַן און מעטץ זיינען געווען דעלעגאַטן און מאָריס סטופּניקער איז איינגעלאַדן געוואָרן ווי אַ גאַסט. עס איז געווען אַ שטורמישע קאָנוועגשאָן, ווייל די „אינטערנעשאָנעל" האָט געפאָדערט פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן זי זאָל אָפּזאָגן דעם פּראָפעסאָר הורוויץ.

פּראָפעסאָר אייזיק הורוויץ איז געווען גוט באַקאַנט אַלס שרייבער, עקאָנאָמיסט און לעקטאָר איידער ער איז אָנגעשטעלט געוואָרן, אָנהייב 1913, אַלס „טשיף־קלוירק" אינעם „קלאָוק־דזשאָינט־באָארד". דער טשיף־קלוירק איז דעמאָלט געווען אַ זייער וויכטיקער באַאַמטער אין דער יוניאָן. ער האָט געדאַרפט אויפנעמען די מייסטע סכסוכים אין שעפּער מיט דעם הויפּט־באַאַמטן פון דער „מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן" און פאַרטיי־דיקן דעם שטאַנדפּונקט פון דער יוניאָן, אונטער דעם קאָלעקטיוון אָפּמאַך („פּראָטאָקאָל"). די יוניאָן־פירערשאַפט האָט געגלויבט, אַז דר. הורוויץ וועט אַדאַנק זיין פּרעסטיזש און באַלערנטקייט לייכטער קענען אויסגלייכן די סכסוכים צווישן דער יוניאָן און די באַלע־באַטים, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין יענער צייט. אָבער איידער ער האָט נאָך באַוויזן ריכטיק איבערצונעמען זיין אַמט זיינען שוין אַנטשטאַנען קאָנפליקטן, וועלכע האָבן צעטיילט די יוניאָן־פירער און אַקטיווע טוער אין אָנהענגער און קעגנער פון הורוויצן.

די ברידער רובין, טוערס פון לאָקאַל איינס (איצטיקער לאָקאַל 117) האָבן געוואָלט אַז הורוויץ זאָל פאַרבלייבן אין דער יוניאָן אויף זיין אַמט. איינער פון די רובינס איז געווען אַ דעלעגאַט צו דער קאָנוועגשאָן. ער האָט זיך שטאַרק אָנגענומען פאַר פּראָפעסאָר הורוויצן און עס איז געווען טומלדיק. איך בין געווען קעגן הור־וויצן, ניט קעגן אים פערזענלעך, ווייל פערזענלעך איז ער געווען

אַ פיינער און אַ וויכטיקער מענטש, האָט געהאַט גרויסע פאַר־דינסטן אַלס שרייבער און לעקטאָר, נאָר ביים פירן אַ יוניאָן איז ער געווען נאַאיוו ווי אַ קינד. אַט איז אַ ביישפּיל: ער האָט מיך אַמאָל גערופן אין זיין אָפיס אין „דזשאָינט־באָארד" און האָט מיך געפרעגט אַ פראַגע: אין אַ געוויסן שאַפּ ווילן די פּרעסערס אַז די יוניאָן זאָל זיי אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט, ווייל זיי פאַרדינען ווייניק. פרעגט ער: צי קען די יוניאָן אָפּשטעלן די פּרעסערס פון דער אַרבעט און זיי אָנזאָגן, אַז אויב מען וועט זיי רופן צום „אימפּאַרשל טשערמאַן" זאָלן זיי זאָגן, אַז זיי האָבן אַליין גע־וואָרפן די אַרבעט. ענטפער איך אים, אַז מען קען זיך ניט פאַר־לאָזן אויף די פּרעסערס. עס זיינען פאַראַן גוטע און שלעכטע יוניאָן־לייט און עמעצער פון זיי קאָן זאָגן, אַז מען האָט זיי גע־הייסן וואַרפן די אַרבעט. פרעגט ער: ווי קען דאָס זיין, אַז אַן אַרבעטער זאָל האַנדלען קעגן זיינע אייגענע אינטערעסן? — אָבער אַזוי איז דאָס, האָב איך אים געענטפערט.

פאַר דער „מידיעישאָן־באָארד" פלעגט ער זיך האַלטן זייער קריגעריש. ווען דער „אַרביטרייטאָר" (בורר) פלעגט אים פרעגן וואָס איז זיין פּאָזיציע אין דער יוניאָן, פלעגט ער ענטפערן „סע־קרעטערי אָוו וואָר". עס האָט מיר זייער וויי געטאָן ווען מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער יוניאָן, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער געלערנטער און עס איז געווען אַ כבוד מיטצואַרבעטן מיט אַזאַ מענטש ווי פּראָפעסאָר הורוויץ. אָבער אין יוניאָן־פראַגן דאַרף מען אויך זיין פּראַקטיש און נישט גיין בלויז מיט טעאָריע, ער איז אָבער געווען נאָר אַ טעאָרעטיקער.

אָבער דאָס איז נישט געווען די איינציקע פראַגע וואָס האָט אַרויסגערופן אַ טומל אויף דער קאָנווענשאָן. עס איז אויך געווען אַ שטאַרקע שטימונג ביי די דעלעגאַטן מער נישט צו ווילן ראָזענ־בערגן און דייטשן. איז סעמיועל גאָמפּערס אַליין געקומען צו דער קאָנווענשאָן כדי צו אַגיטירן פאַר זיי, אַז מען זאָל זיי ווייטער ווילן אַלס פּרעזידענט און גענעראַל־סעקרעטאַר. אָבער די דע־לעגאַטן האָבן דאָס מאָל נישט געפאָלגט און האָבן דערווײלט שלעזינגערן אַלס פּרעזידענט און זיגמאַנען אַלס גענעראַל־סעקרע־

טאַר. איך האָב זיך אויך שטאַרק באַטייליקט אין דער אַגיטאַציע פאַר זיי.

נאָך דער קאָנווענשאָן האָט מען איינגעלאַדן הילמאַנען פון שיקאַגאָ אויפן אַמט פון אָפיס־מענעדזשער (טשיף־קלוירק) פון דער יוניאָן. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שאַרפער קאַמף ביי די מענער־שניידער וואָס האָט געפירט צום גרינדן פון דער „אַמאַלגעמייטעד"־יוניאָן און הילמאַן איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַר פרעזידענט פון דער נייער יוניאָן.

---

אין דעם זעלבן יאָר זיינען אויך פאָרגעקומען וואַלן צום קאָנגרעס און מאיר לאָנדאָן איז ווידער אַמאָל „געלאָפן", דאָס מאָל קעגן גאָלדפאָגלען, וואָס טעמעני האָט אַרויסגעשטעלט (ווייל ער איז געווען פאָפּולער אויף דער איסט־סאַיד). מיר האָבן אָנגעפירט אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע. איך בין דעמאָלט אויך געלאָפן אַלס קאַנדידאַט פאַר אָלדערמאַן פון ערשטן דיסטריקט און עס איז אָנגעפירט געוואָרן אַ שאַרפע קאַמפּאַניע. שייפער און מעטץ זיינען געווען די מענעדזשערס אין דער קאַמפּאַניע פאַר לאָנדאָנען. איך בין געווען אין רעדנער־קאָמיטעט. אַלע נאַכט פלעגט מען אָפּהאַלטן אָפענע מיטינגען אויף די גאַסן פון דער איסט־סאַיד. טעמעני האָט אַזוי געבושעוועט אַז מען האָט צעשלאָגן סאָציאַליסטישע „וואָטשערס" ביים ציילן די שטימען, אָבער עס האָט זיי גאָרניט געהאָלפן. מאיר לאָנדאָן האָט באַזיגט גאָלדפאָגלען. נאָך די וואַלן האָט מען גערופן אַ גרויסן מיטינג אין מעדיסאָן־סקווער־גאַרדן צו פייערן דעם סאָציאַליסטישן זיג.

די פרייד איז אונדז אָבער צעשטערט געוואָרן ווייל די מלחמה איז אין יענער צייט אויסגעבראָכן אין אייראָפּע. מיר האָבן אויך געקראָגן די טרויעריקע ידיעה, אַז זשאַן זשאָרעס, דער סאָציאַליסטישער פירער פון פראַנקרייך, איז דערשאָסן געוואָרן, פאַר זיין קעגנערשאַפט צו מלחמה, פון אַ משוגענעם מלחמה־פּאַטריאָט.

אין דעצעמבער 1914 האָט די קלאָוקמאַכער־יוניאָן אַרויסגעשטעלט נייע פאָדערונגען צו די באַלעבאַטים. די הויפּט־פאָדערונגען זיינען געווען: אַ שטענדיקע סקאַלע פון פרייזן; מען זאָל

ניט קענען אַוועקשיקן קיין אַרבעטער אָן אַ גענוגנדער סיבה און אַ גלייכע צעטיילונג פון דער אַרבעט אין „סלעק״־צייט. האָבן די באַלעבאַטים אַנטקעגן געשטעלט פאָדערונגען וועגן אַ „סטאַנדאַרד אָוו פּראָדאַקשאָן״. די זאַך איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער „באָארד אָוו אַרביטריישאָן״. הילקוויט האָט פאַרטראָטן די יוניאָן, און קאָהן האָט פאַרטראָטן די באָסעס. די באָסעס האָבן כסדר פאַרצויגן די קאָנפערענץ און האָבן נישט דערלאָזט צו קיין אויסגלייך. זעענדיק דאָס, האָבן מיר אויף שבת, דעם 12טן יוני 1915, גערופן אַ מאַסן־מיטינג פון אַלע קלאָוקמאַכער כדי צו פּראָטעסטירן קעגן די באַ־לעבאַטים וואָס פאַרציען די פאַרהאַנדלונגען. אויף דעם מיטינג האָט געהערשט אַ גרויסע באַגייסטערונג און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַן אולטימאַטום צו דער „פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאָן״, פון די באַלעבאַטים, אַז אויב זיי וועלן ניט נאָכגעבן די פאָדערונגען, וועט מען אַרויסגיין אין אַן אַלגעמיינעם סטרייק. האָט די „אַסאָסי־איישאָן״ באַלד נאָכגעגעבן, אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זי חרטה געהאַט. דעמאָלט איז גערופן געוואָרן אַ זיצונג פון דער „באָארד אָוו אַרביטריישאָן״ און מיר האָבן דאָרט געלאָזט וויסן, אַז אונדזער „דזשאָינט־באָארד״ האָט באַשלאָסן צו רופן אַ סטרייק און אַדורכפירן וועגן דעם באַשלוס אַן אָפּשטימונג צווישן אַלע קלואָק־מאַכער. אין דער זעלבער צייט האָט דער „דזשאָינט־באָארד״ גע־רופן אַ דעמאָנסטראַטיוון מיטינג אין מעדיסאָן־סקווער־גאַרדן צו פּראָטעסטירן קעגן די מאַנופעקטשורערס. דער דעמאָלטדיקער ניו־יאָרקער מעיאָר, מיטשעל, האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל באַטראַכטן דעם קאָנפליקט. די דאָזיקע קאָמיסיע האָט אַרויסגע־געבן אַ גינסטיקע דעציזיע פאַר די קלאָוקמאַכער. מיר האָבן, פאַר־שטייט זיך, אָנגענומען די דעציזיע, אָבער די באָסעס — ניט. האָט דער „דזשאָינט־באָארד״ באַלד אַדורכגעפירט די אָפּשטימונג וועגן סטרייק און ניין און דרייסיק טויזנט קלאָוקמאַכער האָבן געשטימט פאַר אַ סטרייק. באַלד ווי די „אַסאָסיאיישאָן״ האָט זיך דערוואוסט וועגן דער אָפּשטימונג האָט זי געמאָלדן, אַז זי נעמט אָן די דעציזיע פון דער קאָמיסיע: פאַרגרעסערן די לוינען, אַ גלייכע צעטיילונג פון דער אַרבעט און ניט אַוועקשיקן קיין אַרבעטער אָן אַ גענוגנדער

סיבה. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן איינצופירן אַ „קאָנסילייטשאָן באָארד" פון זעקס אומפּאַרטייאישע מענטשן וואָס דאַרפן אויסהערן אָנקלאָגעס פון ביידע צדדים און אַרויסגעבן דעציזיעס, כדי צו פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען. די זעקס זיינען געווען: בענדזשאַמין גרינדערגער, העמילסאָן האָלס, ס. מעקין, דזשאָדזש לינדזי סולצבערגער און דזשאָרדזש לאָרעל.

אָנהייב אויגוסט 1915 זיינען ענדלעך באַפרייט געוואָרן אַלע אַכט אַרעסטירטע, וואָס זיינען פאַלש באַשולדיקט געוואָרן אין מאָרד. דאָס איז געווען אַ אַ גרויסער יום־טוב פאַר אַלע קלאָוק־מאַכערס. די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אונדז באַגריסט צום זיג ווײַלכן מיר האָבן געהאַט איבער די פינצטערע עלעמענטן וואָס האָבן געזוכט דעם קרבן פון אומשולדיקע מענטשן. דעם 7טן אויגוסט האָבן מיר געפייערט אין קופּער־יוניאָן די באַפרייאונג פון די אַרעסטירטע. איך בין אויך דאָרט געווען צווישן די רעד־נערס. פאַר מיר פערזענלעך איז דאָס געווען אַ גרויסע פרייד, ווייל זיי זיינען ניט נאָר געווען אַקטיוויסטן פון דער יוניאָן, נאָר אויך מיינע פערזענלעכע פריינד.

אין עטלעכע וואָכן אַרום, ס'איז אויך געווען אין חודש אוי־גוסט 1915, האָט סעמועל גאָמפּערס, פּרעזידענט פון אַ. פ. אָוו ל., אַריינגעשיקט אַ בריוו צו די „פּאַראייניקטע יידישע געווערק־שאַפטן", אַז זי זאָל אויסשליסן די לאָקאַלן פון דער „אַמאַלגעמיי־טעד", און אויב זי וועט דאָס ניט טאָן, וועט ער פאַראָרדענען אַלע יוניאָנס, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אין „אַמעריקען פעדערייש אָן אָוו לייבאָר", אַז זיי זאָלן זיך צוריקציען פון די „געווערקשאַפטן". מיר האָבן אויף אַן עקזעקוטיוו־זיצונג היים דעבאַטירט וועגן דעם אולטימאַטום פון גאָמפּערסן. איך האָב געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז מען זאָל צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג פון די באַאַמטע פון אַלע יו־ניאָנס און מען זאָל דאָרט באַהאַנדלען די פראַגע. דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן. אויף דער פאַרזאַמלונג האָט מען פאָרגע־לייענט דעם בריוו פון אַ. פ. אָוו ל. פּרעזידענט, האָבן די פאָר־שטייער פון דער „אַמאַלגעמייטעד" דערקלערט, אַז זיי ציען זיך צוריק פון די „געווערקשאַפטן", כדי צו פאַרמיידן אומאָנגענעמ־

לעכקייטן פאַר די אַנדערע יוניאָנס, וועלכע זיינען אַנגעשלאָסן אין די „געווערקשאַפטן". מען האָט די מעלדונג פון דער „אַמאַלגע־מייטעד" גענומען צו קענטעניש, אָבער די באַציאונגען מיט זיי זיינען פאַרבליבן פריינדלעכע און אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן זיך עטלעכע לאָקאַלן פון דער „אַמאַלגעמייטעד" צוריק אַנגעשלאָסן אין די „געווערקשאַפטן".

ווען מאָריס זיגמאַן איז ענדלעך באַפרייט געוואָרן פון דער מאָרד־באַשולדיקונג, האָט דער דאָקטאָר אים געהייסן וואַרפן די אַרבעט אין דער יוניאָן און זיך באַזעצן אין דאָרף. זיגמאַן האָט זיך געווענדט צום „באָארד אָוו אָפיסערס" פון וועלכן איך בין געווען פאָרזיצער, אַז מיר זאָלן אים אַרויסהעלפן, ווייל ער וויל קויפן אַ פאַרם. מיר האָבן אים געגעבן אַ געניגנדע סומע געלט און ער האָט געקויפט אַ פאַרם. אָבער ער האָט זיך לאַנג ניט גע־קענט האַלטן אויף דער פאַרם, ווייל אַ סך זיינע פריינד פלעגן כסדר אים באַזוכן, אַזוי אַז באַלד האָט זיין פאַרם גיכער באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַ הכנסת־אורחים, איידער פון אַ פאַרם. זיגמאַן איז בכלל געווען אַ מענטש, וואָס איז שטענדיק גרייט געווען אַוועקצוגעבן אַ פריינד זיינע לעצטע פאַר גראָשן. ווען ער האָט באַקומען אויסגעצאָלט זיין לוין אין דער יוניאָן, פלעגן אים שוין אָפּוואַרטן זיינע פּאַטריאָטן און ער פלעגט איינעם עפּעס געבן, אַ צווייטן עפּעס לייען — און אַליין איז ער פאַרבליבן אָן געלט. איך האָב אים אָפט מאָל געזאָגט: זיגמאַן, מען דאַרף טאַקע געבן, אָבער ניט אַלץ אַוועקגעבן. זיין ענטפער פלעגט זיין: אויב יענער בעט, דאַרף ער דאָך מסתמא האָבן. ער האָט ליב געהאַט צו האָבן מענטשן אַרום זיך, און ער האָט קיין מאָל ניט אַ טראַכט געגעבן, אַז עס קען קומען אַ שלעכטע צייט און מען דאַרף אָפּ־שפּאָרן, כדי צו קענען דורכהאַלטן די שלעכטע צייט.

## קאַפּיטל 21

שוין עטלעכע יאָר ווי די באָסעס האָבן געזוכט פאַרשיידענע מיטלען פּטור צו ווערן פון „פּראָטאָקאָל״ און צו פאַרערגערן די אַרבעטס־באַדינגונגען פון די קלאָוקמאַכערס. אין 1916 האָבן זיי ענדלעך אָנגעהויבן דאָס אויסצופירן. זיי האָבן פּלוצלונג דער־קלערט אַ לאָקאַוט. דערויף האָט די יוניאָן תיכף דערקלערט אַ גענעראַל־סטרייק. מיר האָבן אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן צירקולאַר און אים פאַרשפּרייט צווישן 55 טויזנט קלאָוקמאַכערס. אין דעם צירקולאַר האָבן מיר זיי אויפגעפאָדערט צו רעגיסטרירן זיך אַלס סטרייקערס. דער דאָזיקער סטרייק האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און ביי דער גאַנצער באַ־פעלקערונג אין אַלגעמיין. גאָמפּערס און מאָריסאָן זיינען ספּעציעל געקומען פון וואַשינגטאָן צוצוהעלפן אונדז אין סטרייק. זיגמאַן האָט פאַרלאָזט זיין פאַרם און איז אויך געקומען העלפן. די „פאַר־איייניקטע יידישע געווערקשאַפטן״ האָבן גערופן אַ קאָנפערענץ און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן הונדערט טויזנט דאָלאַר צו שטיצן די סטרייקנדיקע. די געווערקשאַפטן האָבן צו דעם צוועק אַרויסגעלאָזט אַ „סטרייק־סטעמפּ״. מאַקס פּיין, דער סעקרעטאַר פון די „געווערקשאַפטן״, און אַלע מיטגלידער פון עקזעקוטיוו האָבן טיכטיק געאַרבעט צו דערגרייכן דעם ציל — און זיי האָבן ווירק־לעך דאָס דערגרייכט. אויך דער „פאָרווערטס״ האָט מיט זיין אַגיטאַציע שטאַרק צוגעהאָלפן צום דערפאָלג.

דער ערשטער וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון לאָקאַוט פון דער „אַסאָסיאיישאָן״ איז געווען מאַקס סאָלאָמאָן. ער האָט נאָכגעגעבן די פאָדערונגען פון דער יוניאָן און נאָך אים האָבן אויך אַ סך „מאַנופאַקטשורערס״ נאָכגעגעבן די פאָדערונגען, וואָס זיינען געווען: 48 שעה אַרבעס אַ וואָך, אַ העכערונג פון די לוינען, 10 לעגאַלע יום־טובים און אָפּשאַפן די „שוויץ־שעפּער״. ווען די געשלאָסנקייט

פון די באַסעס האָט זיך אָנגעהויבן צו ברעכן האָט דער מעיאָר מיטשעל געררופן אַ קאָנפערענץ פון ביידע צדדים אין סיטי־האָל און נאָך צוויי וואָכן אונטערהאַנדלונגען האָט די „אַסאָסיאיישאָן" געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער יוניאָן, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די באַסעס חרטה געקראָגן און דער סטרייק האָט זיך פון דאָס ניי אָנגעהויבן, אָבער דעם 4טן אויגוסט האָבן די באַסעס זיך ענדגילטיק אונטערגעגעבן און אַלע קלאָוקמאַכערס האָבן זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט.

דעמאָלט איז מאָריס זיגמאַן פאַרבעטן געוואָרן צו ווערן מע־נעדזשער פון „דזשאָינט־באָארד" און אברהם ביזנא איז אַראָפּ־געבראַכט געוואָרן פון שיקאַגאָ ער זאָל ווערן מענעדזשער פון אָפיס און ער זאָל ספּעציעל זיך פאַרנעמען מיט דעם קאָנטראָל פון דער יוניאָן און זען צי די באַסעס פון דער „אַסאָסיאיישאָן" היטן אָפּ דעם נייעם אָפּמאַך. סאָול מעטץ איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַר מענעדזשער פון פרעסער־לאָקאַל 35׳

אין אַ קורצער צייט אַרום איז צווישן זיגמאַנען און מיר אַנטשטאַנען אַ מיינונגס־פאַרשיידנקייט. די „באָרד אָוו אָפּי־סערס", פון וועלכער איך בין געווען פאָרזיצער, האָט אָנגענומען אַ באַשלוס צו פאַרלאַנגען אַ לוין־העכערונג פאַר אַלע ביזנעס־אַגענטן, און אויב דער „דזשאָינט־באָארד" וועט צוריקוויזן די פאָדערונג, זאָלן מיר אַריינגעבן אַ קאָלעקטיווע רעזיגנאַציע, וואָס זאָל אַריין אין קראַפט אין 4 וואָכן אַרום, אַזוי אַז דער „דזשאָינט־באָארד" זאָל האָבן גענוג צייט אָנצושטעלן נייע ביזנעס־אַגענטן. אַלס דער פאָרזיצער פון דער „באָארד אָוו אָפּיסערס" האָב איך דערלאַנגט די פאָדערונג צום „דזשאָינט־באָארד". זיגמאַן און אויך לואיס לאַנגער, וואָס איז דעמאָלט געווען סעקרעטאַר פון „דזשאָינט־באָארד", האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן נאָכגעבן אונדזער פאָדע־רונג. איך האָב מיט זיי דיסקוטירט. מיין טענה איז געווען, אַז מען דאַרף געבן אַ ביזנעס־אַגענט אַזאַ לוין, אַז ער זאָל קענען מאַכן אַ לעבן מיט זיין פאַמיליע; דאָס איז דאָס בעסטע מיטל, ער זאָל ניט דאַרפן פאַלן אַ קרבן פון „גרעפט". דער „דזשאָינט־באָארד" האָט אָפּגעוואָרפן אונדזער פאָדערונג און איך האָב אויפן אָרט

רעזיגנירט. אָבער די אַנדערע ביזנעס־אַגענטן האָבן ניט רעזיגנירט, כאָטש עס איז געווען אַן איינשטימיקער באַשלוס וועגן אַ קאָלעקטיווער רעזיגנאַציע. לואיס לאַנגער האָט דעמאָלט געוואָרפן אויף מיר די באַשולדיקונג אַז איך האָב אונטערגעהעצט די ביזנעס־אַגענטן און אַז צוליב דעם וואָס איך האָב נישט געקראָגן קיין לוין־העכערונג בין איך אַוועק פון דער יוניאָן. דאָס האָט מיך שטאַרק אויפגעבראַכט. איך האָב זיך באַראַטן מיט מאַקס פיינען וואָס צו טאָן. מיר האָבן באַשלאָסן אַז איך זאָל נישט אָפּגעבן קיין עפנטלעכע דערקלערונג וועגן מיין רעזיגנירן פון אַמט אַלס ביזנעס־אַגענט, איך זאָל בלויז אָפּגעבן אַ דערקלערונג אויף אַ זיצונג פון „דזשאָינט־באָארד”. אַזוי האָב איך געטאָן. כ׳האָב געזאָגט, אַז די יוניאָן איז מיר טייער און עס וואָלט געשעדיקט דעם פרעסטיזש פון דער יוניאָן ווען איך וואָלט דערקלערט עפנטלעך פאַרוואָס איך שטים ניט איין מיט זיגמאַנען און פאַרוואָס איך האָב רעזיגנירט פון מיין אַמט. זיגמאַן איז אויף מיר דערפאַר געוואָרן ברוגז. מיר זיינען לאַנגע יאָרן געווען פערזענלעכע פריינד, כאָטש אָפט מאָל מיט אַנדערע מיינונגען.

באַלד נאָך דעם האָב איך איבערגענומען די סעלצער־יוניאָן. די „געווערקשאַפטן” האָבן גראָד דעמאָלט אויסגעשלאָסן לייזער־אָוויטשן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. האָבן זיי באַשלאָסן אַז איך זאָל איבערנעמען זיין אַמט. איך בין געווען אין דער סעלצער־מאַכער יוניאָן אַ קנאַפּ יאָר. איך האָב אין דער צייט אַדורכגעפירט אַ סטרייק און אים געוואונען. פאַר מיין צייט האָט מען אויך איינגעאָרדנט אַ קאָאָפּעראַטיוון שאַפּ אונטער דער קאָנטראָל פון דער יוניאָן. איך בין פון זיי אַוועק צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, איז אויסגעקומען צו האַנדלען מיט אַ רויען עלעמענט סיי אין דער יוניאָן, סיי מיט די באָסעס. צווייטנס, זיינען פאָרגעקומען וואַלן פון באַאַמטע (דעמאָלט זיינען פאָרגעקומען וואַלן אַלע האַלבע יאָר), האָבן 10 פראָצענט פון דער יוניאָן געשטימט קעגן מיר, און איך האָב געהאַלטן, אַז צוליב דעם אַלעם וואָס איך האָב אויפגעטאָן פאַר די סעלצער־אַרבעטער, האָב איך געדאַרפט קריגן אַלע 100 פראָצענט שטימען.

## קאַפּיטל 22

קורץ נאָך דעם בין איך געוואָרן דער „אָרגאַניזער" פאַר דער בעקערס יוניאָן אין פילאַדעלפיע. מאַקס פּיין און גאָלדשטיין, דער „פּאָפּ" פון די בעקערס אין יענער צייט, האָבן מיך געבעטן אָנצונעמען דעם דאָזיקן פּאָסטן, און איך האָב געמוזט מיט מיין פאַמיליע זיך אַריבערקלייבן קיין פילאַדעלפיע.

קומענדיק קיין פילאַדעלפיע און באַקענענדיק זיך מיט די דאָרטיקע באַדינגונגען אין בעקער־פאַך האָב איך אויסגעפונען אַז זיי אַרבעטן פאַר אַ ביליקערן לוין ווי די ניו־יאָרקער בעקערס. איך האָב זיך באַלד גענומען צום שטאַרקן די אָרגאַניזאַציע פון די פילאַדעלפיער בעקער־אַרבעטער, כדי מיט מער דערפאָלג אָנצוהייבן אַקציעס צו בעסערן זייערע באַדינגונגען. די אַרבעט איז נישט אָנגעקומען שווער, ווייל די פילאַדעלפיער בעקערס זיינען געווען זייער גוט דיסציפּלינירט, געהאָרכזאַם און זייער דאַנקבאַר ווען מען האָט פאַר זיי עפּעס געטאָן צו פאַרבעסערן זייער לאַגע. נאָך אַ קורצער צייט בין איך געוואָרן פּרעזידענט פון די פילאַדעלפיער „געווערקשאַפטן". אין יענער צייט האָט זיך געפירט אַז אַ יוניאָן־„אָרגאַנייזער" האָט געדאַרפט אָנטיילנעמען אין יעדער יידישער אינסטיטוציע, אַזוי אַז עס האָט נישט לאַנג געדויערט און איך בין געוואָרן זייער פּאָפּולער אין פילאַדעלפיע. צו יענער צייט איז ברוך וולאַדעק שוין געווען דער מענעדזשער פון „פאָרווערטס". ער האָט צו מיר געהאַט אַ פריינדלעכע באַציאונג און דער „פאָרווערטס" האָט געגעבן אַ סך אָרט פאַר דער פילאַדעלפיער באַוועגונג.

ה. בראגינסקי, אַן איבערגעגעבענער בונדאָוויעץ, אַ טאַפּעצירער (אָפּהאָלסטערער) פון פאַך און דער סעקרעטאַר פון די

פילאַדעלפיער „געווערקשאַפטן" (ער איז אויך געווען טעטיק אין אַרבעטער־רינג און אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע) האָט מיר אין שפּאַס אַ נאָמען געגעבן „פילאַדעלפיער קערענסקי". (ס'איז געווען אין דער צייט פון דער קערענסקי־רעגירונג אין רוסלאַנד). אויך פּריוואַט האָב איך זיך גוט איינגעאָרדנט: איך האָב אָפּגעדונגען אַ שיין פּריוואַט הויז לעבן פערמאָנט פּאַרק. מיין לוין איז שוין דאַמאָלט געווען 50 דאָלאַר אַ וואָך; טאָפּלט ווי איך האָב באַקומען אין דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן. האָבן מיר זיך שוין דערלויבט אַריינצונעמען אַ דינסט־מיידל וואָס האָט צוגעהאָלפן ביי די קינדער. מיר האָבן אויך געקראָגן אַ סך פריינד אין שטאָט, אַזוי אַז מיר זיינען געווען זייער צופרידן. אָבער לאַנג האָבן מיר נישט געקענט פאַרבלייבן אין פילאַדעלפיע.

מיין זון דזשאָרדזש האָט פון קינדווייז אָן געליטן אויף בראָנ־כייטיס. אין פילאַדעלפיע האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן נישט גוט, איז מיין פרוי אַוועק מיט אים צו אַ דאָקטאָר און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז די פילאַדעלפיער לופט טויג ניט פאַרן קינד. ווען איך בין אַהיימגעקומען האָב איך געפונען מיין פרוי זייער פאַרזאָרגט — און זי פּאַקט שוין די זאַכן. פרעג איך איר, וואָס איז געשען, דערציילט זי מיר וואָס דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט. האָב איך ביי איר געפּועלט מען זאָל רופן אַ צווייטן, אַ גרעסערן דאָקטאָר. דער ספּעציאַליסט האָט אויך געזאָגט אַז די לופט איז ניט גוט פאַר מיין זון, דאָך קען זיין אַז ער וועט זיך צו איר צו־געוויינען. אָבער מיין פרוי האָט ניט געוואָלט הערן פון קיין שום צוגעוויינען זיך. זי וויל ניט ריזיקירן מיטן געזונט פון אונדזער קינד, האָט זי געזאָגט. עס האָבן אויך ניט געהאָלפן קיין טענות פון אונדזערע פריינד. זי האָט גענומען די קינדער און אַוועקגע־פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק. מיין פרוי איז געווען זייער איבערגעגע־געבן צו די קינדער. זי פלעגט זאָגן, אַז זי דאַרף זיין פאַר די קינדער אי אַ מאַמע אי אַ טאַטע, ווייל איך בין דאָך געווען אין גאַנצן פאַרנומען אין דער באַוועגונג, און זי פלעגט צוגעבן, אַז איך טו שוין איר חלק פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פאַר דער יוניאָן.

ווען זי איז אַוועק קיין ניו־יאָרק מיט די קינדער האָב איך אַפילו ניט געקענט מיטפאָרן, ווייל גראָד אין יענעם מאָמענט האָב איך אָנגעפירט אַ סטרייק פון די בעקערס. דער מעיאָר פון שטאָט האָט גערופן אַ קאָנפערענץ פון דער יוניאָן מיט די בעקער־באָסעס און איך האָב, פאַרשטייט זיך, געמוזט זיין דערביי און ניט געקענט באַגלייטן מיין פאַמיליע. מיין פרוי האָט מיר טעלעפאָנירט אין אָפיס אַז זי פאָרט מיט די קינדער קיין ניו־יאָרק און זי נעמט מיט דאָס דינסט־מיידל מיט זיך, זי זאָל איר העלפן זיך איינאָרדענען. ווי נאָר דער סטרייק איז פאַרענדיקט געוואָרן (מיר האָבן אים געוואונען) בין איך אַוועק קיין ניו־יאָרק זען מיין פאַמיליע און העלפן מיין פרוי זיך איינאָרדענען אין דער נייער וואוינונג.

עס איז פאַר מיר געווען אַ שווער לעבן צו זיין אַ גאַנצע וואָך אין פילאַדעלפיע און אויף שבת און זונטיק פאָרן קיין ניו־יאָרק צו מיין פרוי און קינדער.

אין אַ געוויסן טאָג האָט וולאַדעק מיך אָפּגערופן טעלעפאָניש און האָט מיר געזאָגט, אַז שלעזינגער, וואָס איז דעמאָלט געווען פּרעזידענט פון „אינטערנעשאָנעל" (ער איז ווידער אויסגעוויילט געוואָרן צו דעם אַמט אויף דער קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע אין יאָר 1916) בעט מיך, איך זאָל קומען צו אים אין אָפיס אַזוי שנעל ווי מעגלעך. איך בין באַלד געפאָרן צו שלעזינגערן און ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט, איך זאָל צוריקקומען קיין ניו־יאָרק אַרבעטן אין דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך וויל וואַרטן ביז די וואַלן פון באַאַמטע און דעמאָלט וועל איך לויפן אויף דעם אַמט. האָט ער געזאָגט, אַז מען דאַרף ניט וואַרטן, ווייל עס איז אַ שאַנדע, אַז איך זאָל אַרבעטן פאַר אַן אַנדער יוניאָן ווי די קלאָוקמאַכערס־יוניאָן, וועלכע איך האָב געהאָלפן בויען. ער האָט באַלד אָפּגערופן ברודער ברעסלאַוו, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען דער מענעדזשער פון לאָקאַל 35, און ער זאָגט צו ברעסלאַוון: גאָלדאָווסקי זאָגט, אַז ער וועט קומען צוריק אין דער יוניאָן ערשט ווען עס וועלן זיין וואַלן. ענטפערט ברעסלאַוו: גאָלדאָווסקי האָט אַן אָפענע טיר אין אונדזער לאָקאַל און ער דאַרף ניט וואַרטן ביז ער וועט געוויילט ווערן, קיינער פון די מיטגלידער

וועט ניט פּראָטעסטירן, אַז זיי וועלן זען גאָלדאָווסקין צוריק ביי דער אַרבעט. דעמאָלט האָב איך מסכים געווען צוריקצוקומען, אָבער איך האָב געזאָגט שלעזינגערן, אַז איך וועל קענען צוריק־קומען ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ווייל מען קען ניט איבער־לאָזן די בעקער־יוניאָן אין פילאַדעלפיע אויף הפקר.

די פּאָר וואָכן זיינען אַריבער, מען האָט געפונען אַן אַנדער מענטש פאַר דעם פילאַדעלפיער בעקער־לאָקאַל און איך בין צוריק־געקומען קיין ניו־יאָרק. איך האָב באַקומען דעם פּאָסטן פון „אָר־גאַנייזער" פון לאָקאַל 35 אין ברוקלין. דאָס איז געווען שוין סוף 1917.

---

דאָס יאָר 1917 איז אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג גע־ווען אַ לעבעדיק יאָר: הילקוויט איז געלאָפן אַלס קאַנדידאַט פאַר מעיאָר און וולאַדעק און העלד זיינען געלאָפן צו דער „באָארד אָוו אָלדערמען". וולאַדעק און העלד זיינען טאַקע אויסגעוויילט געוואָרן און מיט זיי נאָך אַנדערע סאָציאַליסטן. איך פלעג קומען פון פילאַ־דעלפיע העלפן אין דער וואָל־קאַמפּאַניע. אין דעם יאָר איז אָנ־געגאַנגען אַ גרויסע דיסקוסיע וועגן דער מלחמה. עס האָט זיך געגרינדעט אַ „פּיפּלס קאָנסול" וואָס האָט אַרומגענומען פאַרשיי־דענע אָרגאַניזאַציעס וואָס זיינען געווען קעגן דער מלחמה. דער „פאָרווערטס" האָט געשריבן שאַרף קעגן מלחמה.

דאָס אַריינטרעטן פון אַמעריקע אין קריג סוף 1917 האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע צעררודערונג ביי די אַמעריקאַנער סאָציאַ־ליסטן. די סאָציאַליסטן זיינען געווען צעטיילט אין דער פראַגע פון באַציאונג צו דער מלחמה און אין דער פראַגע פון דער באַציאונג צו רוסלאַנד. אַ סך זיינען געווען קעגן אַנטייל אין דער מלחמה און האָבן סימפּאַטיזירט מיט דייטשלאַנד. אַנדערע זיינען געווען אויף דער זייט פון רוסלאַנד. ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין רוסלאַנד, האָט דאָס ווידער אַרויסגערופן אַ מיינונגס־פאַרשיידנהייט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. גענאָסע ספּאַרגאָ, דער באַוואוסטער אַמעריקאַנער סאָציאַליסט, האָט רעזיגנירט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווייל זי איז געווען פריינדלעך

געשטימט צו דייטשלאַנד. דער „פאָרווערטס״ האָט פריער געשריבן קעגן אָנטייל אין דער מלחמה און שפּעטער האָט ער זיך געשטעלט אויף דער זייט פון רוסלאַנד. מען האָט אַפילו געמאַכט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין יוני 1918 — מיט דער פאָדערונג צו אָנערקענען די סאָוועטן־רעפּובליק. די „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר״ איז געווען פאַרן אָנטייל אין דער מלחמה. די מאַטיוון פון די טרייד־יוניאָניסטן זיינען געווען, אַז אַזוי ווי אַמעריקע איז שוין אין דער מלחמה, דאַרפן מיר איר העלפן זי צו געווינען. אין די „געווערקשאַפטן״ איז מען געווען צעטיילט: מאַקס פיין, אַבראַמסאָן, מאָריס פיינסטאָן און איך זיינען געווען פאַר העלפן אין דער מלחמה. מיר האָבן אויך געהאָלפן פאַרקויפן די רעגירונגס־באָנדס.


For a Real
New Deal
For the Sake
of Your
Family
Vote
Straight
Socialist
Row C
FOR
ALDERMAN
Second
District
Morris
Goldowsky
Assistant Manager
Local 35, Cloakmaker's Union

# קאַפּיטל 23

אין פרילינג, 1918, איז פאָרגעקומען אַ קאָנוועַנשאָן פון דער „אינטערנעשאָנעל", אויף וועלכער ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע — אויפן פאָרשלאַג פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן — אַרויסצושטעלן די פאָדערונג עס זאָל איינגעפירט ווערן וואָך־אַרבעט אָנשטאָט שטיק־אַרבעט. שלעזינגער און באַראָף זיינען ווידער דערוויילט געוואָרן, דער ערשטער — אַלס פרעזידענט און דער צווייטער — אַלס סעקרעטאַר־טרעזשורער.

אין 1918 האָבן די „פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן" צוזאַמען מיט דער „קאָנסיומערס ליג" און „טענענטס־ליג" אָר־גאַניזירט אַ סטרייק פון די איינוואוינערס פון הייזער („טענענטס־סטרייק"). מען האָט אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען בעסער צו באַ־דינען די וואוינונגען, צו האַלטן ריין די האָלס אאַז"וו. דער סטרייק איז באַשטאַנען אין דעם וואָס מען האָט זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן דעם רענט ביז די באַדינגונגען וועלן נאָכגעגעבן ווערן. איך בין דעמאָלט געווען דער פאָרזיצער פון דער „טענענטס־ליג", וואָס האָט צו יענער צייט געפירט אַן ענערגישע אַרבעט צו פאַרטיידיקן די אָרעמע איינוואוינערס קעגן די הויז־באַלעבאַטים. דאָס האָט געפירט דערצו אַז די שטאָט־פאַרוואַלטונג און די געריכטן זאָלן האָבן מער איינזען פאַר די אָרעמע איינוואוינערס. צו יענער צייט האָט „טעמעני־האָל" געהאַט אַ גרויסע מאַכט און זי האָט גענומען אונטער איר שוץ די „לענדלאָרדס", האָבן זיי דעריבער פאַר קיי־נעם קיין מורא נישט געהאַט און זיינען געווען חוצפהדיק. זיי פלעגן ניט געבן קיין הייס וואַסער (קיין סטים איז צו יענער צייט אין גאַנצן ניט געווען אין די הייזער פון דער איסט־סאַיד); זיי פלעגן אַפילו ניט האַלטן ריין די האָלס פון די טענעמענט־הייזער און דירה־געלט פלעגן זיי רייסן פאַסן, וויפיל נאָר זיי האָבן געוואָלט,

ווייל קיין רענט־געזעץ איז צו יענער צייט ניט געווען. איז דער איינציקער וואָפן קעגן אַזאַ הפקרות געווען צו סטרייקן. דער סטרייק איז נאָך אַ קורצער צייט געווינען געוואָרן און די לענדלאָרדס האָבן פייערלעך צוגעזאָגט צו געבן די איינוואוינערס בעסערע באַדינגונגען. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע לענדלאָרדס האָבן געהאַלטן וואָרט און נאָך אַ קורצער צייט האָבן אַ סך פון זיי ווידער אָנגעהויבן שרעקלעך פאַרנאַכלעסיקן די הייזער.

אין יאָר 1919 האָבן די קלאָוקמאַכער באַשלאָסן דורכצופירן אין לעבן דעם באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן וועגן איינפירן וואָך־אַרבעט אין די קלאָוק־שעפּער. אין פרילינג, 1919, האָבן מיר אַדורכגעפירט אַן אָפּשטימונג וועגן סטרייק און 95 פּראָצענט פון די קלאָוקמאַכער האָבן געשטימט פאַר אַ סטרייק. אונדזערע פאָדערונגען זיינען געווען: וואָכן־אַרבעט, 44 שעה אַ וואָך אַרבעט און איינפירן אַ סקאַלע פון מינימום־לוינען א״אַנד. מיטוואָך, דעם 14טן מאַי, 1919, 10 אַזייגער אין דער פרי זיינען די קלאָוקמאַכער אַרויס אין סטרייק. די באָסעס זיינען באַלד צוגעטראָטן צו אונטערהאַנדלונגען מיט דער יוניאָן און נאָך אַ ריי קאָנפערענצן האָבן זיי נאָכגעגעבן אַלע פאָדערונגען. דאָס איז געווען דער קירצסטער סטרייק ביי די קלאָוקמאַכערס. דעם 14טן מאַי איז מען אַראָפּ פון דער אַרבעט און דעם 29טן איז מען צוריקגעקומען צו דער אַרבעט ווי די זיגערס; אין דער אינדוסטריע איז אין יענעם יאָר געווען אַ פּראָספּעריטי און די באָסעס האָט געדראָט אַ סך צו פאַרלירן אין אַ פאַרשלעפּטן סטרייק.

אין דעם זעלבן יאָר האָבן די סאָציאַליסטן אָנגעפירט אַ קאַמפּאַניע אויסצואוויילן דזשעיקאָב פּענקינען פאַר אַ ריכטער אין ניו־יאָרק. איך בין דעמאָלט „געלאָפן" פאַר אָלדערמאַן אין צווייטן דיסטריקט. פּענקין האָט אין דער דזשיקער קאַמפּאַניע אויפגעשטורעמט די איסט־סאַיד. ער איז געלאָפן צום ערשטן מאָל — און ער האָט געוואונען. פון יענער קאַמפּאַניע איז מיר אויך געבליבן אין זכרון דער פאָלגנדיקער אינצידענט: איך האָב גערעדט אויף אַ גאַסן־מיטינג אויף קלינטאָן סטריט, ביי איסט־בראָדוויי; איך האָב געצויגן זייער אַ גרויסן עולם. איך האָב אויך געהאַט צוגע־

גרייט אַ גרויסע גרופּע פּרעסערס, זיי זאָלן האַלטן אָרדענונג און נישט לאָזן צעשטערן דעם מיטינג. איבערן וועג האָט זיך געפונען אַ טעמעני־לייט האָבן אין דער זעלבער צייט אויך אָנגעהויבן אַ מיטינג פאַרן הויז פון זייער קלוב, ביי זיי האָט גערעדט אַן אַלדערמאַן, וואָס איז „געלאָפן" פאַר ווידערדערוויילונג. זיין נאָמען איז געווען מוירפּי. ווען ער האָט געזען אַז זיין מיטינג איז אַ דורכפאַל, האָט ער גענומען זיינע עטלעכע צוהערער און איז צוגעקומען צו מיין מיטינג. באַלד האָט ער אַ געשריי געטאָן, אַז ער בעט אַ וואָרט, ער וויל פרעגן אַ פראַגע. מיין חברה פון די ברידער פּרעסערס זיינען שוין געווען גרייט אַוועקצוטרייבן אים פון דעם מיטינג. דערווייל האָט מוירפּי, דער אַלדערמאַן, אָנגעהויבן שרייען אַז איך בין אַ סקעב און ער קען דאָס באַווייזן. עס איז געוואָרן אַ טומל. איך האָב פאַרלאַנגט פון עולם עס זאָל ווערן שטיל און איך גיב אים דאָס וואָרט, ער זאָל דערקלערן פאַרוואָס ער רופט מיך סקעב. הייבט ער אָן מיט די ווערטער: דער געהאַלט פון אַן אַלדערמאַן איז זייער קליין. ס'איז ווייניק צו מאַכן אַ לעבן. איך, זאָגט ער, מאַך אַ 10 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר אין דער זייט. אָבער ווען גאָלדאָווסקי, דער סאָציאַליסט, זאָל אויסגעוויילט ווערן אַלס אַלדערמאַן וועט ער אין דער זייט קיין געלט ניט מאַכן, ער וועט דאַרפן לעבן פאַר דעם קליינעם געהאַלט, וועט ער מוזן סקעבן קעגן מיר. עס איז געוואָרן אַ גרויס געלעכטער פון אַלע אַנוועזנדיקע. איך האָב געענטפערט, אַז ווען די סאָציאַליסטן וועלן דערוויילט ווערן, וועלן זיי אין גאַנצן אָפּשאַפן גרעפט. עס פאַרשטייט זיך, אַז דערוויילט איז געוואָרן מוירפּי, דער טענעמי־קאַנדידאַט.

---

פון דער אַלטער היים, פון רוסלאַנד, זיינען אין דעם יאָר די ידיעות געווען טרויעריקע. ס'איז געווען אַ שרעקלעכע צייט פאַר די יידן אין רוסלאַנד: די פּעטלורישע פּאָגראָמען אין אוקראַינע, די שחיטות פון קאָלטשאַק און דעניקין, מען האָט ראַבירט יידיש פאַרמעגן, יידן האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען, הונגעריקע און נאַקעטע, און זיך געלאָזט זוכן אַ זיכערער אָרט וואו צו לעבן, אין לאַנד אָדער אויף עמיגראַציע.

פאַר דער מלחמה פלעגן מיר דערגולער קריגן בריוו פון מיין פאָטער און מומע (אַזוי האָבן מיר גערופן דעם פאָטערס צווייטע פרוי). מיר פלעגן צייטנווייז זיי שיקן צו עטלעכע דאָלאַר. איין מאָל האָבן מיר געקראָגן אַ בריוו אַז זיי ווילן פאָרן קיין ארץ ישראל. מיר האָבן זיי פאַרגעלייגט צו קומען אַהער, ווייל די לאַיעווער לאַנדסלייט האָבן געוואָלט מיין טאַטן מאַכן פאַר רב און חזן אין זייער שול. איך האָב געשריבן צו מיין פאָטער וועגן דעם, אָבער ער האָט נישט געוואָלט קומען קיין אַמעריקע. מיינע ברידער און שוועסטער האָבן געשיקט געלט צו אים צו פאָרן קיין ארץ ישראל. מיר זיינען געווען זיכער, אַז זיי זיינען טאַקע אַוועקגעפאָרן פאַר דער מלחמה. אָבער ווען מיר האָבן מער ווי אַ יאָר צייט נישט דער־האַלטן קיין שום בריוו, האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן געלעגנהייטן אויסצוגעפינען וואָס מיט מיין פאָטער און מומען האָט פאַסירט. ווען אב. קאַהאַן איז געפאָרן קיין פוילן, אין 1919, און ער האָט אויך באַזוכט ווילנע, האָב איך אים געבעטן געוואָר צו ווערן עפּעס וועגן מיינע עלטערן. ער האָט מיר דאָס צוגעזאָגט. און ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער אונדז געבראַכט די טרויעריקע ידיעות אַז מיין פאָטער און מומע זיינען געשטאָרבן פון הונגער. זיי האָבן זיך געפונען אין קיעוו ווען עס זיינען פאַרגעקומען די קאַמפן מיט די באָלשעוויקעס. מען האָט דעמאָלט ביי זיי אַלץ צעראַבירט און זיי זיינען געבליבן אין גאַנצן אָן מיטלען צום לעבן. אַזוי טרויעריק האָט זיך געענדיקט דאָס לעבן פון מיין טאַטן, רב בן־ציון גאָלדאָווסקי. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ שדעקלעכער קלאַפּ. דער איינציקער וועמען איך האָב דערציילט די ביטערע נייעס איז געווען מיין עלטערער ברודער, אברהם. ער האָט מיר געראַטן ניט צו דערציילן וועגן דעם די רעשט אונדזערע שוועסטער און ברידער. מיר אַלע האָבן זייער ליב געהאַט אונדזער פאָטער און עס וואָלט געווירקט אויף זיי שרעקלעך. נאָר מיט דער צייט האָבן זיי זיך דערוואוסט וואָס עס האָט געטראָפן מיט אונד־זערע עלטערן.

אין 1920 איז פאָרגעקומען אַ קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי. איך בין געווען אַ דעלעגאַט צו דער דאָזיקער

קאָנוועגשאָן. יודזשין ווי. דעבס איז נאָמינירט געוואָרן צו לויפן פאַר פּרעזידענט. ער איז דעמאָלט געזעסן אין „אַטלאַנטאַ פּריזאָן" פאַר אַן אַנטי־מלחמה רעדע. אַ קאָמיטעט פון דער קאָנוועגשאָן איז געשיקט געוואָרן צו דעבסן אין תּפיסה אַריין אים אָנצוזאָגן, אַז מען האָט אים נאָמינירט פאַר פּרעזידענט.

דאָס יאָר 1921 איז געווען פאַר די קלאָקמאַכער אַ שווער יאָר. די באָסעס האָבן געמאַכט אַ לאָקאַוט און געוואָלט שניידן די לוינען. זיי זיינען ווידער אַמאָל אַרויס מיטן פאַרלאַנג איינצופירן אַ „סטענדערד אָוו פּראָדאָקשן", ד"ה אַז עס זאָל ווערן פון פאָרויס באַשטימט וויפל אַן אַרבעטער דאַרף אַרויסגעבן אַרבעט. האָט די יוניאָן דעמאָלט אַרויסגענומען פון געריכט אַן „אינדזשאָנקשאָן" קעגן די באָסעס. דאָס האָט אויפגעהויבן אַ שטורעם אין דער גאַנ־צער אַרבעטער־באַוועגונג. עס איז אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע דיסקו־סיע צווישן אונדזערע אייגענע מענטשן, צי זאָלן מיר זיך באַנוצן מיט די זעלביקע מיטלען וואָס די באָסעס באַנוצן זיך קעגן די אַרבעטער. אונדזערע לאָיערס און אויך דער פּרעזידענט שלעזינ־גער, זיינען געווען פאַר דעם. איך בין אויך געווען דערפאַר, מיין אַרגומענט, געדענק איך, איז געווען: ווען אַ לאָבוז באַפאַלט אייך מיט אַ בייטש, און ווען איר האָט אַ געלעגנהייט אַרויסצורייסן די בייטש פון זיינע הענט און געבן אים צוריק שמיץ, דאַרפט איר דאָס טאָן. מען האָט טאַקע געגעבן אַן „אינדזשאָנקשאָן" אויף די פאַרלוירענע לוינען פון די קלאָוקמאַכערס און דאָס האָט גע־ווירקט. די באָסעס האָבן באַלד צוריק געעפנט די שעפּער און געמוזט אָנהאַלטן דעם אָפּמאַך מיט דער יוניאָן. וואָס אַנבאַלאַנגט די לוינען וואָס די אַרבעטער האָבן פאַרלוירן איז מען מיט די באַלעבאַטים איינגעגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס. פון דעם אינצי־דענט איז דער פּרעסטיזש פון דער „אינטערנעשאָנעל" שטאַרק דער־הויבן געוואָרן. אַלע צייטונגען, יידישע און ענגלישע, האָבן וועגן דעם געשריבן אויף די ערשטע זייטן און געגעבן קרעדיט דער יוניאָן פאַר איר אויפטו.

אין יאָר 1921 האָט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איבערגע־

לעבט אַ גרויסן קריזיס. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אָפּגעהאַלטן אַ קאָנווענשאָן אין דעטראָיט. מען האָט דעבאַטירט די פֿראַגע אין וועלכן אינטערנאַציאָנאַל מען זאָל זיך אָנשליסן, אין סאָציאַליסטישן אָדער אין קאָמוניסטישן. די דיסקוסיע איז געווען זייער אַ פֿאַרביטערטע. גענאָסן, וואָס זיינען לאַנגע יאָרן געווען פֿריינד, האָבן זיך איינער דעם אַנדערן באַליידיקט. סוף כּל סוף האָט די קאָנווענשאָן באַשלאָסן ניט אָנצושליסן זיך אין קיין איינעם פֿון די צוויי אינטערנאַציאָנאַלן. די סימפּאַטיע פֿאַר סאָוועט־רוסלאַנד איז דעמאָלט געווען נאָך זייער שטאַרק. דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן, מאיר לאָנדאָן, האָט אַריינגעבראַכט אַ ביל אין קאָנגרעס פֿאַר אָנערקענען סאָוועט־רוסלאַנד. אין דעם זעלביקן יאָר האָבן מיר געפֿירט זייער אַן אַגרעסיווע קאַמפּאַניע פֿאַר דזשייקאָב פּענקין, וועלכער איז געלאָפֿן אויפֿן אַמט פֿון מעיאָר פֿון ניו־יאָרק. איך האָב זיך זייער אַקטיוו באַטייליקט אין דער קאַמפּאַניע.

בעת דעם שרעקלעכן הונגער אין רוסלאַנד (אין 1921), האָבן די „געווערקשאַפֿטן" און דער אַרבעטער־רינג צוזאַמען מיט דעם „פּיפּלס רעליף" געגרינדעט אַ קאָנפֿערענץ וועגן שיקן שפּייז און קליידער פֿאַר די הונגעריקע מאַסן אין רוסלאַנד. די שטימונג אין אונדזער באַוועגונג איז דעמאָלט שוין געווען שאַרף אַנטי־קאָמוניסטיש, דאָך האָבן די „געווערקשאַפֿטן", דער אַרבעטער־רינג און דער „פּיפּלס רעליף" געשיקט שפּייז צו די סאָוועטן. איך האָב זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער קאָנפֿערענץ און מיר האָבן איבערגעשיקט אַ סך הילף פֿאַרן רוסישן פֿאָלק; נישט געקוקט אויף דעם וואָס דאָ ביי אונדז זיינען די קאַמפּן מיט די אָנהענגער פֿון סאָוועט־רוסלאַנד זיינען געוואָרן וואָס אַ מאָל שאַרפֿער. די קאַמפּן זיינען ספּעציעל אָנגעגאַנגען אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַציע ווי אויך אין דער רעדאַקציע פֿון „פֿאָרווערטס". ווען די „פֿעדעראַציע" האָט זיך געשטעלט אויפֿן קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט זיינען מיר, די רעכטע מינדערהייט, אַרויס און געגרינדעט דעם יידישן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד. אַ סך וויכטיקע טוער, ווי סאָלוצקי־האַרדמאַן, פּ. געליבטער, צביון, ראַגאָף א״אַנד. זיינען פּאַב־

בליבן אין דער פעדעראַציע, נישט קוקנדיק דערויף וואָס זי האָט אָנגענומען אַ קאָמוניסטישע שטעלונג. עס איז אָבער זיי דאָרט באַלד ענג געוואָרן און זיי זיינען פון דאָרט אַרויס און זיך אָנגעשלאָסן אין דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

די קאַמפן האָבן זיך דעמאָלט אויך אַריבערגעטראָגן אין די יוניאָנס, און דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסע צערודערונג אין דער אַרבעט. אין יענער צייט פלעגן די קלאָוקמאַכער־לאָקאַלן נאָך אַלץ אָפּהאַלטן סעקציע־מיטינגען און ביי די דאָזיקע מיטינגען פלעגט כסדר זיין אַזאַ טומל, אַז אָפט מאָל פלעגט דער פאָרזיצער פון סעקציע־מיטינג זיין געצוואונגען צו שליסן די פאַרזאַמלונג פאַרן אויסשעפּן דעם טאָג־אָרדענונג. אָפט מאָל פלעגט עס דער־גיין ניט צו רייד־אַרגומענטן, נאָר אויך צו פויסט־אַרגומענטן, צו פשוטע געשלעגן.

צו וואָס פאַר אַן אומזיניקייט די קאַמפן זיינען דעמאָלט דער־גאַנגען קען באַווייזן דער פאָלגנדיקער פאַקט. אין יאָר 1922 זיינען פאָרגעקומען קאָנפערענצן מיט די קלאָוק־באַלעבאַטים וועגן באַ־נייען דעם אָפּמאַך. ישראל פיינבערג איז דעמאָלט שוין געווען מענעדזשער פון „דזשאָינט־באָארד" און ער האָט מיך געבעטן מיטצופאָרן מיט אים קיין בראָנזוויל צו אַ מיטינג פון שאַפּ־טשערלייט, וואו ער האָט געדאַרפט אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן פאַר־לויף פון די אונטערהאַנדלונגען. דער מיטינג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן סקאַנדאַל, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס דער גענעראַל־מענעדזשער פון דער יוניאָן אַליין איז געקומען אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן אַזאַ וויכטיקן ענין.

אין דעם זעלביקן יאָר האָט אונדזער אינטערנעשאָנעל געהאַט צו פאַרצייכענען אַן אויפטו מיט וועלכן מיר קענען זיין שטאָלץ. עס איז דעמאָלט אויסגעבראָכן אַ גענעראַל־סטרייק פון די קוילן־מיינערס. צו יענער צייט האָבן די מיינערס געאַרבעט ווי שקלאַפן. זייערע לוינען זיינען געווען זייער קליין. וואוינונגען האָבן זיי גע־מוזט דינגען פון די מיין־מאַגנאַטן און איינקויפן לעבנס־מיטלען האָבן זיי אויך געמוזט אין די געוועלבער, וואָס האָבן באַלאַנגט צו די אייגנטימער פון די קוילן־גרובן. ווען די מיינערס זיינען

אַרויס אין סטרייק, האָבן די גע‌וועלבער פון די באַלעבאָטים מער ניט געוואָלט זיי געבן פּראָדוקטן אויף באָרג. דערצו נאָך האָט מען זיי אַרויסגעוואָרפן פון די וואוינונגען. הונגער און דאַכלאָזיקייט האָט באַדראָט די אומגליקלעכע סטרייקערס. יענער טראַגישער סטרייק האָט אויפגעשוידערט די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג. די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג איז באַלד צוגעטראָטן צו אַ גרויסער הילפס־אַקציע, כדי צו פאַרהיטן די סטרייקערס פון אַ הונגער־קאַטאַסטראָפע.

די „פאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפטן" האָבן פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע יוניאָנס. און ביי יענער קאָנפערענץ האָט מען אויסגעוויילט דריי קאָמיטעטן אָנצופירן מיט דער הילפס־אַרבעט: צו עפענען קיכן אין די ערטער וואו די מיינערס וואוינען; צו קלייבן קליידער און צו קלייבן געלט. איך בין אַריין אין דעם קאָמיטעט צו קלייבן געלט. מיר האָבן צו דעם צוועק אָרגאַניזירט די „קאָנסיומערס־ליג". גרויסע גרופּעס פרויען פלעגן גיין פון הויז צו הויז און קלייבן געלט. אַחוץ דעם האָבן שלעזינגער און פיינבערג אַרויסגעגעבן דערקלערונגען, אַז אַלע קלאָקמאַכער־לאָקאַלן גיבן הונדערט טויזנט דאָלאַר פאַר דעם סטרייק־פאָנד פון די מיינערס און דאָס געלט איז טאַקע איינגעצאָלט געוואָרן. דאָס האָט געגעבן די מיינערס אַ מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן און אַדאַנק דעם איז דער סטרייק נישט פאַרשפּילט געוואָרן, נאָר פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ קאָמפּראָמיס.

צו יענער צייט האָט זיך די טעטיקייט פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן אַזוי אויסגעברייטערט, אַז דער „דזשאָינט־באָארד" האָט געקויפט אַן אייגן הויז אויף לעקסינגטאָן עוועניו ביי דער 25טער גאַס. דער „דזשאָינט־באָירד" האָט פאַרנומען פינף שטאָק, ווייל דער „דרעס־דזשאָינט־באָארד" האָט זיך פאַראייניקט מיטן „קלאָוק־דזשאָינט־באָארד". אויך האָבן די דרעס־פּרעסערס זיך אָנגעשלאָסן אין לאָקאַל 35 פון די קלאָוק־פּרעסערס. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין בראָנזווילער אָפיס און כ'האָב געהאַט די אויפזיכט איבער די ברוקלינער קלאָוק־שעפּער.

אַ געוויסן טאָג האָב איך געקראָגן אַ ידיעה, אַז אויף טאַטפאָרד

עוועניו האָט זיך אַריינגעקליבן אַ ניט־יוניאָן שאַפּ. בין איך באַלד דאָרט אַוועק און איך האָב געבעטן דעם מאַן וואָס האָט געאַרבעט אין אונדזער אָפּיס ער זאָל מיטגיין און העלפֿן מיר אַראָפּנעמען די אַרבעטער פֿון שאַפּ. צוקומענדיק צום עק טאַטפּאָרד און סוטער עוועניו האָט דער מאַן וואָס איז מיט מיר מיטגעגאַנגען אַרויסגע־כאַפּט אַ פּיסטאָלעט און אָנגעהויבן שיסן (כדי אָפּצושרעקן די לייט פֿון דער ניט־יוניאָן שאַפּ), אָבער צום אומגליק האָט ער גע־טראָפֿן אַ דרייווער פֿון אַ פּיונעראַל־פּאַרלאָר, וואָס האָט זיך גע־פֿונען אין דעם זעלביקן הויז. זעענדיק דאָס, איז אונדזער אָפּיסמאַן תּיכּף אַנטלאָפֿן און איך בין שוין ניט אַרויף אין שאַפּ נאָר כ׳בין צוריק אַוועק אין אָפּיס. איך האָב אָפּגערופֿן דעם לאָיער פֿונעם „דזשאָינט־באָארד״, און אויך דעם סעקרעטאַר קאַפּלאָוויטש, פֿון דער יוניאָן און כ׳האָב אים דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט. אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען אַריינגעקומען אין אָפּיס צוויי דעטעק־טיווס, האָבן זיך געפֿרעגט אויף מיר און האָבן מיר דערקלערט, אַז זיי זיינען געקומען מיך אַרעסטירן. איך האָב זיי ניט אַריינ־געלאָזט אין דעם צימערל וואו איך האָב געאַרבעט, נאָר איך האָב צו זיי גערעדט דורך אַ קליין פֿענצטערל און איך האָב זיי געזאָגט אַז איך וויל וואַרטן אויף מיין לאָיער. רעדנ־דיק אַזוי איז דער לאָיער אָנגעקומען און ער איז מיט מיר מיטגע־גאַנגען אין דער פּאָליציי. דאָרט האָט מען מיר געזאָגט אַז מען באַ־שולדיקט מיך אַז איך האָב געשאָסן. איך האָב זיי דערקלערט, אַז איך האָב נישט געשאָסן, און ווען איך האָב דערהערט אַ שיסעריי בין איך אַ דערשראָקענער אַנטלאָפֿן און אַוועק צוריק אין אָפּיס. עס האָבן ניט געהאָלפֿן מיינע רייד, מען האָט מיך גענומען אין שפּיטאָל וואו דער געשאָסענער האָט זיך געפֿינען. מען האָט מיך צוגעפֿירט צו אים און ער האָט געזאָגט אַז איך האָב אַטאַקירט און צוגעהאַלטן און דער צווייטער מאַן האָט געשאָסן אויף אים. נאָך דעם האָט מען מיך צוריק אַוועקגעפֿירט אין דער פּאָליציי און מיך פֿאַרשפּאַרט אין אַ צעלע. ביינאַכט האָט מען מיך געפֿירט אין „בייט קאָרט״ און דער ריכטער האָט באַשטימט פֿאַר מיר 10 טויזנט דאָלאַר בייל. די יוניאָן האָט תּיכּף איינגעלייגט דעם באָנד און מען

האָט מיך באַלד באַפרייט. איך האָב געבעטן דעם „פאָרווערטס״ אַז ער זאָל קיין וואָרט נישט דרוקן וועגן דעם גאַנצן פאָרפאַל, ווייל איך האָב נישט געוואָלט איבערשרעקן מיין פרוי און קינדער, אַז מען באַשולדיקט מיך אין אַנטיילנעמען אין אַ מאָרד. די מעשה האָט דער יוניאָן אָפּגעקאָסט געגנוג געלט. דער געשאָסענער איז ענדלעך אַרויס פון שפיטאָל, אָבער ער איז געבליבן אַ קריפּל אויף אַ פוס. אויפן פּראָצעס האָט דער ריכטער געפרעגט דעם געשאָסענעם, ווי קען דאָס מעגלעך זיין, אַז ער, גאָלדאָווסקי, זאָל קענען האַלטן אַזאַ ריז (ער איז געווען אַ הויכער, גראָבער טימסטער) און אַ צווייטער זאָל שיסן. איז זיין ענטפער געווען, אַז ער געדענקט ניט וואָס ער האָט גערעדט אויף זיין קראַנקען־בעט, ווען ער איז געלעגן אין שפיטאָל. דער ריכטער האָט מיך באַפרייט צוליב פעלן פון באַווייזן. שפּעטער האָב איך געהערט אַז דער אַנטלאָפענער איז געוואָרן אַ ביזנעסמאַן, איז געוואָרן אַ פרומער ייד און אַ גבאי אין אַ שול.

## קאַפּיטל 24

אין 1923 האָט דער קאַמף צווישן די רעכטע און לינקע אַנגע־נומען נאָך שאַרפערע פאָרמען. די אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר האָט אויפגעפאָדערט אַלע יוניאָנס ניט צו שטיצן די קאָמוניסטן וואָס דינען סאָוועט־רוסלאַנד, ניט באַטייליקן זיך מיט זיי צוזאַמען אין גאַסן־דעמאָנסטראַציעס דעם 1טן מאַי. מיר האָבן דעריבער גע־פייערט דעם 1טן מאַי יום־טוב מיט דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אין פאַרשיידענע האָלס. יענע 1טע מאַי־פייערונג איז געווען פאַר אונדז אַ טאָפּלטער יום־טוב, ווייל יודזשין וו. דעבס איז דעמאָלט באַפרייט געוואָרן פון תפיסה. די סאָציאַליסטישע פאַרטיי און די יוניאָנס האָבן אַראַנזשירט אַ גרויסן מיטינג אין מעדיסאָן סקווער־גאַרדען. דעבס האָט געהאַלטן אַן אויסערגעוויינטלעכע רעדע. ער האָט געזאָגט, אַז פּרעזידענט ווילסאָן איז דערווילט געוואָרן ווייל ער איז געווען קעגן מלחמה און אים, דעבסן, האָט מען פאַרשפּאַרט אין תפיסה פאַר זיין קעגן מלחמה. איך האָב זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אַראַנזשירן דעם מיטינג, וואו מער ווי 15 טויזנט מענטשן זיינען געקומען הערן יודזשין דעבסן.

אין דעם זעלבן יאָר האָט די פאַרמער לייבאָר פאַרטיי אין מינעסאָטאַ אָפּגעהאַלטן איר קאָנווענשאָן און עס האָט זיך אַרויס־געוויזן אַז די קאָמוניסטן האָבן פאַרכאַפּט די פירערשאַפט פון דער דאָזיקער פאַרטיי. עס איז דעמאָלט דורכגעפירט געוואָרן אַ באַשלוס אויסצושליסן די קאָמוניסטן פון דער פאַרמער לייבאָר פאַרטיי. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג און די יוניאָנס האָבן דעמאָלט גע־רופן אַ קאָנווענשאָן אין אַלבאַני צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן אַ זעלבסטשטענדיקע אַרבעטער־פּאָליטיק. איך בין דאָרט געווען אַלס דעלעגאַט פון דאַון־טאַון־בראַנטש פון יידישן סאָציאַליסטישן

פאַרבאַנד. דער פאַרבאַנד האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער קאָנ־ווענשאָן. אין יענעם יאָר האָבן די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס גע־האָלפן דער פאַרמער לייבאָר פאַרטיי צו דערוויילן אַ סענאַטאָר פון שטאַט מינעסאָטאַ.

אין אויגוסט האָט די קלאָוקמאַכער־יוניאָן אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג צו די דזשאָבערס, אַז זיי זאָלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר שכירות און אַרבעטס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער וואָס ווערן באַשעפטיקט ביי זייערע קאָנטראַקטאָרס. די סוב־קאָנטראַק־טאָרס האָבן דעמאָלט אויך געמאַכט אַ לאָקאַוט און האָבן פאַר־סטרייקט קעגן די דזשאָבערס, זיי האָבן פאַרלאַנגט העכערע פרייזן און אַז עס זאָל דורכגעפירט ווערן אַ רעגיסטראַציע פון די קאָנ־טראַקטאָרס און די דזשאָבערס זאָלן ניט געבן קיין אַרבעט צו ניט־רעגיסטרירטע קאָנטראַקטאָרס. די יוניאָן האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם קאָנפליקט און האָט געהאָלפן ברענגען צו אַן אויסגלייך.

אין 1924 האָט די קלאָוקמאַכער־יוניאָן אַרויסגעשטעלט נייע פאָדערונגען צו די באַלעבאַטים און ווען זיי האָבן ניט געוואָלט נאָכגעבן איז באַשלאָסן געוואָרן אַ סטרייק. דער ניו־יאָרקער גאָ־ווערנאָר, אַלפרעד סמיט, האָט פאַרלאַנגט פון דער יוניאָן ניט אַרויסצוגיין אין סטרייק, נאָר איינצוגיין אויף דעם אַרביטראַזש פון אַ קאָמיסיע וואָס ער האָט באַשטימט. די יוניאָן האָט אָנגענומען גאָווערנאָר סמיטס פאָרשלאָג. הילקוויט האָט פאַרטראָטן די יוניאָן און מיט אים איז אויך געווען אַ קאָמיטעט פון „דזשאָינט־באָארד", מיט זיגמאַנען אין דער שפּיץ, אין וועלכן איך האָב זיך אויך באַ־טייליקט. די זיצונגען האָבן אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג און צום סוף האָט דער גאָווערנאָרס קאָמיסיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן — צווישן זיי אויך הערבערט לעהמאַן — אַרויסגעטראָגן אַ דעציזיע צום גינסטן פון דער יוניאָן. צו ערשט האָבן די מאַנופעקטשורערס זיך געקווענקלט אָנצונעמען דעם באַשלוס פון דער קאָמיסיע, אָבער ווען די יוניאָן האָט גע־דראָט מיט אַ סטרייק איז מען איינגעגאַנגען אויף אַ צייטווייליקע פשרה. גאָווערנאָר סמיט האָט דעמאָלט באַשטימט ריימאָנד וו.

אינגערסאָל פאַר אַ ציטווייליקן „אימפּאַרשל טשערמאַן" פון דער קלאָוק־אינדוסטריע, וואָס זאָל אויסגעהאַלטן ווערן פון ביידע צדדים, די יוניאָן און די „אַסאָסיאיישאָן" פון די מאַנופעקטשורערס.

אין 1924 איז סענאַטאָר ראָבערט לאַפאָלעט פון שטאַט וויס־קאָנסין „געלאָפן" פאַר פּרעזידענט. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אָפּגעהאַלטן אַ קאָנווענשאָן און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז די פּאַרטיי שטיצט לאַפאָלעטן און אַליין נאָמינירט די פּאַרטיי בלויז סטייט־קאַנדידאַטן: נאָרמאַן טאָמאַס אַלס גאָווערנאָר, ריכטער סאלאָמאָן אַלס ליוטענאַנט־גאָווערנאָר און לואיס וואַלדמאַן אַלס אַטוירני דזשענעראַל. די אַמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר האָט אויך געשטיצט לאַפאָלעטן. די ליבעראַלע עלעמענטן האָבן גערופן אַ פּראָגרעסיווע קאָנווענשאָן וואו מען האָט אויסגעוויילט אַ גרויסן קאָמיטעט צו פירן די קאַמפּאַניע פאַר לאַפאָלעטן. אַלעקסאַנדער קאַהן, דער איצטיקער מענעדזשער פון „פאָרווערטס", איז גע־ווען פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט. ביי דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָב איך פאַרטראָטן די „געווערקשאַפטן". איך בין געווען אויך זייער אַקטיוו אין דער קאַמפּאַניע.

אין דעם זעלביקן יאָר האָבן די „פאַראייניקטע יידישע גע־ווערקשאַפטן" באַשלאָסן אַדורכצופירן אַ גרויסע קאַמפּאַניע קעגן די נייע קאָמוניסטישע סקעב־אַגענטורן אין די יידישע יוניאָנס. עס איז צו דעם צוועק אויסגעקליבן געוואָרן אַ גרעסערער קאָמי־טעט מיט מאָריס פיינסטאָנען בראש. איך האָב זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט. דער קאָמוניסטישער סם האָט שוין דעמאָלט געהאַט פאַרכאַפּט אַ סך סאָציאַליסטן און טרייד־יוניאָניסטן, און עס איז ניט געווען אַזוי גרינג אָנצופירן אַ קאַמף קעגן זיי. ספּעציעל ווען אַ טייל פון זיי זיינען געווען פריינד פון נעכטן. יאָרן לאַנג האָט מען באַלאַנגט צוזאַמען מיט זיי צו איין יוניאָן, צום אַרבעטער־רינג אָדער צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, צו דער „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן און מען האָט זיך פאַרהאַלטן איינער מיטן צווייטן ווי איבערגעגעבענע חברים. און

פלוצלינג דאַרף מען ווערן שונאים. עס איז געווען אַ פּאַרדרוס און אַ ווייטיק. מיר האָבן זיך באַמיט אויף פאַרשיידענע וועגן צו רעדן צו די נייע צעשטערערישע גרופּעס, איבערצייגן זיי, אַז מיר לעבן אין אַ פריי לאַנד, אַז מיר קענען האָבן פאַרשיידענע מיינונ־גען, אָבער דאַך אַרבעטן צוזאַמען און ניט צעברעכן די אייניקייט, ווייל דאָס קען ברענגען גרויס שאָדן די אַרבעטער־מאַסן. עס האָבן אָבער ניט געהאָלפן די רייד. דער פּרינציפּ פון די קאָמוניסטן איז געווען, אַז דו שטימסט ניט איין מיט מיר הונדערט פּראָצענט ביסטו אַ שונא און מען דאַרף דיך אָפּווישן פון וועג. און פון שאַרפע אַרגומענטן איז אָפט מאָל דערגאַנגען צו געשלעגן. סוף כל סוף האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו פאַרטרייבן די קאָמוניסטישע צעברעכערס פון עטלעכע יוניאָנס.

אין דעם זעלביקן יאָר האָבן די קלאָוקמאַכערס אָפּגעהאַלטן נאָך איין גרויסן זיג. מען האָט אויסגעקעמפט ביי די באַלעבאַטים אַן „אַרבעטסלאָזן פאַרזיכערונגס־פאָנד״ („אַנעמפּלאָימענט אינ־שורענס פאָנד״), און דאָס איז דערגרייכט געוואָרן נישט געקוקט דערויף וואָס די קאָמוניסטן האָבן צעבראָכן די אייניקייט און אָפּ־געשוואַכט די יוניאָן.

דער קאַמף מיט די קאָמוניסטן אין די לאָקאַלן פון דער אינ־טערנעשאָנעל האָט זיך אַלץ מער צעפלאַקערט. זיי האָבן אָנגע־פאַנגען צו גרינדן אין די לאָקאַלס גרויסע אָרגאַניזירטע גרופּן פון זייערע אָנהענגער און זיי פלעגן שטורעמען און פּרוּאוון אויפרייסן יעדן מיטינג פון דער יוניאָן. ווען די דאָזיקע צע־שטערערישע אַרבעט האָט כמעט פּאַראַליזירט די יוניאָן, האָט דער „דזשאָינט־באָארד״ פון די קלאָוקמאַכערס אָפּגעשטעלט אין זייער מיטגלידערשאַפט די הויפּט־רעדל־פירער פון די קאָמוניסטן. עטלעכע לאָקאַלס פון דער אינטערנעשאָנעל, ווי לאָקאַל 9 און לאָקאַל 2 און אויך די דרעס־לאָקאַלס זיינען אָבער שוין פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די קאָמוניסטן. זיי האָבן געגרינדעט אַ סקעב־יוניאָן פון די אַלע לאָקאַלס.

צו יענער צייט האָט דער „דזשאָינט־באָארד״ פאַרהאַנדלט

מיט די קלאָוק־מאַנופעקטשורערס וועגן באַנייען דעם אָפּמאַך אויף נאָך אַ יאָר. אויף די מיטינגען פון די לאָקאַלס האָט מען גע־שטימט גוטצוהייסן די רעקאָמענדאַציעס פון „דזשאָינט־באָארד״ צו באַשטעטיקן דעם אָפּמאַך מיט די מאַנופעקטשורערס. די קאָ־מוניסטן האָבן אומעטום געשטימט קעגן און זיי זיינען דורכגע־פאַלן. דעמאָלט האָבן זיי אַליין גערופן אַ סטרייק אין דער קלאָוק־אינדוסטריע און זיי זיינען אויפסניי דורכגעפאַלן. אַ טייל באַלע־באַטים האָבן זיך אָפּגעזאָגט צוריקצונעמען צו דער אַרבעט די קאָמוניסטישע סטרייקערס. זיינען זיי געקומען צום „דזשאָינט־באָארד״ און געבעטן מען זאָל זיך פאַר זיי איינשטעלן און צוריק־באַקומען פאַר זיי די דזשאבס. ישראל פיינבערג און מאיר פערל־שטיין, די דעמאָלטיקע פירערס פון „דזשאָינט־באָארד״ האָבן זיך אָפּגעזאָגט צוריקצושטעלן די דאָזיקע חברהלייט אין זייער מיט־גלידס־רעכט. אָבער מאָריס זיגמאַן, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנעל, האָט פאַרלאַנגט צוריק־צוגעבן די דאָזיקע קאָמוניסטן זייערע מיטגלידס־רעכט צוליב דער זאַך פון אייניקייט. האָבן דעמאָלט פיינבערג און פערלשטיין רעזיגנירט פון „דזשאָינט־באָארד״ מיט אַ דערקלערונג, אַז זיי ווילן ניט שטערן זיגמאַנען צו דערגרייכן די אייניקייט אין דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן אַזוי ווי ער פאַרשטייט זי. זיגמאַן האָט דע־מאָלט אַליין איבערגענומען די פירערשאַפט פונעם „קלאָוק־דזשאָינט־באָארד״. דער גאַנצער קאַמף און טומל האָט אָבער דעם דזשאָינט־באָארד״ ניט געשטערט אויסצופירן זיין נאָרמאַלע טע־טיקייט. אין דעם ערשטן יאָר פון עקסיסטענץ פון אַרבעטסלאָזן־פאָנד האָט דער „דזשאָינט־באָארד״ אויסגעצאָלט קאַרגע דריי פערטל מיליאָן דאָלאַר.

אין אויגוסט 1925 האָט דער פרעסער־לאָקאַל 35 גערופן אַ ספּעציעלן מיטינג אין וועבסטער האָל. מען האָט געוואוסט אַז די קאָמוניסטן ווילן דאָרט אויפהייבן די פראַגע וועגן סטרייק. מען האָט געלאָזט וויסן וועגן דעם מאָריס זיגמאַנען און ער איז גע־קומען צום מיטינג און האָט שטאַרק אַפּעלירט פאַר אייניקייט.

מאָריס זיגמאַן האָט נאָך אַלץ געגלייבט אַז מען קען מאַכן שלום מיט די קאָמוניסטן. אָבער די באַאַמטע פון לאָקאַל 35 האָבן אַנדערש געטראַכט. מיר האָבן דערקלערט זיגמאַנען, אַז מיר וועלן גיכער רעזיגנירן פון אונדזערע אַמטן איידער זיך פאַראייניקן מיט די קאָמוניסטן. איך פעררזעגלעך בין אַוועק צו זיגמאַנען און כ׳האָב אים געוואָרנט אַז ער מאַכט אַ גרויסן טעות, און מיט זיין פּאָליטיק וועט ער דערפירן צו דעם, אַז עס וועלן מוזן פאַרקומען נייע וואַלן און די קאָמוניסטן וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן די דאָזיקע וואַלן פאַר זייערע צעברעכערישע צוועקן. זיגמאַן האָט מיר אָפן דערקלערט, אַז ער איז צופרידן וואָס ברעסלאַוו וועט רעזיגנירן, אָבער ער וואָלט ניט געוואָלט אַז די ביזנעס־אַגענטן זאָלן מיט אים מיטגיין. איך האָב אים געענטפערט אַז דאָס קען ניט פּאַסירן, אַז מיר, די באַאַמטע אין לאָקאַל 35, האַלטן זיך אַלע אייניק און מיר וועלן האַנדלען סאָלידאַר אַלע צוזאַמען. איך האָב אָבער נאָך דעם גערעדט מיט ברעסלאַוון, אַז מיר וואָלטן ניט געדאַרפט וואַרפן די אַמטן כדי נישט צו געבן די קאָמוניסטן אַ מעגלעכקייט איצט צו גיין צו די וואַלן. איך האָב איבערגערעדט אויך מיט אַ טייל מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע; איך האָב זיי געזאָגט, אַז מיר זיינען גענוג שטאַרק און מיר קענען צוריק אַריינלאָזן די קאָמוניסטן און קעמפן קעגן זיי אינעווייניק, אין לאָקאַל. איך האָב זיי אָנגעוויזן אויף די לאָקאַלס 10, 48 און 23 וואו מען קעמפט מיט די קאָמוניסטן זייער שאַרף און אַפילו אין די פאַרכאַפּטע לאָקאַלס גיט מען ניט אויף דעם קאַמף קעגן די קאָמוניסטישע פאַרכאַפּערס. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן מיין רעדן און די באַאַמטע מיט ברעסלאַוון אין דער שפּיץ האָבן באַשלאָסן צו רעזיגנירן און אַרויסגיין מיט אַ גרויסער דערקלערונג וועגן דעם.
דעמאָלט האָב איך דערקלערט, אַז פאַרבלייבן איינער אַליין אין פעלד צו קעמפן מיט די קאָמוניסטן וועל איך ניט קענען, סאָלידאַריזיר איך זיך מיט זיי און כ׳פאַרלאָז מיין אַמט צוזאַמען מיט אַלעמען. מיר האָבן איבערגעגעבן אונדזערע רעזיגנאַציע־בריוו צום „דזשאָינט־באָארד״. מאָריס זיגמאַן האָט פאַרגעלייגט צו רופן אַ ספּעציעלע זיצונג פון „דזשאָינט־באָארד״ און דאָרטן איז ער גע־

קומען מיט אַ פּלאַן ווי אַזוי אַדורכצוקומען מיט די קאָמוניסטן; מען זאָל מאַכן נייע וואַלן אין אַלע לאָקאַלס; אין די פּאַרכאַפּטע לאָקאַלס זאָלן די איצטיקע קאָמוניסטישע באַאַמטע ניט קענען לויפן; מען זאָל אויך רופן אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן פון דער „אינטערנעשאָנעל”; דער מענעדזשער פון דער „קלאָוק־דזשאָינט־באָארד” זאָל אויסגעוויילט ווערן דירעקט דורך די מיטגלידער פון די אַלע לאָקאַלס וואָס באַלאַנגען צום „דזשאָינט־באָארד”. אָבער זיגמאַנס פּלאַן האָט נישט געטויגט, ווייל אומדירעקט וואָלט ער בלויז געהאָלפן דעם קאָמוניסטישן צד.

אין לאָקאַל 10, די קאַטערס־יוניאָן, האָבן מיר דעמאָלט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן זיג. דוד דובינסקי איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מענעדזשער פון לאָקאַל. דעם 30טן נאָוועמבער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פילאַדעלפיע אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנעל. וויליאַם גרין, וועלכער איז דעמאָלט געוואָרן פּרעזידענט פון דער „אַמעריקען פעדערייש‏אָן אָוו לייבאָר”, איז געקומען צו דער קאָנווענשאָן. ער האָט געהאַלטן אַ רעדע אין וועלכער ער האָט שטאַרק אַפּעלירט פאַר אייניקייט. די קאָמוניסטן האָבן אים געענטפערט מיט אַזאַ טומל אַז עס איז געווען אוממעגלעך צו פירן די זיצונג. אָבער זיגמאַן האָט נאָך אויך דעמאָלט אַלץ געהאַלטן, אַז דורך שלום מיט די קאָמוניסטן וועט ער קענען איינשטעלן אָרדענונג אין דער יוניאָן, כאָטש אַ סך פון אונדזערע טוערס האָבן אים כסדר געוואָרנט, אַז ער זאָל ניט האָבן קיין צוטרוי צו די קאָמוניסטן. זיגמאַן האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז נישט בלויז אין די יוניאָנס וואו זיי באַלעבאַטעווען זיינען זיי נישט טאָלעראַנט, נאָר אַפילו אין די שעפּער וואו זיי האָבן אַ מערהייט פלאָגן זיי אַזוי אונדזערע אָנהענגער, אַז מען קען ניט אויסהאַלטן זייער טעראָר און מען מוז פאַרלאָזן דעם שאַפּ. זיגמאַן האָט וועגן דעם זייער גוט געוואוסט, ווייל אַרבעטער פון די שעפּער פלעגן קומען צו אים און דערציילן וועגן די צרות וואָס זיי שטייען אויס פון די קאָמוניסטן, אָבער זיגמאַן האָט זיך עקשנותדיק געהאַלטן ביי זיינס. ער האָט געגלייבט אַז ער וועט קענען אויסמיידן אַ ברודער־קריג אין די יוניאָן־רייען.

זיגמאַן האָט געהאַט אַ סך אַנהענגערס אין אַלע לאָקאַלס, ווייל ער איז געווען אַ מענטש מיט מוט, אַן ערלעכער מענטש און האָט פאַרמאָגט אַ סך מעלות, אָבער אויך אַ סך חסרונות. ער איז געווען אַ פאָלקסמענטש. ער פלעגט זיך ניט גרויסן מיט דעם וואָס ער איז פּרעזידענט פון דער „אינטערנעשאַנעל", אָבער די מענטשן וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, פלעגן אים אונטערטראָגן פאַלשע באַריכטן, וואָס האָבן געשעדיקט די אַרבעט פון דער יוניאָן; ער פלעגט זיך צוהערן צו זיי און זיי בלינד גלייבן. די מענטשן אַרום אים פלעגן אים שטאַרק אויסנוצן און ער האָט זיך געלאָזט. ער פלעגט זיי געבן געלט פון זיין אייגענער קעשענע אָן אַ חשבון, און ווען ער פלעגט דאַרפן באַצאָלן רענט פאַר זיין אייגענער דירה, האָט ער נישט געהאַט קיין געלט און ער פלעגט מוזן באָרגן.

ווען ער איז געווען דער מענעדזשער פון „דזשאָינט־באָארד" פון די קלאָוקמאַכערס, פלעגט ער קומען אין אָפיס פאַר 9 אַזייגער אין דער פרי, בדי צו קאָנטראָלירן צי די דיסטריקט־מענעדזשערס און די ביזנעס־אַגענטן קומען אַריין אין צייט. און טאָמער איז עמעצער געקומען מיט 10 מינוט שפּעטער, האָט ער אים געמאַכט אַ שאַרפן פאַרוואורף און אַ טייל פון די פעאיקערע באַאַמטע האָבן צוליב דעם געוואָרפן די אַרבעט אין דער יוניאָן, ווייל זיי האָבן זיך געפינען באַליידיקט פון אַזאַ האַנדלונג. מיר האָבן דעמאָלט געוואוינט אין שכנות און איך פלעג אָפט אַריינקומען צו אים אין הויז; אונדזער פּערזענלעכע פריינדשאַפט האָט נאָך שטאַרק אָנ־געהאַלטן, ווייל מיר האָבן ביידע גוט געדענקט די פּיאָנערישע יאָרן ווען מיר האָבן ביידע געהאָלפן בויען די קלאָוקמאַכער־יוניאָן. איך פלעג אים דעריבער אָפן זאָגן, אַז איך בין נישט איינשטימיק מיט אַ סך פון זיינע האַנדלונגען.

איין מאָל, אין אַ זונטיק, ווען איך האָב אים באַזוכט, און מיר האָבן גערעדט וועגן דער יוניאָן, טוט ער אַ זאָג צו מיר: מאָריס, דו ביסט אַ גוטער מענטש פאַר דער יוניאָן, אָבער דו גיסט אַוועק צו פיל צייט פאַר די געגנאָסן אויף איסט־בראָדוויי, פאַר די „גע־ווערקשאַפטן", פאַר די קאַמפּיינס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פאַר אַנדערע יוניאָנס, און דיין אַרבעט אַלס ביזנעס־אַגענט

ווערט פאַרנאַכלעסיקט. האָב איך אים אויפגעוויזן אַז דאָס איז נישט ריכטיק, אַז איך טו אָפּ מיין אַרבעט שנעלער, ווייל איך האָב אַ סך פּראַקטיק, און אַז די אַלע אינסטיטוציעס אין וועלכע איך בין טעטיק, זיינען זייער נוצלעך פאַר דער יוניאָן, ווייל אָן זיי וואָלט די יוניאָן נישט דערגרייכט דאָס וואָס זי האָט דערגרייכט. איך האָב אים דערמאָנט אַז ווען ניט די הילף פון די „געווערק־שאַפטן", פון „פאָרווערטס", פון אַרבעטער־רינג און פון די סאָציאַליסטן וואָלטן אונדזערע סטרייקן, אָנהייבנדיק פון סטרייק פון די ליידיס ווייסט־מאַכערס אין 1909, דעם גענעראַל־סטרייק פון די קלאָוקמאַכערס אין 1910 און אַ סך אַנדערע סטרייקן, נישט געווען אַזוי דערפאָלגרייך. אויף דעם האָט ער געענטפערט, אַז איך בין ניט קיין גוטער פּאָליטיקער, ווייל אויב מען איז איבער־געגעבן צו איין אָרגאַניזאַציע קען מען שטייגן העכער. אין דעם פּרט איז זיגמאַן געווען דער היפּוך פון שלעזינגער. שלעזינגער איז געווען אַ סאָציאַליסט. אים האָט אויך אינטערעסירט דער „פאָרווערטס", דער אַרבעטער־רינג און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און ער האָט גוט אָפּגעשאַצט וואָס זיי באַדייטן פאַר די יוניאָנס. שלעזינגער פלעגט האָבן אַ ספּעציעל פריינדלעכע באַציאונג צו די באַאַמטע פון דער יוניאָן, וועלכע האָבן אויך באַלאַנגט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָדער צום אַרבעטער־רינג, אָדער צו די „געווערקשאַפטן". אָבער שלעזינגער האָט געהאַט אָן אַנדער חסרון אַלס פּרעזידענט: ווען די גענעראַל־עקזעקוטיווע, אָדער איינצלנע הויכע באַאַמטע, אָדער דער „דזשאָינט־באָארד" פלעגן נישט זיין מסכים מיט אים, פלעגט ער שטענדיק נוצן זיין אַלט געווער — ער פלעגט סטראַשען מיט רעזיגנירן. אַ פּאָר מאָל האָב איך אים געפרעגט פאַרוואָס ער טוט דאָס. פלעגט ער מיר ענט־פערן, אַז עס איז פאַראַן צופיל פּאָליטיקאַנסטווע אין אונדזער יוניאָן. אין משך פון די לאַנגע יאָרן וואָס איך בין געווען אַ באַ־אַמטער פון דער יוניאָן, האָב איך אָפּגעשאַצט שלעזינגערן אַלס איינעם פון די ענערגישסטע, אינטעליגענטסטע און פריינדלעכ־סטע מענטשן, וואָס זיינען ווען עס איז געווען צווישן די העכסטע באַאַמטע פון אונדזער יוניאָן. מיר האָבן צוזאַמען באַלאַנגט צו

דער „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן און צו אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, און אומעטום האָב איך זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג. און איך פלעג אויך אונטערשטיצן זיין פּאָליטיק אין דער יוניאָן. ער האָט געהאַט געוואַלדיקע פאַרדינסטן פאַר דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג, נישט בלויז פאַר אונדזער יוניאָן.

אין 1924 ווען מיר, די באַאַמטע פון „דזשאָינט־באָארד" האָבן רעזיגנירט פון דער אַרבעט, האָבן מיר אַלע דורכגעלעבט זייער אַ שלעכטע צייט. עטלעכע זיינען געוואָרן אינשורענס־אַגענטן, אַנ־דערע זיינען אַוועק אין ביזנעס; אַוועקגיין אין שעפּער האָבן מיר ניט געקענט, ווייל די קאָמוניסטן וואָלטן ניט געלאָזט אונדז געבן קיין אַרבעט. איך בין דעמאָלט געגאַנגען זיך באַראַטן מיט וולאַדעקן וואָס איך זאָל טאָן און ער האָט מיך אָנגעשטעלט צו אַרבעטן פאַר 30 דאָלאַר אַ וואָך (וולאַדעק איז געווען מענעדזשער פון „פאָר־ווערטס"). איך האָב לאַנג דאָרט ניט געאַרבעט, ווייל די עקזע־קוטיווע פון די „געווערקשאַפטן" האָט פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל נעמען אָרגאַניזירן די פיש־אַרבעטער. איך האָב טאַקע אָרגאַניזירט אַ פיינע יוניאָן. זיי האָבן מיר געצאָלט 35 דאָלאַר אַ וואָך. איך האָב דורכגעפירט אַ ריי איינצלנע סטרייקן פון פישער־אַרבעטער און איך האָב זיי אַלע געוואונען.

איין מאָל קריג איך אַ בריוו פון קאָמוניסטישן מענעדזשער פון מיין פּרעסער־לאָקאַל 35 איך זאָל קומען צו דער עקזעקוטיווע. איך בין אַוועק צו זיגמאַנען און אים געפרעגט וואָס איך זאָל טאָן, צי זאָל איך גיין. ער האָט מיר געראַטן גיין און לאָזן אים וויסן וואָס זיי ווילן פון מיר. ווען איך בין געקומען צו דער עקזעקוטיווע האָבן זיי מיך באַלד אויפגענומען און אַפילו געהייסן זיך זעצן. דער טשערמאַן האָט מיך געפרעגט מיט וואָס פאַר אַ רעכט האַלט איך אַ יוניאָן־ביכל, ווען איך אַרבעט ניט ביים פאַך. מיין ענטפער איז געווען, אַז איך אַרבעט פאַר אַ יוניאָן, וואָס איז אָנגעשלאָסן אין די „געווערקשאַפטן", און אַזוי ווי אונדזער לאָקאַל 35 איז אויך דאָרט אָנגעשלאָסן, קען איך דעריבער זיין אַ מיטגליד פון לאָקאַל. איך האָב זיי געזאָגט, אַז אויב זיי וועלן מיר געבן אַ דזשאָב אַלס פּרעסער, וועל איך גערן גיין אַרבעטן. זיי האָבן מיר

אויך דערקלערט, אַז אויב איך וויל זיין אַ דעלעגאַט פון לאָקאַל צו די „געווערקשאַפטן״, מוז איך דאָרט פאַרטרעטן זייער פּאָליטיק. האָב איך זיי דערקלערט, אַז דעם לאָקאַל קען איך פאַרטרעטן, אָבער ניט זייער קאָמוניסטישע פּאָליטיק. האָבן זיי באַשלאָסן מיך צוריקצוציען אַלס זייער דעלעגאַט צו די „געווערקשאַפטן״. אָבער קיין אַנדערן אויף מיין אָרט האָבן זיי ניט געשיקט. איך בין דעמאָלט געוואָרן אַ דעלעגאַט צו די „געווערקשאַפטן״ פון דער פּישאַרבעטער יוניאָן. איך בין געקומען צו זיגמאַנען און כ׳האָב אים איבערגעגעבן וועגן אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט ביי דער קאָמוניסטישער עקזעקוטיווע. איך בין געווען אין זייער אַ טרויעריקער שטימונג און איך האָב אים דערמאָנט די צייטן ווען מירביידע האָבן געהאָלפן בויען דעם לאָקאַל 35. וויפל ליידן מיר האָבן צוזאַמען איבערגעטראָגן און איצט ווערט די יוניאָן רעגירט פון די קאָמוניסטן. זיגמאַן איז אָפּגעקומען מיט אַ קרעכץ.

## קאַפּיטל 25

אין מאַי 1926 האָט די קלאָוקמאַכער־יוניאַן זיך געווענדט צו די באַלעבאַטים וועגן אַ נייעם אָפּמאַך. נאָך אַ ריי קאָנפערענצן מיט זייער „אַסאָסיאיישאָן” און מיט דעם גאָווערנאָרס קאָמיסיע, האָט דער „דזשאָינט־באָארד” באַשלאָסן אויסצוקלייבן אַ קאָמיסיע וואָס זאָל אונטערהאַנדלען וועגן די פאָדערונגען פון דער יוניאָן. אַז אויב די באָסעס וועלן ניט נאָכגעבן, זאָל מען רופן אַן אַלגעמיינעם סטרייק. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן מען זאָל רופן אַ מיטינג פון די שאַפּ־טשערלייט און נאָך דעם אַדורכפירן אַ רעפערענדום צווישן די קלאָוקמאַכער. איך בין געגאַנגען צו דעם דאָזיקן מי־טינג, וואָס איז פאָרגעקומען אין קופּער־יוניאָן, כאָטש איך בין שוין נישט געווען טעטיק אין דער יוניאָן, ווייל מען האָט געלאָזט וויסן אַז הילקוויט און זיגמאַן וועלן אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן די באַשלוסן פון דער קאָמיסיע און איך בין געווען נייגעריק צו וויסן וואָס פאַר אַ פאָדערונגען די קאָמיסיע רעקאָמענדירט. זיגמאַן איז צו דעם מיטינג ניט געקומען. הילקוויט אַליין האָט פאַרטיידיקט די רעקאָמענדאַציע פון דער קאָמיסיע איינצוגיין אויף קאָמפּראָ־מיסן, אָבער די טשערלייט האָבן די רעקאָמענדאַציע אָפּגעוואָרפן און האָבן באַשלאָסן צו סטרייקן פאַר אַלע פאָדערונגען: באַגרע־נעצן די קאָנטראַקטאָרס, 40 שעה אַ וואָך אַרבעט, גאַראַנטירטע 36 וואָכן אַרבעט אַ יאָר און אַ לוין־העכערונג. די שאַפּ־טשערלייט האָבן אָפּגעוואָרפן די פאָרשלאַגן פון דער קאָמיסיע אונטערן דרוק פון די קאָמוניסטן, ווייל די קאָמוניסטן האָבן שוין דעמאָלט באַ־הערשט די גאַנצע קלאָוקמאַכער־יוניאָן.

דעם 29טן יוני האָט די יוניאָן גערופן אַ מאַסן־מיטינג אין מעדיסאָן סקווער־גאַרדען צו מאָביליזירן די קלאָוקמאַכער און

צו באַשליסן אַז דעם ערשטן יולי זאָל מען אַרויסגיין אין אַ גענע־ראַל־סטרייק. איך בין געגאַנגען אויך צו דעם דאָזיקן מיטינג. קומענדיק נאָענט צום מעדיסאָן סקווער־גאַרדען, האָבן מיר קלאָוק־מאַכער געזאָגט, אַז איך זאָל בעסער גיין צוריק, ווייל קאָמוניסטישע באַיאַנעס שטייען ביים אַריינגאַנג און לאָזן ניט אַריין קיינעם פון די רעכטע. איך בין אָבער יאָ צוגעגאַנגען, כדי זיך איבערצוצייגן צי דאָס איז אמת. מען האָט מיך טאַקע ניט אַריינגעלאָזט און מען האָט נאָך מיר דערצו אָנגעזאָגט אין אַ שטרענגן טאָן, אַז איך זאָל זיך אין גאַנצן אָפּטראָגן פון דער גאַס, אַז ניט וועל איך חרטה האָבן. איך בין טאַקע באַלד אַוועק, ווייל איך האָב גאַנץ גוט פאַר־שטאַנען וואָס דאָס מיינט... דעם ערשטן יולי 1926 זיינען 40 טויזנט קלאָוקמאַכער אויפגעפאָדערט געוואָרן דורך דער יוניאָן זיי זאָלן אַרויס אין סטרייק. די מערהייט קלאָוקמאַכער זיינען ניט געווען צופרידן פון דעם סטרייק, זיי האָבן אָבער ניט געוואָלט בלייבן קיין סקעבס און האָבן געפאָלגט דעם רוף פון דער יוניאָן. אַלע זיינען אַראָפּ פון די שעפער. דער גאָווערנאָר סמיט האָט פאַר־געשלאָגן ביידע צדדים אַן אַרביטראַזש. די יוניאָן האָט אָבער אָפּ־געוואָרפן דעם פאָרשלאָג. האָט סמיט גערופן אַ קאָנפערענץ וועגן קומען צו אַן אויסגלייך, אָבער ער האָט גאָרניט געקענט אויפטאָן. די קאָמוניסטישע פירער פון סטרייק און זייערע נאָכלויפערס האָבן פון גאָר נישט געוואָלט וויסן. אָבער ווען דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשלעפּן בין איך געקומען צו זיגמאַנען און כ'האָב אים געזאָגט, אַז נישט געקוקט אויף אַלעם, וויל איך צו־העלפן אין סטרייק. האָט ער מיר דערקלערט, אַז איך וועל דאַרפן נעמען באַפעלן פון די קאָמוניסטן און זיי וועלן האָבן אַן אויג אויף מיר, צי איך פיר אויס זייערע אינסטרוקציעס. ער האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג טוט ווייניק פאַר דעם סטרייק. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז ער האָט באַ־שטעלט אַ קאָנפערענץ מיט אב. קאַהאַן און מיט פאָרשטייערס פון אַנדערע יוניאָנס. זיגמאַן האָט אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ מודה געווען, אַז זיינע שלום־באַמיאונגען מיט די קאָמוניסטן האָבן זיך ניט איינגעגעבן, און ער האָט אויסגעדריקט זיין ווילן צו שטיין

פון איצט אָן אין אַ נעגטערן קאָנטאַקט מיט דער רעכטער אַרבע־טער־באַוועגונג.

פיינסטאָן איז אַנוועזנד געווען ביי דעם צוזאַמענקונפט און ער האָט וועגן דעם באַריכטעט אויף דער עקזעקוטיווע פון די „גע־ווערקשאַפטן".

נאָך דער דאָזיקער באַראַטונג איז גערופן געוואָרן אַ גרויסע קאָנפערענץ פון אַלע יוניאָנס, אַרבעטער־רינג און סאָציאַליסטישע ברענטשעס און מען האָט דאָרט באַשלאָסן, אַז די אַרבעטער פון אַנדערע יוניאָנס זאָלן זיך באַשטייערן פאַר די סטרייקנדיקע מיט אַ דאָלאַר אַ וואָך און די יוניאָן־באַאַמטע מיט אַ טאָג־לוין אַ וואָך. די רעכטע באַוועגונג האָט אַזוי אַרום געשאַפן 50 טויזנט דאָלאַר פאַרן סטרייק. טייל באַלעבאַטים פון שעפער האָבן זיך אָפּגעריסן פון די „מאַנופעקטשורערס־אַסאָסיאיישאָן" און זיינען אַדורכגע־קומען מיט דער יוניאָן. רייזמאַן און ראָטמאַן זיינען געווען די ערשטע פון דעם מין. האָבן די אַרבעטער פון די דאָזיקע שעפער זיך באַשטייערט מיט אַ טאָג־לוין אַ וואָך פאַר די סטרייקנדיקע. אין משך פון אַ קורצער צייט איז צוזאַמען געזאַמלט געוואָרן 150 טויזנט דאָלאַר.

אין מיטן סטרייק האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע רייסערייען צווישן די סטרייקערס, און דער עיקר צווישן די פירערס פון סטרייק. עס איז געקומען צו געשלעגן. מען האָט באַשולדיקט די פירערס פון סטרייק אַז זיי פאַרטאַכלעווען יוניאָן־געלט אויף רעכטס און אויף לינקס. די יוניאָן האָט געהאַט „סעקיוריטיס" פון די מאַנופעקטשורערס, וואָס די יוניאָן האָט באַקומען ווי אַ פאַר־זיכערונג אַז דער אָפּמאַך וועט נישט געבראָכן ווערן, האָבן די קאָמוניסטן פאַרטאַכלעוועט אויך די דאָזיקע „סעקיוריטיס".

אויפן פינפטן חודש פון סטרייק, אין נאָוועמבער, האָט מען מיט דער הילף פון זייטיקע מענטשן צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ פון דער „אינטערנעשאָנעל" מיט דער „מאַנופעקטשורערס אַסאָסי־איישאָן", כדי צו קומען צו אַן אויסגלייך. מען האָט זיך געמוזט איינינקן אויף אַ קאָמפּראָמיס, וועלכער איז געווען אַ סך ערגער, ווי דער וואָס גאָווערנאָר סמיט האָט פאָרגעלייגט באַלד אין אָנהייב

פון סטרייק. די וויכטיקסטע פונקטן פון קאָמפּראָמיס־אָפּמאַך — אויף גאַנצע דריי יאָר — זיינען געווען: 42 שעה אַ וואָך אַרבעט; אַ באַס מעג אָפּזאָגן 10 פּראָצענט פון די אַרבעטער וואָס ער באַ־שעפטיקט; אין 1928 זאָל ערשט איינגעפירט ווערן אַ 40 שעהדיקע אַרבעטס־וואָך; אַ לוין־הוספה פון 1 ביז 4 דאָלאַר אַ וואָך; באַ־גרענעצונג פאַר קאָנטראַקטאָרס ווערט אָנגענומען בלויז אין פּרינ־ציפּ. אַט אַ דעם קאָמפּראָמיס זיינען די קלאָוקמאַכערס געצוואונגען געווען אָנצונעמען נאָך 5 חדשים סטרייקן און דערצו נאָך אָנצונ־עמען דורך אַ רעפערענדום. די באָסעס האָבן אָבער סאַבאָטירט אויך דעם דאָזיקן אָפּמאַך און אין פאַך איז געוואָרן אַ כאַאָס. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט פאַנאַנדערגעפלאַקערט נאָך אַ שאַר־פערן ברודער־קריג, קאָמוניסטישע שלעגער פלעגן באַפאַלן אומ־שולדיקע קלאָוקמאַכער. די לאַגע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. אין דעצעמבער האָט די „אינטערנעשאָנעל״, אויפן פאַרלאַנג פון די קלאָוקמאַכער, גערופן אַ מיטינג אין קופּער־יוניאָן. דער מיטינג איז געווען זייער אַ שטורעמדיקער. די אַרבעטער האָבן פאַרלאַנגט אַז אַלע קאָמוניסטישע באַאַמטע פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן זאָלן רעזיגנירן. זיי האָבן פּשוט די קאָמוניסטן נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. די קאָמוניסטן האָבן געברענגט פאַרשטאַרקונגען. פאָסטער און רוטענבערג זיינען ספּעציעל געקומען פון שיקאַגאָ זיי צו העלפן.

די מלחמה האָט זיך דעמאָלט אויף אַן אמת צעפלאַקערט: פּרעזידענט זיגמאַן האָט אַרויסגעלאָזט אַן אַפּעל צו אַלע קלאָוק־מאַכערס זיי זאָלן זיך אָפּטרייסלען פון די קאָמוניסטן. ווי אַן ענט־פער אויף דעם האָבן די קאָמוניסטן גערופן אַ מיטינג אין מעדיסאָן סקווער־גאַרדען. אַריינגעלאָזט האָט מען נאָר קאָמוניסטן און זייערע נאָכלויפערס. און זיי האָבן באַלד געגרינדעט אַן אָפּאָזיציע־יוניאָן פון אַלע נאָדל־פאַכן. די „פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן״ האָבן דערויף געענטפערט מיט רופן אַ קאָנפערענץ פון דער גאַנ־צער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאָ־מיטעט צום שוץ קעגן די קאָמוניסטישע שלעגער. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אונדזער יוניאָן גערופן אַ מיטינג אין קופּער־

יוניאָן. די שטימונג איז געווען אַ ענטוזיאַסטישע און מען האָט געשוואוירן טרייהייט צו דער „אינטערנעשאָנעל". די נייע קאָמו־ניסטישע שפּליטער־יוניאָן האָט אויפגעפּאָדערט די באָסעס זיי זאָלן ניט אַריינלאָזן אין די שעפּער די באַאַמטע פון דער קלאָוק־מאַכער־יוניאָן. אויף דעם האָט די „אינטערנעשאָנעל" געענטפערט מיט אַן אויפפאָדערונג צו אַלע שאַפּ־טשערלייט זיי זאָלן רעגיס־טרירן זייערע שעפּער אין אונדזער יוניאָן. די „אינטערנעשאָנעל" האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג צו די באַלעבאַטים, אַז זי וועט גוטמאַכן אַלע חובות פאַר די „סעקיוריטיס", וואָס די קאָ־מוניסטן האָבן פאַרטאַכלעוועט. ווי אויך אַ דערקלערונג צו די אַרבעטער, אַז עס וועלן זיי געשענקט די חובות פאַר „דיוס" (מיט־גלידס־אָפּצאָל), וועלכע זיי האָבן ניט געקענט באַצאָלן.

אָנהייב 1927 האָט מאָריס זיגמאַן גערופן אַ מיטינג פון אַלע געוועזענע באַאַמטע פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן, וועלכע זיינען אַוועק ווען די קאָמוניסטן האָבן באַלעבאַטעוועט אין דער יוניאָן, די באַאַמטע וואָס זיינען אַוועק פון לאָקאַל 35 און אַ טייל אַקטיווע טוערס פון לאָקאַל האָבן דעמאָלט געהאַט אָרגאַניזירט אַ קלוב און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן „דאָנט וואָרי קלאָב". אין שפּיץ פון קלוב איז געשטאַנען יוסף ברעסלאַוו, איך האָב אויך אַקטיוו אָנטיילגענומען ביים אָרגאַניזירן דעם קלוב. מיר פלעגן זיך צו־זאַמענקומען אין פּריוואַטע וואוינונגען, אַ שטייגער ביי טשאַרלי אַראָנסקי, מאַקס קאַראַלינסקי, הערי סלוצקי, יוסף ברעסלאַוו און טייל מאָל ביי אַקטיווע מיטגלידער פון לאָקאַל 35 ווי סעם מילאָוו־סקי, מאַקס קאַן, וואַסילעווסקי, שלאַקמאַן און ביגעל. ווען זיגמאַן האָט זיך איבערצייגט, אַז דער שלום מיט די קאָמוניסטן האָט אים פאַרפירט צו ווייט און ער קען זיך שוין אַליין מיט זיי קיין עצה נישט געבן, האָט ער גערופן אונדז, די אַלטע טוערס און בויער פון לאָקאַל 35, אַז מיר זאָלן אים העלפן באַשיצן די „אינטערנע־שאָנעל" פון די קאָמוניסטישע צעברעכער. און מיר, די מיטגלי־דער פון „דאָנט וואָרי קלאָב", האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט און מיר האָבן אויפגעטאָן פּשוט וואונדער, ניט נאָר פאַר דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער יידישער אַרבע־

טער־באַוועגונג. עס האָט זיך ביי אונדז צעפּלאָקערט דער אַלטער פּיאָנערן־גייסט פון דער קאַמפּס־בריגאַדע פון 1910.

אויך אין אַנדערע לאָקאַלס וואָס די קאָמוניסטן האָבן פאַר־כאַפּט, זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן קלובן ענלעכע ווי אונדזערע און אויך צו זיי האָט זיגמאַן זיך געווענדט וועגן הילף. און מיט די אַלע כוחות צוזאַמען איז געלונגען צו רעאָרגאַניזירן די לאָ־קאלס פון „אינטערנעשאָנעל״. עס זיינען צוריק גערופן געוואָרן די באַאַמטע וועלכע האָבן רעזיגנירט ווען די קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן דאָרט באַלעבאַטעווען און די דאָזיקע אַלטע פּיאָנערן האָבן צוריק אויפגעבויט די קלאָוקמאַכער־יוניאָן. אָבער דער קאַמף מיט דער קאָמוניסטישער סקעב־יוניאָן האָט זיך אַלץ מער און מער פאַנאַנדערגעפּלאָקערט.

אַ געוויסן טאָג, דאָס איז געווען אין יאַנואַר 1927, האָט מען אונדז באַריכטעט, אַז אין אַ טייל שעפּער וואו די קאָמוניסטן האָבן אַ מערהייט אַרבעטער, לאָזן זיי נישט צו צו דער אַרבעט די מיט־גלידער פון אונדזער קלאָוקמאַכער־יוניאָן. צו מאָרגנס איז אַ גרויסע גרופּע פון אונדזערע קלובן אַוועק אין גאַרמענט־צענטער, כדי צו שיצן אונדזערע מיטגלידער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע שחיטה פון די קאָמוניסטן אויף אונדזערע קלאָוקמאַכערס. מיר, פון אונדזער זייט, האָבן זיך ניט געלאָזט און עס האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע מלחמה. אַ סך פון אונדזערע האָבן באַקומען מעסער־שטעך פון די קאָמוניסטישע גענגסטערס. אַ טייל האָט מען אַפילו געמוזט צונעמען אין שפּיטאָל אַריין. צווישן די קרבנות זיינען געווען מאַקס קאַטץ און סעם מילאָווסקי, אַקטיווע טוערס פון לאָקאַל 35. אַ טייל פון זיי זיינען געווען אַזוי צעשטאָכן אַז אין שפּיטאָל האָט מען געמוזט זיי פאַרנייען די וואונדן. אַ פּאָר טעג נאָך דעם, סוף יאַנואַר, 1927, זיינען גערופן געוואָרן צוויי גרויסע פאַרזאַמלונגען, אין דער 69ער און 71ער „אַרמאָריס״. זיגמאַן האָט עפנטלעך באַשולדיקט די קאָמוניסטן אַז זיי האָבן פאַרטאַכלעוועט אויפן סטרייק 3 מיליאָן דאָלאַר. ער האָט דערקלערט, אַז די „אינ־טערנעשאָנעל״ פאָדערט כסדר פון די קאָמוניסטן אַ רעכענונג פון די געלטער — און זיי גיבן ניט. אויף די דאָזיקע צוויי מיטינגען

האָבן די קלאָוקמאַכערס אַרויסגעוויזן זייער איבערגעגעבנקייט צו דער „אינטערנעשאַנעל" און זייער גרייטקייט צו קעמפן פאַר דער יוניאָן, אַזוי ווי אין דעם גרויסן יאָר 1910. דעם 12טן פעברואַר, ס'איז געווען אַ שבת, האָבן קאָמוניסטישע קלאָוקמאַכער זיך אַ לאָז געטאָן איבער די שעפּער צו פאַרכאַפּן די אַרבעטס־פּלעצער, אָבער מיר האָבן זיי פאַרטריבן פון גאַרמענט־צענטער. קאָמוניסטן האָבן אויך געפּרואווט אַרויסקריגן אַן „אינדזשאַנקשאַן" פון געריכט קעגן דער „אינטערנעשאַנעל", אָבער זיי זיינען אויך אין דעם דורכגעפאַלן.

אין משך פון דער צייט וואָס מען האָט רעאָרגאַניזירט אַלע לאָקאַלס, זיינען די אַלע באַאַמטע וואָס האָבן אַמאָל געהאַט רעזיגנירט, צוריקגעקומען צו דער אַקטיווער אַרבעט. זיגמאַן האָט באַשטימט וואַסילעווסקין צו זיין דער צייטווייליקער מענעדזשער פון לאָקאַל 35 ביז צו די נאָענטסטע וואַלן, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן אויף פעברואַר. אַ טייל לאָקאַלס זיינען פאַראַרעמט געוואָרן בעת דער קאָמוניסטישער ממשלה און זיי האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן דעם רענט פאַרן אָפיס, האָט די עקזעקוטיווע פון דער יוניאָן גערופן אַ דרינגנדיקן מיטינג פון די אַקטיווע טוערס. יוסף ברעסלאַוו, וואָס האָט געפירט דעם מיטינג, האָט פאַרלאַנגט אַז אַלע אָנוועזנדיקע זאָלן אַנטלייען געלט דער יוניאָן. און עס זיינען באַלד דעקלאַרירט געוואָרן פאַר דער יוניאָן שיינע עטלעכע טויזנט דאָלאַר. איין אַקטיווער מיטגליד, שאַצמאַן, האָט אַרויסגענומען אַ צווייטן מאָרטגעדזש (היפּאָטעק) אויף זיין פּריוואַטער היים און האָט געליען דער יוניאָן גאַנצע 5 טויזנט דאָלאַר. ביי דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָט זיך געפילט אַן אויסערגעוויינטלעכע איבערגעגעבנקייט צו דער יוניאָן. מען האָט באַשיינפּערלעך געקענט זען די גרויסע געטריישאַפט פון דעם פּשוטן פאָלקס־מענטש צו דער יוניאָן און ווי ער פילט זיך גליקלעך וואָס מען איז פּטור געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער באַנדע. כאָטש מען האָט נאָך געדאַרפט קעגן זיי פירן אַ שווערן קאַמף אין דער אַלגעמיינער יוניאָן, אָבער אין אונדזער לאָקאַל 35 האָבן די קאָמוניסטן שוין געהאַט פאַרלוירן דעם גאַנצן אָנהאַלט ביי דער מיטגלידערשאַפט.

אין דער זעלביקער צייט האָט די „אינטערנעשאַנעל" אַרויס־געגעבן אַ פאַראָרדענונג צו אַלע לאָקאַלס דורכצופירן נייע וואַלן. אַ געוויסן טאָג האָט מאָריס זיגמאַן מיר געלאָזט וויסן, אַז ער וויל זייער נייטיק מיך זען. איך קום צו אים און ער הייבט מיט מיר אָן צו רעדן וועגן אַ מענעדזשער פאַרן לאָקאַל 35 און ער לייגט מיר פאָר אַז איך זאָל זיין דער קאַנדידאַט פאַר מענעדזשער. איך דערקלער זיגמאַנען, אַז איך דאַנק אים זייער פאַר זיין צוטרוי צו מיר אָבער איך קען נישט אָננעמען זיין פּראָפּאָזיציע. פרעגט ער מיך: פאַרוואָס? ענטפער איך אים, אַז ער אַליין האָט דאָך באַשטימט יוסף ברעסלאַו צו ווערן דער פירער פון דעם „דאָנט וואָרי קלאָב" פון לאָקאַל 35 און דער דאָזיקער קלוב וויל אים, ברעסלאַוון, פאַר מענעדזשער. אַפילו איצט, ווען וואַסילעווסקי איז צייטווייליק מענעדזשער, האָט דער קלוב באַשלאָסן, אַז ברעס־לאַו זאָל האָבן אַן אויג אויף וואַסילעווסקיס אַרבעט. זיגמאַן איז געוואָרן אויפגערעגט, ווי זיין נאַטור איז געווען, ווען ער פלעגט וועלן דורכפירן עפּעס אַ זאַך און ער האָט אָנגעטראָפן אויף שטע־רונגען. איך האָב אים ווייטער געזאָגט, אַז ברעסלאַו איז מיינס אַ נאָענטער פריינד און איך פיל אַז איך דאַרף זיין צו אים לאָיאַל. ווען איך האָב אין 1916 רעזיגנירט פון דער יוניאָן און שלעזינגער האָט אין 1917 מיך צוריק גערופן, האָט ברעסלאַו דעמאָלט דער־קלערט, אַז פאַר גאָלדאָווסקין איז די טיר פון לאָקאַל 35 שטענ־דיק אָפן, און ער דאַרף ניט וואַרטן אויף וואַלן, כדי צוריק צו קומען צו דער אַקטיווער אַרבעט. מוז איך איצט זיין צו אים לאָיאַל און אויב ער לויפט פאַר מענעדזשער, וועל איך נישט לויפן קעגן אים. זיגמאַן האָט מיך ווייטער נישט געלאָזט רעדן. ער איז געוואָרן אויפגעבראַכט און האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן ברעסלאַוון אויף אַ באַליידנדיקן אופן.

צו מאָרגנס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון לאָקאַל 35. זיגמאַן איז געקומען צו דער זיצונג און גערעדט וועגן אַ מענעדזשער. ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט געהאַט איין גוטן פריינד אין לאָקאַל 35, מאָריס גאָלדאָווסקי, איז ער אויך געוואָרן זיינער אַ קעגנער. איך האָב דערקלערט, אַז פריינדשאַפט

האָט נישט צו טאָן מיט פאַרשיידנקייט פון מיינונגען. איך האָב אַלע מאָל געהאַלטן, אַז מיין פריינד זיגמאַן איז אַן ערלעכער און פעאיקער מענטש. יעדער מענטש פאַרמאָגט אין זיך גוטע און שלעכטע זייטן, נאָר אין זיגמאַנען וועגן די גוטע זייטן אַריבער די שלעכטע. פערזענלעך האָב איך נאָך אָנגעהאַלטן מיין פריינד־שאַפט צו אים אויך נאָכן אינצידענט.

אין די וואַלן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין לאָקאַל, בין איך דערוויילט געוואָרן אַלס ביזנעס־אַגענט. די דזשאָינט־באָארד האָט מיך געשיקט אַלס מענעדזשער אין בראָנזווילער אָפיס, וואָס האָט זיך געפונען אין לייבאָר־לייסעאום. מען האָט מיר געגעבן צו הילף צוויי ביזנעס־אַגענטן. דעמאָלט האָט דער לאָקאַל 91 (קינדער־באַקליידונג) נאָך ניט געקענט אויסהאַלטן אַן אייגענעם אָפיס האָט דער „דזשאָינט־באָארד" דערלויבט, אַז זיי זאָלן האָבן אַ ווינקל מיט אַ שרייבטיש אין אונדזער אָפיס, און דערפאַר האָט בערקאָ־וויטש, דער מענעדזשער פון לאָקאַל 91, מיר אַרויסגעהאָלפן. צו יענער צייט זיינען געווען אַ סך קאָנטראַקטאָרס אין בראָנזוויל, ווי אויך עטלעכע „אינסייד" שעפּער. געוואוינט האָב איך דעמאָלט אין די בראָנקס און דאָס פאָרן אַהין און צוריק פלעגט מיר פאַר־שלינגען מער ווי 3 שעה אַ טאָג. און אַחוץ דעם בין איך נישט געווען צופיל צופרידן מיט דער אַרבעט. האָב איך גערעדט מיט ברעסלאַוון, אַז ער זאָל זיך באַמיען ביי דעם „באָארד אָוו דירעק־טאָרס" מיך אָוועקצונעמען פון בראָנזוויל. אָבער ברעסלאַוו האָט מיר אויפגעוויזן, אַז אונדזער לאָקאַל איז פאַראינטערעסירט צו האָבן אונדזערס אַ זיכערן מענטש אַלס מענעדזשער אין בראָנזוויל. און איך האָב צוגעשטימט אַז ער איז גערעכט. עס איז ניט גע־ווען קיין גרינגע זאַך צו האָבן די אויפזיכט איבער די בראָנזווילער שעפּער. צו יענער צייט איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף אין דער „אַמע־ריקען אַסאָסיאיישאַן אָוו מאַנופעקטשורערס": די ברוקלינער קאָנ־טראַקטאָרס (צו וועלכע אויך די בראָנזווילער האָבן באַלאַנגט) האָבן געוואָלט אַן אייגענע אַסאָסיאיישאַן. זיי האָבן פאַרלייגט אַן אייגענעם אָפיס, האָט די „אַמעריקען" געשיקט אירס אַ מענטשן, אַ געוויסן אירווינג שערמאַן, צו דעם איטאַליענישן פאַרשטייער

פון די ברוקלינער קאָנטראַקטאָרס. ער האָט געאַרבעט מיט געלט און דורכן געריכט, און עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט ביז דער אָפיס פון די קאָנטראַקטאָרס אין ברוקלין איז אָפּגעשאַפט געוואָרן און די ברוקלינער ענינים זיינען ווידער אַריבער צום ניו יאָרקער אָפיס. מען מוז דאָ צוגעבן, אַז די „אַמעריקען אַסאָסיאיישאָן", אַדאַנק איר פעאיקן מענעדזשער, הערי יואווילער (דעם איצטיקן „אימפּארשל טשערמאַן" פון דער דרעס־אינדוסטריע), ווי אויך דער „אינדאָסטריעל קאונסיל אַסאָסיאיישאָן", אַדאַנק איר דירעק־טאָר, סעם קליין — האָבן אַ סך אַרויסגעהאָלפן אונדזער קלאָוקמאַ־כער־יוניאָן איינצושטעלן אָרדענונג און יושרדיקע באַציאונגען אין דער אינדוסטריע.

## קאַפּיטל 26

דאָס יאָר 1928 איז געווען אַ יאָר פון וויכטיקע פּאַסירונגען אין לעבן פון די יוניאָנס. די קלאָוקמאַכער האָבן באַשלאָסן צו קלייבן אַ פּערמאַנענטן סטרייק־פּאָנד. מען האָט גערופן אַ מיטינג פון די שאַפּ־טשערלייט. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן מען זאָל אָפּגעבן צוויי שבתים אַרבעט פאַרן פּאָנד. עס איז אַריינגעקומען אַ גרויסע סומע געלט. אין חודש מאַי 1928 איז אין באָסטאָן פאָרגעקומען אַ קאָנווענשאָן פון דער „אינטערנעשאָנעל" וואו איך האָב זיך אויך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צוריק צו באַנייען די אַקציע פאַר 40 שעה אַרבעט אַ וואָך אין דער קלאָוק־אינדוסטריע און נישט אָפּשטעלן זיך אַפילו פאַר אַ גענעראַל־סטרייק. אַ פּונקט וועגן איינפירן אַ 40 שעהדיקע אַרבעטס־וואָך האָט זיך שוין געפונען אין דעם אָפּמאַך פון 1926 אָבער די באַסעס האָבן זיך ניט געמאַכט וויסן וועגן דעם. די קאָנווענשאָן האָט אויך אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן שטיק־אַרבעט און האָט באַטראַכט אַ געוויסע צאָל ווענדונגען פון אַרבעטער וואָס האָבן זיך אַנטוישט אין די קאָמוניסטן און האָבן זיך איצט געווענדט מען זאָל זיי צוריק אַריינעמען אין דער „אינטערנעשאָנעל". די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו דערקלערן אַן אַמנעסטיע און דערלויבן זיי אַלע אַריינצוטרעטן צוריק אין אונדזערע לאָקאַלס. זיגמאַן און באַראָף זיינען ווידער אויסגעוויילט געוואָרן, דער ערשטער — פאַר פּרעזידענט און דער צווייטער — פאַר גענעראַל־סעקרעטאַר, בען שלעזינגער — פאַרן ערשטן וויס־פּרעזידענט.

אויף דער דאָזיקער קאָנווענשאָן איז אויך פאַרהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן לאָקאַל 17, וואו י. העלער איז געווען מענעדזשער. דער קאַמף צווישן דעם ריפּערמאַכער לאָקאַל 17 און די קלאָוק־אָפּערייטאָרס איז אָנגעגאַנגען שוין אַ לאַנגע צייט פריער. די קלאָוק־אָפּערייטאָרס האָבן געטענהט אַז אין די שעפּער וואָס פאַלן אַרונטער אונטערן לאָקאַל 17 ווערן פּראָדוצירט ניט בלויז

קינדער־מאַנטלען, וואָס איז אונטער דער יוריסדיקציע פון לאָקאַל 17, נאָר אויך מאַנטלען פאַר פרויען און דערוואַקסענע מיידלעך און אַז די דאָזיקע מלבושים ווערן דאָרט פּראָדוצירט אונטער נידע־ריקערע אַרבעטס־באַדינגונגען ווי אין די רעגולערע קלאָוק־שע־פּער. אָקטאָבער 1924 האָט די גענעראַל־עקזעקוטיווע פון דער „אינטערנעשאַנעל" ענדלעך באַשלאָסן בטל צו מאַכן די טשאַר־טערס פון די לאָקאַלן 1, 11 און 17 און שאַפן אַ פּאַראייניקטן לאָקאַל פון קלאָוק־אָפּערייטאָרס. לאָקאַל 17 האָט אָבער אַרויסגע־קראָגן פון געריכט אַ צייטווייליקן „אינדזשאַנקשאַן", וואָס האָט פאַרבאָטן דעם „דזשאָינט־באָארד" און דער „אינטערנעשאַנעל" אָנצוגיין מיט דער אַרבעט פון צוזאַמענגיסן די דריי לאָקאַלס.

ביי דער קאָנווענשאַן אין באָסטאָן איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ רעזאָלוציע פון אַ גרעסערע צאָל לאָקאַלס אין ניו יאָרק אויפ־צולעבן דעם ריפערמאַכער לאָקאַל. אַרום אָט דער רעזאָלוציע איז עס געפירט געוואָרן דער קאַמף. ענדלעך האָט די קאָנווענשאַן באַ־שלאָסן אויסצוקלייבן אַ קאָמיטעט פון 4 פאַרטרעטער פון פיר שטעט מחוץ ניו יאָרק, וואָס זאָל צוזאַמען מיט אַ פאַרטרעטער פון אַ. פ. אָוו ל. דורכפירן אַן אונטערזוכונג און ברענגען אַ רע־קאָמענדאַציע צו דער גענעראַל־עקזעקוטיווע. צו דער צווייטער זיצונג פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע האָט דער קאָמיטעט צו־געשטעלט אַ רעקאָמענדאַציע צוריק צו עטאַבלירן דעם לאָקאַל 1־. מאָריס זיגמאַן איז געווען קעגן דעם און ער האָט צוליב דעם באַשלוס רעזיגנירט פון אַמט אַלס פּרעזידענט. די עקזעקוטיווע האָט גענומען צו קענטעניש זיין רעזיגנאַציע און האָט אויסגע־ווילט שלעזינגערן אַלס דעם נייעם פּרעזידענט פון דער „אינטער־נעשאַנעל".

זיגמאַן האָט אַ קורצע צייט זיך אָפּגערוט פון זיין שווערער אַרבעט אַלס פּרעזידענט פון דער יוניאָן און באַלד נאָך דעם איז ער צוריקגעגאַנגען אַרבעטן אין שאַפּ אַלס פּרעסער. שלעזינגער און אויך אַ סך פון זיינע פריינד האָבן אים פאַרגעלייגט איבערצו־נעמען אַן אַנדער אַמט אין דער יוניאָן, אָבער ער האָט אַלץ אָפּגע־וואָרפן. איך בין אַוועק צו אים אַהיים און איך האָב אים געבעטן

פערזענלעך, אין נאָמען פון אונדזער צוזאַמענאַרבעט אין די פּיאָ־נערישע יאָרן פון דער יוניאָן, אַז ער זאָל ניט אויפגעבן זיין טע־טיקייט פאַר דער „אינטערנעשאָנעל". איך האָב געוואוסט, אַז אַר־בעטן אין שאַפּ איז שוין ניט פאַר זיין געזונט. ער האָט אָבער דערקלערט, אַז ברודער וואַסילעווסקי נעמט אים אַרויף אין שאַפּ צו פּרעסן דרעסעס און ער איז דעצידירט צו אַרבעטן און צו מאַכן פון דעם אַ לעבן. איך האָב גאָר ניט ביי אים געפּועלט. איך בין אַרויס פון זיין הויז מיט אַ ביטער געפיל. עס האָט מיר פאַר־קלעמט ביים האַרץ, אַז דער מענטש וואָס האָט צוריק אַוועקגע־שטעלט די קלאָוקמאַכער־יוניאָן אויף די פיס און האָט זי סוף כל סוף אָפּגעראַטעוועט פון די קאָמוניסטישע לאַפּעס, וואָס האָט צוזאַמען מיט מיר און אַנדערע אָרגאַניזירט די קלאָוק־אַרבעטער זינט 1908, אַ מענטש וואָס איז אין גרויסן סטרייק פון 1910 געווען דער אָנפירער פון סטרייק־פּיקעטן און האָט שפּעטער אין שווערע יאָרן געפירט די „אינטערנעשאָנעל" אַלס איר פּרעזי־דענט, — אַז דער מענטש מיט אַזוי פיל פאַרדינסטן זאָל איצט דאַרפן צוריקגיין צום פּרעסאייזן. אָבער דער שטאָלצער זיגמאַן האָט נישט געוואָלט אַנדערש און קיינער פון זיינע פריינד האָבן אים ניט געקענט באַווירקן. אב. קאַהאַן און דער גאַנצער „פאָרווערטס" זיינען געווען זייער סימפּאַטיש געשטימט צו זיגמאַנען, ספּעציעל די לעצטע צייט ווען ער האָט געפירט דעם קאַמף קעגן די קאָמו־ניסטן. איך בין געווען אָנוועזנד ביי אַ שמועס ווי קאַהאַן און וולאַדעק האָבן מיט אים איינגעטענהט, אַז ער זאָל ניט אַוועקגיין פון דער „אינטערנעשאָנעל", נאָר ער זאָל אַרבעטן צוזאַמען מיט שלעזינגערן. אָבער ער איז געווען פאַרעקשנט. מיט דעם האָט זיך געענדיקט דאָס קאַפּיטל מאָריס זיגמאַן און דער „אינטערנעשאָנעל". אַ סך פון זיינע פריינד, מיך אַריינגערעכנט, האָבן דאָס זייער שטאַרק באַדויערט.

קומענדיק צוריק פון דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן די קאָנפערענצן מיט די באַלעבאַטים און אין גרויסע שוועריקייטן האָבן זיי נאָכגעגעבן די פאָדערונגען איינצו־פירן די 40 שעהדיקע אַרבעטס־וואָך.

# קאַפּיטל 27

אין 1928, ווען עס האָבן זיך דערנענטערט די וואַלן פאַר אַ גאָווערנאָר אין שטאַט ניו יאָרק, האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי גערופן אַ גרויסע קאָנפערענץ פון אַלע יוניאָנס און זי האָט זיי פאָרגעלייגט אַז די יוניאָנס זאָלן שיקן צו דער קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי דעלעגאַטן און זאָלן אויסוויילן אַ קאָמיטעט פון טויזנט מאַן וואָס זאָלן אַקטיוו אַגיטירן פאַר די קאַנדידאַטן וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי גייט אַרויסשטעלן צו די וואַלן אין שטאַט און אין שטאַט ניו יאָרק. איך האָב שטאַרק געשטיצט די פאָדערונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. עס איז דעמאָלט אויך באַשלאָסן געוואָרן אַז די אַרבעטער זאָלן זיך פרייוויליק באַשטייערן מיט 50 סענט פאַר דער וואַל־קאַמפּאַניע. איך בין אויך געווען אַ דעלעגאַט צו דער סאָציאַליסטישער קאָנ־ווענשאָן וואו מען האָט נאָמינירט נאָרמאַן טאָמאַס פאַר פּרעזידענט און דזשיימס מאַורער פאַר וויצע־פּרעזידענט. אין ניו־יאָרק האָט די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי דעמאָלט נאָמינירט רוזוועלטן פאַר גאָ־ווערנאָר און לעהמאַנען פאַר ליוטענאַנט־גאָווערנאָר. די אַרבעטער און ספּעציעל די קלאָוקמאַכער האָבן זיך געפונען אין אַ שווערער סיטואַציע, ווייל ביידע, אי רוזוועלט און אי לעהמאַן, זיינען געווען באַקאַנט ווי פריינד פון די אַרבעטער, ספּעציעל לעהמאַן האָט שוין דעמאָלט אַ סך געהאָט געטאָן פאַר די קלאָוקמאַכערס. אָבער דער סאָציאַליסטישער קאַמפּעין איז נישט געפירט געוואָרן קעגן רוזוועלטן און לעהמאַנען, נאָר קעגן טעמעני־האָל. עס זיינען טאַקע אין יענעם קאַמפּעין אויסגעוויילט געוואָרן 7 סאָציאַליסטישע אַל־דערמען אין ניו־יאָרקער סיטי־האָל. אָבער אין שטאַט האָבן גע־זיגט רוזוועלט און לעהמאַן.

אין 1929 האָט אַ קאָנפערענץ פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי

און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז גערופן געוואָרן וועגן פייערן דעם ערשטן מאַי, באַשלאָסן אָפּצוזאָגן זיך פון אַ מאַרש איבער די גאַסן, כדי ניט נאָכצוטאָן די קאָמוניסטן, נאָר איינאָרדענען אַ פייערונג אין מעדיסאָן סקווער־גאַרדען. איך האָב אויך באַלאַנגט צום קאָמיטעט פאַר אַראַנזשירן די דאָזיקע פייערונג, וואָס איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג און די אַרבעטער זיינען מאַסנווייז געקומען פייערן דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַלן יום־טוב.

אין דעם זעלביקן יאָר — 1929 — האָט געדאַרפט באַנייט ווערן דער אָפּמאַך פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן מיט די מאַנופעקטשורערס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע קאָנפערענצן, אָבער מען האָט ניט געקענט קומען צו קיין אויסגלייך. עס איז גערופן געוואָרן אַ מיטינג פון די שאַפּ־טשערלייט און זיי האָבן באַשלאָסן צו געבן דעם „דזשאָינט־באָארד" די רעכט צו רופן אַ סטרייק, אויב די באַסעס וועלן ניט נאָכגעבן. עס איז גערופן געוואָרן אַ גרויסער מאַסן־מיטינג פון קלאָוקמאַכער אין דער אַרמאָרי אויף דער 34ער גאַס. פּרעזידענט גרין און בען שלעזינגער זיינען אויפגעטראָטן אויף דעם מיטינג און די קלאָוקמאַכער האָבן באַשלאָסן צו סטרייקן. דעם 2טן יולי איז מען אַרויס אין סטרייק.

נאָך אַ פּאָר טעג סטרייקן האָט גאָווערנאָר רוזוועלט גערופן צו זיך אויף אַ קאָנפערענץ די קלאָוקמאַכער־יוניאָן און די קלאָוקמאַנופעקטשורערס. ביי דער קאָנפערענץ זיינען אויך אָנוועזנד געווען ליוטענאַנט־גאָווערנאָר הערבערט לעהמאַן און דער „אימפּאַרשל טשערמאַן", אינגערסאָל. ביי דער קאָנפערענץ האָט איזידאָר נאַגלער, וואָס איז דעמאָלט געווען דער מענעדזשער פון „דזשאָינט־באָארד", זייער גוט פאַרטראָטן די יוניאָן און ער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויפן גאָווערנאָר. דאָס זעלביקע איז געווען מיט שלעזינגערן. רוזוועלט האָט געבעטן לעהמאַנען ער זאָל באַלד פאָרן קיין ניו־יאָרק, ער זאָל ווייטער פאַרהאַנדלען מיט ביידע צדדים און זאָל זען אַז אונטער אַלע אומשטענדן זאָל דערפירט ווערן צו אַן אויסגלייך. סוף כל סוף איז מען אַדורכגעקומען און דעם 16טן יולי איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער נייער אָפּמאַך.

אין דער צייט וואָס די קאָמוניסטן האָבן געהאַט די מאַכט אין דער קלאָוק־און דרעסמאַכער־יוניאָן און ספּעציעל בשעת דעם סטרייק וועלכן די קאָמוניסטן האָבן אָנגעפירט אין 1926 האָט גענגסטעריזם זיך אַריינגעכאַפּט אין דער יוניאָן און נאָך דעם איז שווער געווען פון אים פּטור צו ווערן. די גענגסטערס, פאַר וועלכע די קאָמוניסטן האָבן געצאָלט אַ טיר, האָבן ווייטער געבוי־שעוועט אין גאַרמענט־צענטער. באַסעס האָבן זיך באַנוצט מיט זיי קעגן דער יוניאָן. שלעזינגער מיט דובינסקין און די גאַנצע יוניאָן האָט געהאַט זייער אַ שווערע אַרבעט צו באַזייטיקן די גענגסטערס פון גאַרמענט־צענטער. סוף כל סוף האָט די „אינטער־נעשאָנעל" גובר געווען אויך די דאָזיקע אָנשיקעניש.

אין דעצעמבער איז קיין קליוולאַנד פאַררופן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן פון דער „אינטערנעשאָנעל". די הויפּט־פראַגע איז געווען וועגן באַצאָלן די חובות וועלכע די קאָמוניסטן האָבן אָנגעמאַכט אין סטרייק פון 1926. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַשטייערן יעדן מיטגליד מיט 5 דאָלאַר, כדי צו קענען דעקן די דאָזיקע גרויסע חובות. אויף דער קאָנווענשאָן האָט באַראָף צוליב זיין געזונט־צושטאַנד זיך אָפּגעזאָגט פון אַמט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר און אויף זיין אָרט איז אויסגעוויילט געוואָרן דוד דובינסקי. שלעזינגער איז ווידער דערוויילט געוואָרן אַלר פּרע־זידענט. ביי דער זעלבער קאָנווענשאָן איז געשטאַנען די פראַגע וועגן הילף פאַר דער אַרבעטנדיקער פּאַלעסטינע. איך האָב גע־הערט צו די ענטוזיאַסטישע אָנהענגער, אַז אונדזער יוניאָן זאָל זיך אָנגאַזשירן אין געבן הילף די בויערס פון פּאַלעסטינער יידישן יישוב.

---

סוף 1929 איז גערופן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ פון דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אַדורכצופירן אַ הילף־קאַמפּאַניע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. איך האָב זיך באַטײ־ליקט אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ און זינט דעמאָלט בין איך אַקטיוו אין דער אַרבעט, פריער — פאַרן ארץ־ישראלדיקן ישוב, איצט — פאַר מדינת ישראל.

ווען עס איז באַוואוסט געוואָרן אַז ענגלאַנד האָט אַרויסגע־
געבן דאָס „ווייסע פּאַפּיר" וועגן פּאַלעסטינע, וואָס האָט פּאַקטיש
צו נישט געמאַכט די באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט עס אַרויסגע־
רופן אַ גרויסן שטורעם ביי אַלע יידן. אין ניו־יאָרק איז אָרגאַני־
זירט געוואָרן אַ גראַנדיעזע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע אין מע־
דיסאָן סקווער־גאַרדען. דער קאָלאָסאַלער האָל איז געווען איבער־
פילט מיט אַ מאַסע פון 20 טויזנט מענטשן און 15 טויזנט אַנדערע
האָבן זיך געפונען אַרום דעם גאַרדען. אַלס מיטגליד פון קאָמיטעט
פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין בין איך געווען זייער אַקטיוו ביים
אַראַנזשירן דעם דאָזיקן מיטינג.

אין נאָוועמבער 1930 איז פאָרגעקומען אַ קאָנווענשאָן פון
געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, צו וועלכער מיר האָבן געהאַט אַ חשובן
גאַסט פון דער „הסתדרות" — דוד בן־גוריון. איך בין געווען
באַגייסטערט פון זיין רעדע אויף דער קאָנווענשאָן. דאָס איז גע־
ווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב זיך באַקענט פּערזענלעך
מיט בן־גוריונען. שוין דאָס ערשטע מאָל האָב איך אין אים דער־
קענט אַ מוטיקן מענטש, און כ׳האָב אין אים דערזען אַן אָפּנהאַר־
ציקן גוטן חבר און אַן איבערגעגעבענעם סאָציאַליסט. איך האָב
אים ליב באַקומען און פון יענער צייט אָן בין איך זיינס אַ הייסער
אָנהענגער. איך לייען יעדעס וואָרט וואָס ווערט געדרוקט פון אים
און וועגן אים אין די אַמעריקאַנער צייטונגען און זשורנאַלן, און
איך באַוואונדער זיינע פעאיקייטן אַלס דער פירער פון מדינת
ישראל. ביי יענער קאָנווענשאָן פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האָט
מען אָנגענומען אַ באַשלוס צו שאַפן 350 טויזנט דאָלאַר פאַר דער
הסתדרות.

## קאַפּיטל 28

די קלובן פֿון די אַלטע טוערס וואָס האָבן זיך געשאַפֿן אין דער צייט ווען די קאָמוניסטן האָבן באַהערשט די קלאָוקמאַכער־יוניאָן זיינען פֿאַרבליבן עקסיסטירן אויך נאָך דעם ווי מען איז פֿון די קאָמוניסטן פּטור געוואָרן. שפּעטער האָט דוד דובינסקי אָנגעהויבן מאַכן באַמיאונגען צו ליקווידירן די קלובן אָבער דאָס האָט זיך אים דעמאָלט נישט איינגעגעבן. פֿאַרקערט, אין לאָקאַל 35 האָט זיך דער קלוב פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּערמאַנענטע אָרגאַניזאַציע. מען האָט בלויז געביטן דעם נאָמען פֿון קלוב אויף „סאָסייעטי פֿון אָלדטיימערס, לאָקאַל 35". די „אָלדטיימערס" זיינען געוועזן, און זיינען נאָך איצט, דער רוקנביין פֿון לאָקאַל. דער מענעדזשער איז דער ערן־פּאָרזיצער פֿון דער „סאָסייעטי", וואָס פֿירט פּאַקטיש אָן מיט דער פּאָליטיק פֿון לאָקאַל. למשל, ווען עס קומען פֿאָר וואַלן גרייט זי צו די ליסטע פֿון אַלע קאַנדידאַטן וואָס דאַרפֿן געוויילט ווערן, זי איז דער מאָראַלישער אויטאָריטעט אין לאָקאַל, כאָטש קיין פֿאָרמעלע רעכט צו דעצידירן האָט זי נישט געהאַט.

---

איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט קיין פֿאַרדאַכט אַז עמעצער איז קעגן מיר. איך וואָלט זיך באַלד צוריקגעצויגן פֿון מיין אַמט, ווען איך וואָלט וויסן אַז מען וויל מיך ניט. אַלע מאָל ביי וואַלן, סיי פֿון דזשאָינט־באָארד און סיי פֿון לאָקאַל, פֿלעג איך שטענדיק ציען די גרעסטע צאָל שטימען פֿון אַלע ביזנעס־אַגענטן. איך און מיין פֿריינד, סאָל מעטץ, פֿלעגן אַלע מאָל גיין אויף די ערשטע ערטער. איך האָב זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן אַז מיינע פֿריינד פֿון לאָקאַל האָבן אַרויסגעשטעלט אַ צווייטן וואַל־צעטל, אויף וועלכן עס האָט זיך געפֿונען די קאַנדידאַטור פֿון לואיס לאַנגער

אַלס ביזנעס־אַגענט אויף מיין אָרט. איך האָב וועגן דעם זיך דער־וואוסט ערשט ביים ציילן די שטימען. מען האָט מיר געזאָגט אַז לאַנגער האָט געקראָגן מער שטימען פאַר מיר. דעם זעלביקן אָוונט האָבן ברעסלאוו און לאַנגער מיט מיר גערעדט, אַז זיי האָבן גע־פּלאַנעוועט איך זאָל אַנטעמען דעם אַמט פון מענעדזשער פון דער דעזיינערס־יוניאָן. איך האָב זיי פאָרגעוואָרפן פאַרוואָס האָט מען מיט מיר וועגן דעם ניט גערעדט פריער, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי האָבן מורא געהאַט אַז פריער וואָלט איך נישט וועלן אָננעמען דעם דאָזיקן נייעם אַמט. איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און איך האָב אָנגענומען דעם אַמט פון מענעדזשער פון דער דעזיינערס יוניאָן.

איך האָב זיך קודם־כל באַמיט צו אָרגאַניזירן אַלע דעזיינערס, סיי די גרויסע און סיי די קלענערע. די דעזיינערס האָבן פון מיר אויך פאַרלאַנגט אַז איך זאָל דורכפירן דאָס אָנשליסן פון זייער יוניאָן אַלס אַ לאָקאַל אין „דזשאָינט־באָארד". דאָס האָט מען נאָר געקענט דורכפירן ביי אַ קאָנווענשן פון דער „אינטערנעשאָנעל". לאַנגער און נאַגלער האָבן מיר צוגעזאָגט, אַז אויב די קומענדיקע קאָנווענשאָן וועט דעצידירן אויף יאָ, וועלן זיי ניט זיין קעגן אַריינעמען די דעזיינערס יוניאָן אין „דזשאָינט־באָארד".

נאָך אַ יאָר צייט איז מיר געלונגען צו אָרגאַניזירן אַ שיינעם לאָקאַל. די דעזיינערס האָבן מיך רעספּעקטירט און מיר געצאָלט אַ גרעסערן לוין ווי דער לאָקאַל 35. ווען עס איז פאָרגעקומען די קאָנווענשאָן פון „אינטערנעשאָנעל" (אין 1932) האָב איך אַריינגעבראַכט אַ רעזאָלוציע אַז מען זאָל אַריינעמען די דעזיי־נערס יוניאָן אין „דזשאָינט־באָארד" פון די קלאָוקמאַכער. די קאָנווענשאָן האָט די רעזאָלוציע איבערגעשיקט צום עקזעקוטיוו־באָארד פון די ניו־יאָרקער וויס־פּרעזידענטן, דאָרט איז די פראַגע באַהאַנדלט געוואָרן און עס איז באַשלאָסן געוואָרן ווידער אַמאָל צוריקצוברענגען דעם ענין צו דער נאָענטסטער קאָנווענשאָן. איך האָב געזען אַז דאָ שלעפּט מען אָפּ דעם ענין באַוואוסטזיניק, ביז איך אַוועק צו נאַגלערן, וואָס איז דעמאָלט געווען דער מענעדזשער פון „דזשאָינט־באָארד", מיט וועלכן איך האָב זיך פאַרהאַלטן זייער

פריינדלעך, און איך האָב אים אָפן געפרעגט פאַר וואָס מען שלעפּט כסדר אָפּ מיטן באַשלוס, האָט נאָגלער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל און האָט געזאָגט צו מיר: „מאָריס, וואָס ווילסטו, אַז דער „דזשאָינט־באָארד" זאָל ניט קענען פריי אַרומרעדן פראַגן וועגן די קלאָוק־שעפּער? דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט אַז מאַנכע דע־זיינערס זיינען צו נאָענט צו די באָסעס, אין אַ טייל שעפּער זיינען זיי שטילע שותפים. מען וועט זיי קיין מאָל ניט קענען קאָנטראָלירן, ציי זיי זיינען טאַקע גוטע יוניאָן־לייט און זיינען ניט מער אַזוי אויסגעקאָכט מיט די באַלעבאַטים. דו ווייסט דאָך אויך, אַז זיי זיינען קעגן אָפּשאַפן די אינדיווידועלע קאָנטראַקטן, וואָס יעדער דעזיינער שליסט מיט זיין באָס. טאָ ווי אַזוי קען מען צולאָזן זייער פאָרשטייער צו די זיצונגען פון דזשאָינט־באָארד? — האָב איך אויף דעם ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ווייל אין יענער צייט איז דאָס טאַקע געווען דער טרויעריקער אמת. איך האָב אָבער געזאָגט נאָגלערן: אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס האָט די „אינטערנעשאָנעל" זיי געגעבן אַ טשאַרטער? איז זיין ענטפער געווען: עס איז בעסער צו האָבן איבער זיי אַביסעלע קאָנטראָל, איידער גאָר ניט. און די דעזיינערס זיינען ווייטער פאַרבליבן אַ לאָקאַל פאַר זיך אַליין.

באַלד נאָך דעם האָב אים באַלייגט מיין רעזיגנאַציע אַלס מע־נעדזשער. אויף אַ גוט־באַזוכטן מיטינג פון לאָקאַל האָב איך דער־קלערט, אַז איך רעזיגניר, ווייל איך האָב ניט געקענט אַדורכפירן מיין צוזאָג, אַז איך וועל דעם לאָקאַל אַריינפירן אין „דזשאָינט־באָארד", אָבער די פאַרזאַמלונג האָט איינשטימיק אָפּגעוואָרפן מיין רעזיגנאַציע און האָט נאָך דערצו באַשלאָסן צו רעקאָמענדירן דער עקזעקוטיווע, אַז מען זאָל העכערן מיין לוין און אויך זיך ווענדן צו דער „אינטערנעשאָנעל", אַז זי זאָל אויף מיר ווירקן צו פאַר־בלייבן. און איך בין פאַרבליבן.

אין דער זעלבער צייט האָט די „דזשאָינט־באָארד באַשלאָסן אַז לואיס לאַנגער זאָל ווערן זיין רעקאָרדינג־סעקרעטאַר. לאַנגער איז דעמאָלט געווען דער אַסיסטענט־מענעדזשער פון לאָקאַל 35. האָט ברעסלאָוו זיך געווענדט צו מיר, אַז איך זאָל איבערנעמען דעם אַמט פון אַסיסטענט־מענעדזשער. איך האָב געענטפערט, אַז

איך קען ניט איבערלאָזן דעם לאָקאַל פון די דעזיינערס אויף הפקר. עס מוז נעמען אַביסל צייט ביז וואַנען די „אינטערנעשאַנעל" וועט געפינען אַן אַנדער מענעדזשער אויף מיין אָרט. האָט ברעסלאוו אויסגעקליבן דעם ביזנעס־אַגענט גאָלד ער זאָל ווערן זיין אַסיסטענט. גאָלד האָט זיך אָבער לאַנג ניט געהאַלטן אויף דעם אַמט ווייל ער האָט ניט געקענט אַדורכקומען מיט ברעסלאַוון. שפּעטער, ווען די „אינטערנעשאַנעל" האָט געפונען אַן אַנדערן מענעדזשער פאַרן דעזיינערס לאָקאַל האָב איך רעזיגנירט פון מיין אַמט ביי די דעזיינערס.

יוסף ברעסלאוו האָט מיך באַלד פאַרבעטן צו זיך און ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די עקזעקוטיווע מיט אים בראש האָבן באַשלאָסן אָנצושטעלן מיך אַלס אַסיסטענט־מענעדזשער. אָבער, האָט ער געזאָגט, ער האָט איין פאַרלאַנג צו מיר: ער איז איבערצייגט, אַז איך בין פעאיק צו פאַרנעמען דעם אַמט פון אַסיסטענט־מענעדזשער אָבער אַזאַ אַמט מוז מען אָפּגעבן אַ סך צייט, און איך ווייס — זאָגט ער — אַז דו נעמסט אַ גרויסן אָנטייל אין אַ סך אָרגאַניזאַציעס און דו געפינסט זיך אָפּט אויף איסט בראָדוויי: דאָ — אין „פאָרווערטס", דאָ — אין די „געווערקשאַפטן", דאָ — אין אַרבעטער־רינג, דאָ — אין יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אאז"וו. פאַרלאַנג איך פון דיר, אַז דו זאָלסט אַביסל איינצוימען די דאָזיקע טעטיקייטן. איך מיין ניט אין גאַנצן, נאָר די פּרעסער־יוניאָן זאָל אַלע מאָל שטיין ביי דיר אויפן ערשטן אָרט. און ער האָט צוטרוי צו מיר — האָט ער פאַרענדיקט — אַז איך וועל דאָס נעמען אין אַכט. איך האָב אים געענטפערט, אַז מיינע אַקטיוויטעטן אין סאָציאַליסטישע באַוועגונגען איז ביי מיר אַ פראַגע פון מיין געוויסן, אָבער איך ווייס אויך גאַנץ גוט וואָס עס זיינען מיינע פליכטן פאַר דער יוניאָן, און איך וועל געוויס ניט פאַרנאַכלעסיקן די אַרבעט פאַר מיין לאָקאַל — און איך בין געוואָרן דער אַסיסטענט־מענעדזשער פון לאָקאַל 35, וואו איך האָב געדינט געטריי 22 יאָר צוזאַמען מיט ברעסלאַוון, און אין משך פון דער גאַנצער צייט האָב איך מיט ברעסלאַוון קיין שום קאָנפליקטן ניט געהאַט און אויך קיין קריוודעס פון אים ניט געליטן.

## קאַפּיטל 29

אויף דער קאָנוועגשאָן פון דער אינטערנעשאָנעל אין מאַי 1932, האָט די ניו־יאָרקער „דזשאָינט־באָארד" פון די קלאָוקמאַכערס זיך געווענדט נאָך דער הסכמה פון דער קאָנווענשאָן אַרויסצושטעלן די פאָדערונג פון אַ 35 שעהדיקער אַרבעטס־וואָך און אויב ס'וועט זיין נייטיק אַרויסצוגיין אין אַ סטרייק פאַר דעם. בען שלעזינגער האָט זיך אָפּגעזאָגט ווייטער אָנצונעמען דעם אַמט פון פּרעזידענט און די קאָנווענשאָן האָט אים דערצו געצוואונגען דורך אַ „דרעפט". עס איז אָנגעקומען שווער זיך צו אייניקן אויף אַ גענעראַל־סעקרעטאַר. שלעזינגער האָט זיך אין דעם ניט געוואָלט אַריינמישן. מען האָט פאָרגעשלאָגן ברעסלאָון, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. איינע פון די אורזאַכן איז געווען דאָס וואָס דער „פאָרווערטס" איז ניט געווען צו אים סימפּאַטיש און אין יענער צייט האָט מען זיך זייער שטאַרק גערעכנט מיט דער באַציאונג פון „פאָרווערטס" (כאָטש איך האָב איבערגעפּרעגט וולאַדעקן און ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער האָט גאָר ניט קעגן ברעסלאָון). האָבן די קאָנווענשאָן־דעלעגאַטן זיך געאייניקט אויף דער קאַנדידאַטור פון דוד דובינסקי אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז שלעזינגער קראַנק געוואָרן און האָט מער ניט געקענט אָנהאַלטן זיין אַמט פון פּרעזידענט. די גענעראַל־עקזעקוטיווע האָט דעמאָלט אויסגעוויילט דוד דובינסקין פאַרן אַמטירנדיקן („עקטינג") פּרעזידענט.

קורץ נאָך דעם איז אין מילוואָקי פאָרגעקומען די קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָס איז געווען אַ שטורעמדיקע קאָנווענשאָן. די הויפּט־דיסקוסיע איז געגאַנגען אַרום דער פראַגע פון דער באַציאונג צו דער קומענדיקער וואַל־קאַמפּאַניע אין לאַנד, ד"ה צי מעג מען שטימען פאַר קאַנדידאַטן פון אַן אַנדער

פּאַרטיי. די טרייד־יוניאָנס האָבן אַרויסגעוויזן גרויס סימפּאַטיע צו גאָווערנאָר רוזוועלט, און מען האָט פּאָראויסגעזען אַז ער וועט לויפן אויפן אַמט פון פּרעזידענט. אָבער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט באַשלאָסן אַרויסצושטעלן אייגענע קאַנדידאַטן.

אָנהייב יוני 1932, קוים אַ חודש נאָך דער קאָנווענשאָן פון „אינטערנעשאָנעל״, איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז בען שלעזינגער איז געשטאָרבן אין קאָלאָראַדאָ. די גענעראַל־עקזעקוטיווע האָט באַשטימט אַ קאָמיטעט וואָס זאָל פאָרן קיין קאָלאָראַדאָ און ברענגען דעם נפטר קיין ניו־יאָרק. איך האָב אויך געהערט צו דעם דאָזיקן קאָמיטעט. די לוויה איז פאָרגעקומען פון דעם אינטערנעשאָנעל־הויז אויף דער 16טער גאַס, און האָט זיך געצויגן פאַרביי דעם „פאָרווערטס״. טויזנטער מענטשן זיינען געקומען אָפּגעבן כבוד דעם באַליבטן פּרעזידענט פון „אינטערנעשאָנעל״, איך האָב געוויינט ווי נאָך גאָר אַ נאָענטן. פאַר מיר איז ער געווען ניט בלויז דער פּרעזידענט פון דער „אינטערנעשאָנעל״, נאָר אויך אַ גוטער פריינד. שלעזינגערס אַמט האָט דאַן פאַרנומען דוד דובינסקי, וועלכער איז, ווי פריער דערמאָנט, געווען עקטינג־פּרעזידענט.

די וואַל־קאַמפּאַניע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פאַר נאָרמאַן טאָמאַס אַלס פּרעזידענט און מאָריס הילקוויט אַלס דער ניו־יאָרקער מעיאָר איז ניט געווען קיין שטאַרק באַגייסטערטע. די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט דעמאָלט אַרויסגעשטעלט פרענקלין רוזוועלט אַלס פּרעזידענט־קאַנדידאַט און רוזוועלט איז געווען זייער פּאָפּולער ביי די אַרבעטער. און דאָך האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געצויגן איבער 250 טויזנט שטימען.

## קאַפּיטל 30

אָנהייב 1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, און עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות וועגן די שוידערלעכע פאַרפאָלגונגען, באַליידיקונגען און פּאָגראָמען אויף די דייטשע יידן, איז דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער יידנטום אויפגע־ציטערט געוואָרן. אַ כוואַליע פון פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען האָט זיך אויפגעהויבן. אויך די „פּאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן״ האָבן אָרגאַניזירט אַזאַ פּראָטעסט־מיטינג אין קופּער־יוניאָן. איך האָב געהערט צום קאָמיטעט וואָס האָט אַראַנזשירט די פאַרזאַמ־לונג. דער האָל איז געווען איבערגעפּאַקט, און טויזנטער זיינען געשטאַנען אין דרויסן, אויפן סקווער לעבן האָל. מען האָט נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט ווי ווייט עס גייען די מערדערישע פּלע־נער פון היטלערן. אַז ער האָט ביי זיך באַשלאָסן אויסצומאָרדן דאָס יידישע פאָלק, ניט נאָר אין דייטשלאַנד, נאָר אין אַלע לענ־דער, וועלכע ער וועט פאַרכאַפּן. יעדן פרימאָרגן, ווען איך פלעג קויפן די צייטונגען און לייענען ווי מיט יעדן טאָג פאַרגרעסערן זיך דאָרט די פאַרפאָלגונגען, פּאָגראָמען און מערדערייען אויף יידן, בין איך אויפגעשוידערט געוואָרן און כ׳האָב נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי קען דאָס די ציוויליזירטע וועלט שווייגן און גלייכגילטיק זיך צוקוקן צום חורבן פון די דייטשע יידן.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט ניט געשוויגן, זי האָט פּראָטעסטירט, געמאָנט און פאַרלאַנגט אַז די רעגירונג אין וואַ־שינגטאָן זאָל העלפן די דייטשע יידן. אָבער די הילף איז געקומען צו שפּעט. פרומע יידן האָבן אין די שולן געבעטן גאָט. זיי האָבן אויפגעפאָדערט אַלע יידן צו פאַסטן, און כאָטש איך אַליין בין נישט קיין גלייביקער, האָב איך געפאָלגט די פרומע יידן און צוליב סאָלידאַריטעט האָב איך אויך מיטגעפאַסט. איך בין גע־וואָרן מער נאַציאָנאַל געשטימט, די נאַציאָנאַלע געפילן האָבן ביי מיר איבערגעשטיגן די אינטערנאַציאָנאַלע. איך האָב געהאַט פאַר־

דראַס אויף זיך אַליין, וואָס איך בין אין די פריערדיקע יאָרן גע־וועגן אַסימילאַטאָריש געשטימט. איך האָב אָנגעהויבן נאָך מער צו גלייבן, אַז די יידן דאַרפן האָבן אַן אייגן לאַנד. איך בין געוואָרן נאָך מער טעטיק אין דעם „געווערקשאַפטן־קאַמפּיין״, צו העלפן דער „הסתדרות״ בויען דאָס יידישע לאַנד.

אין דער זעלבער צייט, אָנהייב 1933, האָט רוזוועלט פאַרנומען דעם אַמט אַלס פּרעזידענט און לעהמאַן אַלס גאָווערנאָר פון שטאַט ניו־יאָרק. דער אַמעריקאַנער אַרבעטער האָט אָנגעהויבן פילן אין רוזוועלטן אַ פריינד, אַזוי אויך אין גאָווערנאָר לעהמאַנען. רוזוועלט האָט באַלד פאַרטראַכט דעם „ניו־דיל״ און דעם נר״א. ער האָט באַשטימט ספּעציעלע קאָמיסיעס אויסצואַרבעטן קאָדעקסן פאַר יעדער אינדוסטריע באַזונדער. פאַר די אַרבעטער־פירער איז די טיר אין ווייסן הויז געוואָרן אָפן. דוד דובינסקי און איזידאָר נאַגלער זיינען דאָרט אויפגענומען געוואָרן. מאָריס הילקוויט איז אַ קראַנקער געפאָרן קיין וואַשינגטאָן צוצוהעלפן אויסצואַרבעטן אַ קאָדעקס פאַר דער קלאָוק־אינדוסטריע. אויך די אַסאָסיאיישאָנס פון די באַלעבאַטים זיינען געווען פאַרטראָטן אין וואַשינגטאָן. זיי האָבן געמוזט אונטערהאַנדלען מיט דער יוניאָן און צושטימען צו אַן אויסגלייך. די פאַרשטייער פון אונדזער קלאָוקמאַכער־יוניאָן האָבן אויסגעקעמפט דעם בעסטן קאָדעקס („קאָוד״) פון אַלע אַנ־דערע אינדוסטריעס. מיר האָבן באַקומען אַ 35 שעהדיקע אַרבעטס־וואָך. אַפילו די „אַמאַלגעמייטעד״, וואָס האָט געהאַט אַלס איר פאָרשטייער דעם פעאיקן און אינטעליגענטן סידני הילמאַן, וועל־כער איז געווען איינער פון רוזוועלטס „ברעין־טראַסט״, האָט ניט געקענט אויספּועלן אַזאַ קורצע אַרבעטס־וואָך פאַר זיין יוניאָן. אונדזער דערפאָלג איז געווען צו פאַרדאַנקען די ענערגישע און פעאיקע פאָרשטייער אונדזערע: מאָריס הילקוויט, דוד דובינסקי און איזידאָר נאַגלער, וואָס איז דעמאָלט געווען דער מענעדזשער פון אונדזער יוניאָן אין ניו־יאָרק.

אין יענעם יאָר האָבן די דרעסמאַכערס זיך אָפּגעטיילט פון די קלאָוקמאַכער־יוניאָן. די לאָקאַלס פון די דרעסמאַכערס האָבן אָרגאַניזירט אַן אייגענע „דזשאָינט־באָארד״ און די דרעס־פּרע־

סערס, וועלכע האָבן פריער באַלאַנגט צום לאָקאַל 35, האָבן פאַר־לאַנגט אַ טשאַרטער פאַר אַ באַזונדערן, אייגענעם לאָקאַל. מאַקס קאָהן איז דעמאָלט געווען דער טשערמאַן פון לאָקאַל און ער האָט געשטיצט די פאָדערונג פון די דרעס־פּרעסערס. אויך ברעסלאוו איז ניט געווען קעגן דעם מען זאָל זיי געבן אַ באַזונדערן טשאַרטער. איך האָב אָבער ניט געהאַלטן אַז מען דאַרף אָפּטיילן די דרעס־פּרעסערס פון די קלאָוק־פּרעסערס און כ'בין געווען קעגן איינ־שטעלן צוויי באַזונדערע פּרעסער־לאָקאַלס. אָבער אַרויסטרעטן קעגן דעם אָפן האָב איך ניט געוואָלט, ווייל אין יענער צייט האָבן מיר, די אַלטע און מער אַקטיווע טוערס, ניט געוואָלט ווייזן דער עפנטלעכקייט אַז עס איז ניטאָ קיין אייניקייט ביי אונדז, ווייל די קאָמוניסטן וואָלטן דאָס באַלד אויסגענוצט קעגן אונדזער יוניאָן. נו, האָט מען די דרעס־פּרעסערס אַרויסגעגעבן אַ טשאַרטער און זיי זיינען געוואָרן דער לאָקאַל 60 פון דער „אינטערנעשאָנעל".
מאַקס קאָהן איז דערווײלט געוואָרן אַלס מענעדזשער און וואַסי־לעווסקי — אַלס טשערמאַן פון דעם נייעם לאָקאַל.

---

צו די וואַלן אין שטאַט ניו־יאָרק אין 1934 האָט די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי מיך נאָמינירט אויף איר צעטל פאַר אַ סטייט־סענאַטאָר אין 12טן סענאַט־דיסטריקט, אין דער איסט־סאַיד. איך האָב געפירט אַן ענערגישע קאַמפּאַניע און כ'האָב געקראָגן אַ היפּשע צאָל שטימען.

קורץ נאָך דעם איז געקומען פאַר מיר אַן אָנגענעמע איבער־ראַשונג: דער דאַון־טאַון ברענטש פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד צוזאַמען מיט די „פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן" און מיטן לאָקאַל 35 האָבן איינגעאָרדענט אַ באַנקעט לכבוד מיין 50סטן געבורטסטאָג. דער באַנקעט איז פאָרגעקומען אין בעטהאָווען־האַל. די גאַנצע סאָציאַליסטישע און יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען פאַרטראַטן אויפן באַנקעט, און וולאַדעק איז געווען דער טאָסטמייסטער. איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז דאָס האָט מיר, מיין פרוי און מיינע קינדער פאַרשאַפט אַ סך פרייד.

דוד דובינסקי איז אין יענער צייט געקומען מיט אַ וויכטיקער

איניציאַטיוו צו די „געוועדקשאַפטן". ער האָט פֿאָרגעלייגט אַז די „געווערקשאַפטן" זאָל עפֿענען אַן אָפֿיס אין יוניאָן־סקווער צו העלפֿן די קלענערע יוניאָנס מיט עצות ווי אויסצונוצן פֿאַר זייערע צוועקן דעם „רעקאָווערי־אַקט" אין באַצוג צו לוינען און אַרבעטס־צייט. די „געווערקשאַפטן" האָט אָנגענומען דעם פֿאָרשלאַג. עס איז געעפֿנט געוואָרן אַזאַ אָפֿיס און מאָריס פֿיינסטאָן, דער סעקרעטאַר פֿון די „געווערקשאַפטן" און ראובן גוסקין — דער טשערמאַן, האָבן מיך באַשטימט אַלס מיטגליד פֿון קאָמיטעט פֿון דעם דאָזיקן אָפֿיס. בכלל האָבן דעמאָלט די יוניאָנס אויסגענוצט די נייע רוזוועלט־געזעצן צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון די אַרבעטער און צו פֿאַרשטאַרקן די יוניאָנס. פּרעזידענט רוזוועלט האָט אַזוי פֿיל געטאָן פֿאַר די אַרבעטער אַז אויב געוויסע פֿירמעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן מיט די יוניאָנס ביים רעגולירן די אַרבעטס־באַדינגונגען אין זייער אינדוסטריע, האָט רוזוועלט זיך באַלד אַריינגעמישט. ער פֿלעגט איינלאַדן די יוניאָן און די מאַנופֿעקטשורערס צו זיך אין ווייסן־הויז און פֿלעגט העלפֿן אויסגלייכן די קאָנפֿליקטן צווישן ביידע צדדים.

אונדזער לאָקאַל 35, וואו איך בין געווען אַסיסטענט־מענעדזשער, צוזאַמען מיטן לאָקאַל 23 האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן די ספּאָרט־אינדוסטריע. מיר האָבן אַריינגעקראָגן אַ נייעם עלעמענט פּרעסערס: שפּאַניער, ספֿרדישע יידן און נעגערס. זיי זיינען אויך געווען אַ יונגער עלעמענט. אונדזער לאָקאַל האָט מיט זיי אָפּגעהאַלטן באַזונדערע מיטינגען, ווייל צו זיי האָט מען געמוזט רעדן אין דער ענגלישער שפּראַך, און די מיטינגען פֿון אונדזערע אַלטע פּרעסערס זיינען געפֿירט געוואָרן אין יידיש. מען האָט אויך איינגעפֿירט פֿאַר די נייע ספּאָרט־פּרעסערס אַן „אַדווייזאָרי־באָארד", וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אייגענע זיצונגען, אַחוץ די רעגולערע זיצונגען, פֿון דער עקזעקוטיווע פֿון לאָקאַל, און וואָס פֿלעגט פֿאַרהאַנדלען די באַזונדערע פֿאַך־פּראָבלעמען פֿון די ספּאָרט־פּרעסערס. מיט דער צייט האָבן זיך צווישן זיי אויסגעאַרבעט גוטע יוניאָן־לייט.

אין יאָר 1935 איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנווענשאָן פֿון יידישן



באַאַמטע און אַקטיווע טוערס פון לאָקאַל 35 אויף אַן אַרויספאָר אין „יוניטי־האַוז", 1935



צו גאַסט ביי די „הסתדרות־טוער אין „בית־ברנר״ (איך שטיי דער צווייטער פון רעכטס).

סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אין קליוולאַנד. דאָס איז געווען אַ שטורמישע קאָנווענשאָן, וואו עס איז פיל דעבאַטירט געוואָרן וועגן דער שטרייט־פראַגע וואָס איז דעמאָלט באַהאַנדלט געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי: צי מעג מען שטימען ביי אַלגע־מיינע וואַלן פאַר ניט־סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן. איך בין געווען אַ דעלעגאַט פון דאַון־טאַון ברענטש פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד און איך האָב געהערט צו די טרייד־יוניאָניסטן, וועלכע זיינען געווען פאַר אונטערשטיצן ליבעראַלע קאַנדידאַטן ביי וואַלן אין לאַנד. אונדזער אַרגומענט איז געווען, אַז אויב מיר קענען ניט באַאיינפלוסן די אַרבעטער צו שטימען פאַר סאָציאַליסטן, דאַרפן מיר זיין פאַראינטערעסירט זיי זאָלן כאָטש שטימען פאַר ליבעראַלן אײדער פאַר קאָנסערוואַטיוון.

אין דעם זעלביקן יאָר האָט די עקזעקוטיווע פון דער „אינ־טערנעשאָנעל" ענדלעך אַ סוף געמאַכט צו דעם לאַנגיאָריקן קאָנ־פליקט צווישן לאָקאַל 17, לאָקאַל 3 און לאָקאַל 1 פון דער אָפּע־רייטאָרס־יוניאָן. די עקזעקוטיווע האָט באַשלאָסן אַז די אַלע דריי לאָקאַלס זאָלן צוזאַמענגעשמאָלצן ווערן אין איין לאָקאַל און זיי האָבן באַקומען אַ נייעם טשאַרטער לאָקאַל 117 מיט דעם האָט זיך געענדיקט דער לעצטער פון די קאָנפליקטן צווישן אין לאָקאַל און אַ צווייטן אין די רייען פון דער „אינטערנעשאָנעל".

אַ סך פון די באַאַמטע און אַ טייל מיטגלידער פון לאָקאַל 117 זיינען געווען אַזעלכע פּאַטריאָטן, אַז זיי האָבן נישט געקענט פאַרדייען די פאַראייניקונג, האָבן זיי געגרינדעט אַן אייגענעם קלוב און זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אַלס דער מאיר לאָנדאָן־ברענטש פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע. זיי האָבן אָנגעהאַלטן אייגענע מיטינגען, איינגעאָרדנט אייגענע לעקציעס. זומערצייט פלעגן זיי אַרויספאָרן אויף אַ „וויק־ענד" אין די „מאַונטנס". אָפט מאָל פלעגן זיי מיך איינלאַדן מיטצופאָרן און מיט זיי צו פאַרברענגען. מיין פריינדשאַפט מיט אַ סך פון זיי האָט געשטאַמט נאָך פון די אַלטע צייטן, נאָך פון יאָר 1909, ווען איך האָב אַלס ביזנעס־אַגענט באַדינט זייערע שעפּער.

אין לאָקאַל 35 האָבן מיר צו יענער צייט געהאַט אַ גרויסע

צאָל ביזנעס־אַגענטן, האָבן מיר געגרינדעט אַ „באָארד אָוו אָפּישלס״. מיר האָבן דערוויילט טשאַרלי אָראָנסקי אַלס טשערמאַן, מיך אַלס סעקרעטאַר און סלוצקי און ברעסלאָוו אין דעם „באַראַטונגס־קאָמיטעט״. מיר פלעגן זיך אויך פאַרהאַלטן זייער נאָענט און פריינדלעך מיט אַ צאָל אַלטע אַקטיווע מיטגלידער. מען פלעגט גיין איינער צום אַנדערן אויף שמחות. אָפט מאָל פלעגט מען מאַכן „פּאַרדיס״, אַזוי זיך, כדי צו פאַרברענגען צוזאַמען. אויך ברעסלאָוו האָט נישט געבלאָזן פון זיך און ער פלעגט זייער אָפט באַראַטן זיך מיט די באַאַמטע וועגן פאַרשיידענע פראַגן. אַפילו די פרויען פון די באַאַמטע זיינען געווען צווישן זיך פריינדלעך און האָבן זיך פאַרהאַלטן ווי איין משפּחה.

די יאָרן 1935—1936 זיינען געווען שווערע יאָרן אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. שפּאַלטונגען האָבן געדראָט זי צו צעברעכן. צו ערשט איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די הויפּט־סיבה פון דער שפּאַלטונג איז געווען די פראַגע וועגן שאַפן אַ לייבאָר־פּאַרטיי; אַ צווייטע סיבה איז געווען די פראַגע וועגן אַרויסשטעלן אַן אייגענעם קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט. די רעכטע סאָציאַליסטן זיינען געווען קעגן אַרויסשטעלן אַן אייגענעם קאַנדידאַט און דער לינקער פליגל איז באַשטאַנען דערויף מען זאָל דווקא יאָ אַרויס־שטעלן אַן אייגענעם קאַנדידאַט. די סיטואַציע איז געווען זייער אַ קאָמפּליצירטע, ווייל די רעפּובליקאַנער האָבן נאָמינירט לענדאָן, און ער איז געווען זייער אַ שטאַרקער קאַנדידאַט. און דער רעכטער פליגל פון דער סאָציאַליסטישער אַרטיי איז געווען באַאומרואיקט אַז ער קען שלאָגן רוזוועלטן, און צו דעם האָט מען נישט גע־וואָלט דערלאָזן. און די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען.

די רעכטע האָבן דעמאָלט געגרינדעט די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פעדעראַציע. איך בין אַוועק מיט דער „פעדעראַציע״ און כ׳האָב זיך באַטייליקט אין אַלע קאָנפערענצן סיי ביים אָרגאַניזירן די „פעדעראַציע״, סיי ביים גרינדן די לייבאָר־פּאַרטיי. דער ערש־טער שריט פון דער ניי־געגרינדעטער לייבאָר־פּאַרטיי איז געווען צו נאָמינירן רוזוועלטן פאַר פּרעזידענט. זי האָט אויך געשטיצט

פיאָרעלאָ לאַגוואַרדיאַ אַלס מעיאָר פון ניו־יאָרק. אַלע יוניאָנס האָבן אויך אונטערגעשטיצט די דאָזיקע קאַנדידאַטורן און דובינ־סקי, הילמאַן און אַלעקס ראָוז האָבן זיך שטאַרק באַטייליקט אין דער קאַמפּאַניע. איך בין באַלד געוואָרן זייער אַקטיוו אין דער לייבאָר־פּאַרטיי. איך האָב געהאַלטן, אַז אַפילו ווען מיר שטיצן רוזוועלטן דאַרפן מיר אָבער נישט שטיצן די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי נאָר שטימען פאַר רוזוועלטן דורך אַן אייגענעם צעטל — דעם צעטל פון דער לייבאָר־פּאַרטיי. אַזוי ווי איך האָבן אויך גע־טראַכט אַ סך אַנדערע סאָציאַליסטן און מיר זיינען דעריבער גע־ווען זייער טעטיק אין דער לייבאָר־פּאַרטיי. אין די וואַלן — וואו רוזוועלט און אויך לאַגוואַרדיאַ זיינען ווידער דערוויילט געוואָרן — זיינען אויך אויסגעוויילט געוואָרן פון דער לייבאָר־פּאַרטיי פינף פּאַרשטייער צום סיטי־קאונסיל אין ניו־יאָרק. וולאַדעק איז אויך געווען צווישן די פינף דערוויילטע און ער איז אויסגעקליבן גע־וואָרן אַלס מינאָריטעט־פירער פון דעם קאונסיל.

אַ יאָר פריער — אין 1935, איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין דער „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר". צען אינדוסטרי־עלע יוניאָנס, וועלכע זיינען געווען קעגן דער פּאָליטיק פון „פיור און סימפּל" טרייד־יוניאָניזם, וואָס איז געווען דער פּרינ־ציפּ פון דער „פעדערײשאָן" זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן און זיי האָבן געגרינדעט די נייע צענטראַלע — דעם „קאָנגרעס פון אינ־דוסטריעלע אָרגאַניזאַציעס" (סי. אַי. אָ.). דזשאָן ל. לואיס פון די „מיינערס" (קוילן־גרעבערס), הילמאַן פון דער „אַמאַלגעמייטעד" און דובינסקי פון דער „אינטערנעשאָנעל" זיינען געווען צווישן אירע איניציאַטאָרן. דאָס אַנטשטיין פון דער נייער אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע צערודערונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ שאַרפער קאַמף צווישן די צוויי שפּיצן־אָרגאַניזאַציעס. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז יוניאָנס פון דער אַ. פ. אָוו ל. פלעגן שיקן אַרבעטער אין די סטרייקנדיקע שעפּער פון יוניאָנס פון דער סי. אַי. אָ. אונדזער „אינטערנעשאָנעל", מיט דובינסקין בראש, האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער סי. אַי. אָ. דובינסקי, וואָס איז געווען זייער באַפריינדעט

מיט פרעזידענט גרין פון דער אַ. פ. אָוו ל., האָט פאַרלאַנגט פון גרינען אַן אויפקלערונג, פאַרוואָס ער דערלאָזט אַז יוניאָנס פון דער „פעדערײשאַן" זאָלן שיקן סטרייק־ברעכערס קעגן יוניאָנס פון דער סי. אַי. אָ.

אַ שווער פּראָבלעם איז דעמאָלט אַנטשטאַנען פאַר די „פאַר־אייניקטע יידישע געווערקשאַפטן". די „געווערקשאַפטן" זיינען שטענדיק געווען אין די פריינדלעכסטע באַציאונגען מיט דער אַ. פ. אָוו ל. מיר זיינען אַלע מאָל געווען קעגן דואַל־יוניאָניזם. איך פּערזענלעך האָב נאָך אין די יאָרן 1907—1909 זיך אַקטיוו באַטייליקט אין קאַמף קעגן די „אינדאַסטריעל וואָרקערס אָוו די וואָרלד" (אַי־דאָבליו־דאָבליו), און איצט, מיט 27 יאָר שפּעטער, האָט זיך אויפסניי געגרינדעט אַ דואַלע טרייד־יוניאָן־באַוועגונג, אויף די זעלביקע פּרינציפּן פון אינדוסטריעלן יוניאָניזם. די „געווערקשאַפטן" האָבן זיך געפונען אין אַ שווערער סיטואַציע, ווייל צו איר האָבן אויך געהערט יידישע יוניאָנס, וואָס זיינען אַרויס פון דער „פעדערײשאַן" און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די סי. אַי. אָ. די „געווערקשאַפטן" האָט דעריבער באַשלאָסן זיך צו האַלטן נייטראַל.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אויך ניט גענומען קיין שטעלונג אין דעם קאַמף, ווייל די סי. אַי. אָ. האָט אָרגאַניזירט די אַרבעטער פון דער שווערער אינדוסטריע, אַרבעטער וואָס האָבן ביז דעמאָלט ניט באַלאַנגט צו קיין יוניאָן, ווי די שטאָל־ און אויטאָמאָביל־ און די טראַנספּאָרט־אַרבעטער. צום קרעדיט פון דער סי אַי אָ. דאַרף מען צוגעבן אַז אין אַ קורצער צייט האָט זי אָרגאַניזירט ריזיקע מאַסן ביז דעמאָלט ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער. די יוניאָנס, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער סי. אַי. אָ. זיינען ניט אַרויסגעטראָטן פון די אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דער לייבאָר־פּאַרטיי. אַ סך זייערע טוערס האָבן אויך באַלאַנגט צו דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג; צום אַרבעטער־רינג און צו דער „פאַר־ווערטס" אַסאָסיאײשאַן און צו די „פאַראייניקטע יידישע געווערק־שאַפטן". אַדאַנק דעם איז אַ פריינדשאַפט צווישן די טוערס ווייטער אָנגעהאַלטן געוואָרן.

לאַנג האָט אָבער די „אינטערנעשאָנעל" דאָרט נישט געקענט זיין, ווייל דזשאַן ל. לואיס, וועלכער איז פון דער נאַטור אַ דיקטאַטאָר, האָט אָנגעהויבן פירן זיך אַזוי אַז אונדזערע פירער פון דער „אינטערנעשאָנעל" זיינען דערפון שטאַרק ניט געווען צופרידן. מאָריס פיינסטאָן, וואָס איז דעמאָלט געווען דער סעקרעטאַר פון די „געווערקשאַפטן", מיט גענאָסע הערי לאַנג און לוסי ראָבינס האָבן אין דער שטיל געאַרבעט פאַר דעם, אַז אונדזער „אינטערנעשאָנעל" זאָל זיך אָפּרייסן פון דער סי. אַי. אָ. און אַריין צוריק אין דער „אַמעריקען פעדערייש אָן אָוו לייבאָר". אַ סך האָט אין דעם פאַל געווירקט אויך דאָס וואָס דובינסקי און גרין זיינען פּערזענלעך געווען זייער באַפריינדעט. אָבער דער הויפּט-שטאַנדפּונקט אויף וועלכן עס האָט זיך געשטעלט די „אינטערנעשאָנעל" איז געווען, אַז זי קען זיך ניט באַטייליקן אין דער גרינדונג פון די דואַל-אָרגאַניזאַציע. צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין די מאַסן-פּראָדוקציע אינדוסטריעס אויף אַן אינדוסטריעלן באַזיס האָט די „אינטערנעשאָנעל" מיטגעאַרבעט, אָבער ווען דער קאָמיטעט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ דואַל-פאַרבאַנד האָט די „אינטערנעשאָנעל" באַשלאָסן ניט מיטצואַרבעטן, נאָר פאַרבלייבן אומאָפּהענגיק.

אין 1940 איז די „אינטערנעשאָנעל" אַריין צוריק אין איר אַלטער היים — די „אַמעריקען פעדערייש אָן אָוו לייבאָר". איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן די פרייד וואָס איך, און אַ סך אַנדערע אַלטע טוערס, האָבן געהאַט ווען פּרעזידענט וויליאַם גרין איז געקומען איבערגעבן דעם טשאַרטער צו דער „אינטערנעשאָנעל". ביי דער קאָנווענשאָן האָט וויליאַם גרין געזאָגט, אַז ער האָט די גאַנצע צייט ניט געגלייבט אַז די „אינטערנעשאָנעל" וועט פאַרלאָזן די „פעדערייש אָן"; דובינסקי האָט געלאָזן אַן אָפענע טיר און די „אינטערנעשאָנעל" איז ווילקאָמען איז איר אַלטער היים. די קעפּמייקערס (היטמאַכערס) האָבן נאָך פריער פאַרלאָזט די סי. אַי. אָ., נאָר די „אַמאַלגעמייטעד" איז פאַרבליבן אין דער סי. אַי. אָ. ביז דער פאַראייניקונג פון די ביידע גרויסע צענטראַלעס אין יאָר 1955.

# קאַפּיטל 31

אין די ווייטערדיקע יאָרן האָבן די יוניאָן־פּראָבלעמען זיך אָפּגערוקט אויפן צווייטן אָרט און אויפן ערשטן אָרט האָבן זיך אַרויסגערוקט די ביטערע געשעענישן אין דער וועלט און דער שרעקלעכער גורל פון די דייטשע און אייראָפּעאישע יידן, ווען היטלער האָט זיך געגרייט אומצוברענגען. מיר האָבן נאָך אַלץ געטאָן די רוטינע יוניאָן־אַרבעט מיט דער זעלביקער איבערגע־געבנקייט ווי פריער, אָבער דער קאָפּ און דאָס האַרץ איז געווען אַריינגעטאָן אין די צרות וואָס האָבן זיך פון אַלע זייטן געשאָטן אויף יידן און אויף דער דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער וועלט. דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס איז געשאַפן גע־וואָרן אין 1934, אויף דער איניציאַטיוו פון גענאָסע וולאַדעק, האָט אַלץ מער און מער געמאָנט און געפאָדערט, גערופן קאָנפע־רענצן און געמאַכט זאַמלונגען צו העלפן די יידישע קרבנות פון היטלעריזם און אַנטיסעמיטיזם אין אייראָפּע, און אויך איך האָב זיך אַלץ מער און מער באַטייליקט אין די דאָזיקע אַקטיוויטעטן.

אין נאָוועמבער 1938 איז ווי אַ דונער פון הימל אַראָפּגעפאַלן די שוידערלעכע ידיעה אַז וולאַדעק איז פּלוצלונג געשטאָרבן. ער איז געווען דער אָנערקענטסטער און באַליבטסטער פירער פון אונדזער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסן אָנזען און אַכטונג אין דער גאַנצער אַמעריקאַ־נער אַרבעטער־באַוועגונג און אין דער ליבעראַלער אַמעריקע. דער שווערער קלאַפּ האָט אונדז אַלעמען אויף אַ לאַנגע צייט איינגעהילט אין אַ טיפן טרויער. מיר האָבן פאַרלוירן דעם וויכ־טיקסטן פירער אונדזערן.

שפּעטער איז געקומען פאַר אונדזער באַוועגונג נאָך אַ קלאַפּ

פון אַן אַנדער מין: די קאָמוניסטן האָבן פאַרכאַפּט די אַמעריקען לייבאָר־פּאַרטיי. די דעמאָקראַטישע און אַרבעטער־עלעמענטן פון דער לייבאָר־פּאַרטיי האָבן באַלד געגרינדעט די ליבעראַל־פּאַרטיי וואָס איז תיכף אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך די „געווערק־שאַפטן"; איך האָב זיך אַקטיוו באַטייליקטביים גרינדן די ליבע־ראַל־פּאַרטיי. באַלד האָט אונדזער נייע פּאַרטיי אָפּגעהאַלטן אַ פּאָליטישן זיג און האָט דורכגעפירט אין ניו־יאָרקער סיטי־קאָונסיל אַלס קאָונסלמען סאַלוואַטאָר נינפאָ, אַ וועטעראַן פון איטאַליענישן לאָקאַל 48 פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן.

זומער 1939 איז געקומען אַ שווערער קלאַפּ פאַר דער גאַנ־צער וועלט און באַזונדערס פאַר אונדז יידן — דער סטאַלין־היט־לער־אָפּמאַך. עס איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען אַז דער אָפּמאַך באַדייט אַ טויט־געפאַר פאַר די אייראָפּעאישע יידן. און אַזוי איז טאַקע צום באַדויערן געשען. דעם 1טן סעפּטעמבער איז היטלער באַפאַלן פוילן, און אין דריי וואָכן אַרום האָט סטאַלין פאַרכאַפּט דעם רעשט טייל פוילן און אַזוי אַרום זיינען די דריי און אַ האַלב מיליאָן פּוילישע יידן פלוצלינג אַריינגעפאַלן אין דעם שרעקלעכן תהום פון די צוויי בלוטיקע דיקטאַטורן. אונדזער „אינטערנע־שאָנעל" האָט דעמאָלט באַשלאָסן צו זאַמלען אַ פאָנד פון 200 טויזנט דאָלאַר פאַר די קרבנות פון נאַציזם און איך האָב זיך זייער אַקטיוו באַטייליקט ביים קלייבן דאָס געלט.

ביי די פּרעזידענט־וואַלן פון 1940 האָט די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג אַקטיוו אונטערגעשטיצט רוזוועלטס קאַנדידאַטור פאַר אַ דריטן טערמין, ווייל מען האָט אין אים געזען דעם שטאַרקסטן פאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, וואָס איז בכוח זיך קעגנצושטעלן דעם פאָרויסמאַרש פון נאַציזם וואָס האָט גע־בושעוועט אין אייראָפּע.

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און עס איז געקומען אַ דירעק־טער קלאַפּ קעגן אַמעריקע — דער פאַררעטערישער אָנפאַל אויף פּוירל האַרבאָר דעם 7טן דעצעמבער 1941. אונדזער לאַנד איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער וועלט־מלחמה קעגן נאַציזם און דיקטאַטור.

מיין זון נח און מיין איידעם גילבערט זיינען גענומען געוואָרן אין דער אַרמיי. מיין ייִנגסטער זון פיליפּ איז אַוועק אין דער „מוירטשעגט־מאַרין" (האַנדלס־פלאָט) און מיין זון דזשאָ האָט די רעגירונג אָנגעשטעלט אַלס אַן אַקאַונטענט. מיין פרוי און איך האָבן זייער געליטן וואָס אַלע פיר קינדער אונדזערע זיינען אין דער מלחמה. ספּעציעל האָט דאָס זייער געווירקט אויף מיין פרוי, ווייל זי איז פון פריער געווען אַ שוואַכע, זי האָט געהאַט אַ הויכן בלוט־דרוק און דאָס האָט אויך אָנגערירט איר האַרץ. מיין טאָכטער, איירין, האָט דעמאָלט געבוירן אַ טעכטערל, נענסי, און אַזוי ווי איר מאַן איז שוין דעמאָלט געווען אין מיליטער, איז זי אויך געווען אַליין, האָב איך געבראַכט מיין פרוי צו מיין טאָכטער און זיי זיינען געווען צוזאַמען. דאָס נאָרמאַלע לעבן איז ביי אונדז אַביסל צערודערט געוואָרן, אָבער גראָד דעמאָלט האָב איך אַ סך געאַרבעט. איך בין געווען זייער אַקטיוו ביים פאַרקויפן ליבערטי־באָנדס. אין 1942 האָט דער לאָקאַל 35 פאַרקויפט פאַר 135 טויזנט דאָלאַר ליבערטי־באָנדס און איך האָב אין דעם געהאַט אַ גרויסן חלק.

אין 1943 האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָספּעריטי אין אונדזער פאַך. עס האָבן אַזש אויסגעפעלט אַרבעטער, ווייל אַ סך יונגעלייט זיינען גענומען געוואָרן אין דער אַרמיי, אַנדערע זיינען אַוועק צו מיליטערישער אַרבעט. דער קלאָוקמאַכער האָט אָנגעהויבן בעסער צו פאַרדינען און די באַלעבאַטים האָבן געהעכערט די פּרייזן אויף זייערע סחורות. צו קיין גרויסע רייבונגען איז ניט געקומען. די אַרבעטער האָבן געאַרבעט איבער־שעהן און שבתים, מיט דער דערלויבעניש פון דער יוניאָן. די יוניאָן, אונטער דער פירונג פון ישראל פיינבערג, האָט זיך באַמיט אויסצונוצן די גינסטיקע קאָניוקטור כדי איינצופירן נייע פאַרזיכערונגען און פאָנדן פאַר די אַרבעטער.

אין 1943, ביי די אונטערהאַנדלונגען מיט די באַלעבאַטים וועגן באַנייען דעם קאָלעקטיוון אָפּמאַך, האָט די יוניאָן אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג וועגן איינפירן אַן עלטער־פענסיע־פאָנד ווי אויך אַ פאַרזיכערונגס־פאָנד פאַר אלמנות. אין דער צייט ווען

עס זײַנען פֿאָרגעקומען די קאָנפֿערענצן מיט די באָסעס האָט ישראל פֿײַנבערג עטלעכע מאָל זיך אויסגערעדט פֿאַר מיר דאָס האַרץ, אַז עטלעכע מענעדזשערס שטערן אים בײַם דורכזעצן די פֿאָדערונג פֿון אַ רעטײַרמענט־פֿאָנד, זיי ווילן בעסער אַ קראַנקען־פֿאָנד און וואַקאַציע־פֿאָנד. איך בין דעמאָלט געווען אין גאַנצן אויף פֿײַנבערגס זײַט. פֿײַנבערג האָט אויסגעפֿירט: די מאַנופֿעקטשורערס האָבן נאָכגעגעבן אײַנצופֿירן דעם „רעטײַרמענט־פֿאָנד”.

עס איז דעמאָלט געווען אַ גוטע צײַט, און די באָסעס האָבן מורא געהאַט פֿאַר סטרײַקן און זיי האָבן זיך אויך גערעכנט מיט דעם, אַז די רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע איז געווען פֿרײַנדלעך צו אַרבעטער און צו די יוניאָנס, האָבן זיי לײַכטער נאָכגעגעבן די פֿאָדערונגען פֿון דער יוניאָן. אַזוי איז ישראל פֿײַנבערג געוואָרן דער פֿאַקטישער פֿאָטער פֿון דעם „רעטײַרמענט־פֿאָנד”, און איצט געניסן דערפֿון טויזנטער קלאָוקמאַכער, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן פֿון דער אַרבעט, מיט אַ לעבנסלאַנגלעכער פּענסיע און זיי געדענקען צום גוטן דעם נאָמען פֿון ישראל פֿײַנבערג.

דעם 28טן אַפּריל 1943 איז געשטאָרבן מאָריס פֿײַנסטאָון. מען האָט מיר טעלעפֿאָנירט גאַנץ פֿרי און אָנגעזאָגט מיר די טרויעריקע בשׂורה. פֿאַר מיר און פֿאַר מײַן פֿרוי איז עס געווען אַ גרויסער קלאַפּ, ווײַל ער איז אונדז געווען אַן איבערגעגעבענער פֿרײַנד. מאָריס פֿײַנסטאָון איז פֿריער געווען דער אַסיסטענט־סעקרעטאַר פֿון די „פֿאַראײניקטע יידישע געווערקשאַפֿטן” און ווען מאַקס פּײַן איז אַוועק אַרבעטן אין „פֿאָרווערטס” איז פֿײַנסטאָון אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר סעקרעטאַר. אין די עטלעכע יאָרן וואָס ער האָט פֿאַרנומען דעם אַמט האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו, פֿעאיקייט און אינטעליגענץ.

אויף דער קאָנווענשאָן פֿון דער „אינטערנעשאָנעל” אין 1944, האָט מען שוין שטאַרק אָנגעזען ווי די „אינטערנעשאָנעל” האָט זיך כמעט אין גאַנצן געביטן. עס איז שוין ניט די „אינטערנעשאָנעל” פֿון 1910 ביז אַרום 1930, ווען עס איז געווען אַ גרויסע מערהייט יידישע אַרבעטער. בײַ דער דאָזיקער קאָנווענשאָן זײַנען שוין געווען פֿאַרטראָטן אַ סך, טאַקע אַ מערהייט אַנדערע אַמערי־

קאַנער: איטאַליענישע און שפּאַנישע אַרבעטער, די פּירערשאַפט, מיט קליינע אויסנאַמען, איז נאָך אַלץ געווען אַ יידישע, ספּעציעל אין דער גענעראַל־עקזעקוטיווע, און עס איז נאָך ביז איצט אַזוי, ווייל די מערהייט אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן האָבן דעם גרעסטן צוטרוי צו דער אַלטער פּירערשאַפט. אויף דער דאָזי־קער קאָנווענשאָן איז מיט גרויס ענטוזיאַזם אויפגענומען געוואָרן די רעזאָלוציע, אַז רוזוועלט זאָל לויפן אויף אַ פערטן טערמין. אַלע דעלעגאַטן האָבן זיך אויפגעשטעלט, מאַרשירט איבערן גרויסן האָל און געשריען: „מיר ווילן פראַנקלין ד. רוזוועלט פאַר פּרע־זידענט".

דער חודש מאַי 1945 איז געווען אַ חודש פון פרייד און פון טרויער געמישט. די בעסטיאַלישע נאַציס האָבן זיך אונטערגע־געבן צו די אַליאירטע אַרמייען און די היטלער־מלוכה איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן. די מלחמה האָט זיך געענדיקט, אָבער פאַר אונדז יידן איז דאָס געווען אַ צייט פון טיפן טרויער, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער בלוטיקער נאַצי־רעזשים האָט אומ־געבראַכט 6 מיליאָן פון אונדזערע ברידער און שוועסטער אין איראָפּע.

דעם 12טן מאַי איז דער פּרעזידענט רוזוועלט פּלוצלינג גע־שטאָרבן און די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג איז איינגעהילט גע־וואָרן אין טרויער. הערי טרומאַן האָט פאַרנומען זיין אָרט און עס איז נישט געווען באַוואוסט וואָס פאַר אַ פּאָליטיק ער וועט אָננעמען לגבי דער אַרבעטערשאַפט. צום גליק האָט זיך אַרויס־געוויזן אַז טרומאַן איז געגאַנגען אין די וועגן פון רוזוועלטן און ער האָט אַרויסגעוויזן אפשר נאָך מער פריינדלעכקייט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג ווי זיין גרויסער פאָרגייער. ער איז געגאַנגען אַפילו נאָך ווייטער ווי רוזוועלט, ווי, למשל, מיט זיין געזעץ־פּראָיעקט וועגן אַ געזונט־פאַרזיכערונג פאַר דער גאַנצער באַפעל־קערונג אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

# קאַפּיטל 32

באַלד נאָך דער מלחמה איז די פּראַגע פון ארץ־ישראל געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע פּראָגן אין דער וועלט־פּאָליטיק. דער ארץ־ישראלדיקער ישוב האָט פאַרלאַנגט אַן אייגענע מלוכה. איך בין געווען מיטן גאַנצן האַרצן פאַר דער דאָזיקער פאָדערונג און איך בין געוואָרן מער אַקטיוו פאַרן הסתדרות־קאַמפּיין ווי פריער. אין מיין ענטוזיאַזם פאַר ארץ־ישראל בין איך מערסטנס באַאיינפלוסט געוואָרן דורך מאַקס פּיין, ווייל איך האָב געהאַט צוטרוי צו אים און אויך צו אַב. קאַהאַנען. זיי האָבן באַזוכט ארץ־ישראל מיט יאָרן צוריק און זיי זיינען צוריקגעקומען באַגייסטערטע פאַר דער דאָרטיקער אַרבעטער־באַוועגנג. זיי האָבן דערקלערט, אַז די הסתדרות בויט דאָרט סאָציאַליזם. יוסף ברעסלאוו און איזידאָר נאַגלער, וואָס האָבן שפּעטער באַזוכט פּאַלעסטינע, זיינען אויך צוריקגעקומען מיט די זעלביקע באַריכטן. האָט דאָס אַלץ אויף מיר שטאַרק געווירקט.

ווען מען האָט זיך גענומען גרייטן צום אַלוועלטלעכן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל אין 1947 און עס האָט זיך אָנגעהויבן די שקלים־קאַמפּאַניע האָב איך פאַרקויפט אַ היפּשע צאָל שקלים. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט בכלל פאַרקויפט אַ גרויסע צאָל שקלים און דעריבער האָבן די אַרבעטער־ציוניסטן געהאַט רעכט אויף אַ גרויסער דעלעגאַציע. דער קאָונסיל פון די טרייד־יוניאָנס ביים געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האָט באַקומען דריי דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. יוסף ברעסלאוו האָט פאַרלאַנגט אַז איך זאָל זיין איינער פון די דריי דעלעגאַטן צוליב מיינע פאַרדינסטן און צוליב דעם, וואָס דער לאָקאַל 35 האָט בכלל זיך אויסגעצייכנט אין דעם שקלים־קאַמפּיין. איך האָב מיט דאַנקבאַרקייט אָנגענומען דעם

פֿאָרשלאָג. איך האָב אָבער געזאָגט, אַז אַן ענדגילטיקן ענטפֿער וועל איך געבן ווען איך וועל זיך באַראָטן מיט מיין פֿרוי, צי זי וועט וועלן איך זאָל אָוועקפֿאָרן אויף עטלעכע חדשים (די דעלע־גאַציע איז אויך געווען איינגעלאַדן צו באַזוכן ארץ־ישראל). מיין פֿרוי איז צו יענער צייט שוין עטלעכע יאָר געווען קראַנק אויפֿן האַרץ און אויב זי וואָלט ניט געוואָלט איך זאָל אָוועקפֿאָרן אויף אַזאַ לאַנגע צייט, וואָלט איך איר ניט געוואָלט ערגערן. ווען איך בין געקומען צו מיין פֿרוי און כ׳האָב איר דערציילט, אַז מען האָט מיר פֿאָרגעשלאָגן צו פֿאָרן צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל און דערנאָך אויף אַ באַזוך קיין ארץ־ישראל, האָט זי מיך געפֿרעגט: האָסטו אָנגענומען? ענטפֿער איך איר: איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך וועל זיך מיישב זיין מיט דיר. נו, איז אויב דו האָסט ניט דאַקעגן, וועל איך זיי געבן אַן ענטפֿער אויף יאָ. מיין פֿרוי האָט ניט געקלערט קיין סך און געזאָגט, אַז ווען זי וואָלט געווען געזונט וואָלט זי אַליין געפֿאָרן מיט מיר מיטגעפֿאָרן, און פֿון אַזאַ זעלטענער געלעגנהייט טאָר מען זיך ניט אָפּזאָגן. איך האָב זי אַרומגעכאַפּט קושן פֿון גרויס פֿרייד.

די פּאָר וואָכן וואָס איך האָב זיך געגרייט צום פֿאָרן זיינען ביי מיר געווען זייער פֿיבערהאַפֿטע. איך האָב געטרוימט וועגן די באַרימטע ערטער וואָס איך וועל באַזוכן אין אייראָפּע, און דער עיקר — וועגן ארץ־ישראל, דאָס לאַנד פֿון אונדזערע אבות! איך האָב אויך געפּלאַנעוועט צו פֿאָרן קיין רוסלאַנד, אויב מען וועט מיר געבן אַ וויזע. איך האָב זיך פֿאַרזאָרגט מיט רעקאָמענדאַציע־בריוו, אַז וואו איך וועל קומען זאָל איך האָבן צו וועמען זיך צו ווענדן. די אַנדערע צוויי דעלעגאַטן, אַחוץ מיר, זיינען געווען לוסי אָפּענהיימער, פֿון דער מילינערי־יוניאָן, און העררי גרינבערג, מענעדזשער פֿון לאָקאַל 91 און וויים־פּרעזידענט פֿון דער „אינ־טערנעשאָנעל״.

דער טרייד־יוניאָן קאָונסיל פֿון געווערקשאַפֿטן קאַמפּיין האָט אַראַנזשירט אַ צאתך־לשלום באַנקעט פֿאַר אונדז. מען האָט אונדז אויף אַ פֿייערלעכן אופֿן דערלאַנגט די באַפּולמעכטיקונגען אַלס דעלעגאַטן און מיט וואונטשן אַז מיר זאָלן האָבן אַ גליקלעכע



איך מיט מיין פרוי, ברידער און שוועסטער, שוועגערינס און שוואָגערס אויף אַ צוזאַמענקום פאַר מיין אָפּפאָר צום ציוניסטישן קאָנגרעס, 1946

רייזע. אַחוץ מיין פֿאַמיליע זיינען אויך אַ סך פֿריינד און חברים געקומען צו דער שיף אונדז באַגלייטן. מיר זיינען געפֿאָרן מיט דער שיף „קווין מערי”. גרינבערג און איך זיינען געפֿאָרן אין טוריסטן־קלאַס, לוסי איז געפֿאָרן ערשטע קלאַס, ווייל מען האָט ניט געקענט קריגן פֿאַר איר קיין אָרט אין טוריסטן־קלאַס.

אויף דער שיף האָבן מיר זיך געטראָפֿן מיט אַ סך אַנדערע דעלעגאַטן פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג און מיט אַ היפּשע צאָל קאָרעספּאָנדענטן פֿון צייטונגען, וועלכע זיינען געפֿאָרן כּדי צו שיקן באַריכטן פֿון דעם וויכטיקן קאָנגרעס. אויף דער שיף האָט זיך פֿאָרמירט אַ מין פּאָליטישער קלוב, מען האָט זיך אָפּט צונויפֿגעטראָפֿן אויפֿן דעק און אַ סך דעבאַטירט וועגן דער לאַגע אין ארץ־ישראל, ווייל אין יענער צייט זיינען דאָרט געווען גרויסע אומרוען. איך האָב זיך אויף דער שיף באַקענט מיט וויכ־טיקע יידישע פּערזענלעכקייטן. די 6 טעג פֿון דער רייזע מיט דער שיף זיינען אַריבערגעפֿלויגן ווי איין טאָג.

פֿאָרנדיק אויף דער לוקסוסאַרטיקער „קווין מערי”, האָב איך זיך דערמאָנט אין דער שיף מיט וועלכער איך בין געפֿאָרן פֿון דייטשלאַנד קיין אַמעריקע מיט 40 יאָר צוריק, די ליידן וואָס מיר זיינען דעמאָלט אויסגעשטאַנען און דעם הונגער. איצט, איז די רייזע אויף דער „קווין מערי” געווען אַ וואונדערבאַרער אָפּרו און איך האָב פֿאַרבראַכט די עטלעכע טעג אין גרויס פֿאַרגעניגן.

מיר זיינען אָנגעקומען מיט דער שיף קיין סאַוטהעמפּטן און פֿון דאָרט זיינען מיר געפֿאָרן מיט אַ באַן קיין לאָנדאָן. מיר זיינען פֿאַרפֿאָרן אין אַ האָטעל און האָבן געפּלאַנעוועט צו פֿאַרהאַלטן זיך דאָרט אַ וואָך צייט. דער האָטעל האָט אין מיינע אויגן אויסגע־קוקט ווי אַ קליינשטעטלדיקע אַכסניה. עס איז דאָרט געווען קאַלט און פֿינצטער (אין קיין גרויסן האָטעל האָבן מיר ניט געקענט קריגן קיין רעזערוואַציעס). געגאַנגען עסן זיינען מיר אין אַ רעסטאָראַן פֿון אַ גרויסן האָטעל. מיר האָבן געהאָפֿט, אַז דאָרט וועלן מיר קריגן אַ לייטיש מיטאָג ווי אויף דער שיף. אָבער אויך דאָ האָבן מיר ניט געקראָגן וואָס מיר האָבן געוואָלט, אַפֿילו קיין נעפּקינס האָט מען אונדז ניט געגעבן. קומענדיק צוריק אין

אונדזער האָטעל, האָבן מיר מורא געהאַט אויסצוטאָן זיך און גיין שלאָפן, אַזוי קאַלט איז געווען. מיר האָבן טאַקע געקראָגן דיקע קאָלדרעס. דאָך בין איך די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן.

אין דער פרי בין איך אַוועק צום אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר בעטן אים ער זאָל אונדז שאַפן אַ בעסערן האָטעל. קומענדיק דאָרט האָב איך דעם אַמבאַסאַדאָר ניט געטראָפן, ווייל ער איז ניט גע־ווען אין לאָנדאָן. זאָגט מען מיר, אַז סער פּאָרטער איז זיין פאַר־טרעטער. מען לאָזט מיך אַריין אין זיין אָפיס און איך בלייב שטיין אַ פאַרוואונדערטער — איך דערקען אין סער פּאָרטער אַ מענטש וואָס איז אַמאָל געווען אַ מיטגליד פון „איפּסל" און איך פלעג אים אויך טרעפן ביי לעקציעס אין רענד־סקול. ער האָט מיך אויך דערקענט און ער האָט זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט. ער איז מיט מיר באַלד צוגעפאָרן אין אַ רעסטאָראַן אין אַן אויטאָ פון דער אַמבאַסאַדע און ער האָט מיך מכבד געווען מיט לאָנטש. איך האָב אים דערציילט וועגן אונדזער האָטעל און כ'האָב אים געפרעגט צי קען ער אונדז רעקאָמענדירן אַן אַנדער האָטעל. האָט ער געענטפערט אַז ענגלאַנד ליידט נאָך איצט שטאַרק פון די פאָלגן פון דער מלחמה, און אַז אַפילו אין די רייכסטע האָטעלן איז אויך ניטאָ די באַקוועמלעכקייטן וואָס אין די ניו־יאָרקער האָטעלן. ער האָט מיך אַרומגעפירט אין זיין אויטאָ איבער לאָנ־דאָן, ער איז מיט מיר צוגעפאָרן צום פּאַרלאַמענט, וואו איך האָב זיך געזען מיט מאָריסאָן, איינעם פון די לידערס פון דער לייבאָר־פּאַרטיי. מיט מאָריסאָנען האָב איך זיך געהאַט באַקענט נאָך אין ניו־יאָרק, ווען ער איז געווען דער גאַסט פון דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. ווען פּאָרטער האָט זיך געזעגנט מיט מיר, האָט ער מיך געבעטן איבערגעבן גרוסן צו ניו־יאָרקער גענאָסן, ספּעציעל צו אַלדזשערנאָן לי, וועלכער איז געווען זיין לערער אין רענד־סקול. נאָך דעם האָט ער אָנגעזאָגט דעם שאָפער ער זאָל נאָך מיט מיר אַרומפאָרן איבער לאָנדאָן און מיר ווייזן די שטאָט און ער האָט אים אָנגעוויזן וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנטע אינסטיטוציעס און מאָנומענטן ער זאָל מיר ווייזן. איך האָב געזען די חורבות וואָס די מלחמה האָט אָנגעמאַכט אין ענגלאַנדס הויפּטשטאָט. מיר זיינען

שוין פאַרבליבן אין דעם האָטעל און נאָך עטלעכע טעג זיינען מיר געפאָרן מיט אַ שיף קיין פראַנקרייך.

אין פּאַריז האָבן מיר פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג. איך האָב געהאַט אַ בריוו צו חברים פון דער הסתדרות און אויך צו חברים וועלכע האָבן פאַרטראַטן דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און האָבן אָנגעפירט מיט די קינדער־היימען, וועלכע דער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט אויסגעהאַלטן אין פראַנקרייך. איך האָב באַזוכט די דאָזיקע קינדער־היימען, איך האָב גערעדט מיט די עלטערע קינדער, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע טאַטעס און מאַמעס אין דער היטלער־מגפה. עס האָט פאַרקלעמט ביים האַרץ צו זען די שיינע יונגע קינדערלעך וואָס זיינען פאַרבליבן אַליין אין דער וועלט און איך האָב געבענטשט דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט וואָס ער האָט אויף זיך גענומען צו שאַפן אַ היים פאַר די דאָזיקע קינדער.

פון פּאַריז זיינען מיר געפאָרן קיין באַזעל מיט דער באַן. שנעל זיינען מיר אַדורך די צאָל־באַאַמטע, אויפן וואָקזאַל האָבן אויף אונדז שוין געוואַרט אַ גרויסע גרופּע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געטראָגן אַרעמבענדער אויף די הענט מיטן אויפשריפט „אַל־וועלטלעכער ציוניסטישער קאָנגרעס". דער דאָזיקער אויפנאַם־קאָמיטעט האָט אונדז צוגעפירט צו אַ שיינעם, באַקוועמען האָטעל, וואו מיר האָבן געקראָגן אַ שיינעם צימער מיט אַלע באַקוועמ־לעכקייטן. איך מיט גרינבערגן האָבן גענומען איין צימער. מיר האָבן אַלץ איינגעאָרדנט און מיר זיינען אַרונטער אין דעם פּאָיע. די באַדינערס פון האָטעל, שיין אָנגעטאָן, האָבן אונדז געפרעגט צי מיר ווילן עסן אין האָטעל־רעסטאָראַן. מיר האָבן צוגעשטימט. האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ שיינעם, באַקוועמען עס־זאַל, פונקט ווי אין אַ ניו־יאָרקער ערשטקלאַסיקן האָטעל. דאָס עסן, די באַדינונג פון די שיינע, אויסגעפּוצטע קעלנערס איז געווען זייער אָנגענעם. מיר האָבן נאָכן עסן געמאַכט אַ שפּאַציר איבער די גאַסן פון באַזעל. מיר האָבן דערזען פאַר זיך שיינע, גרויסע הייזער און שיינע, גרויסע געשעפטן. אַלץ אַרום איז געווען אַזוי פריילעך, לעבעדיק. די מענטשן מיט שיינענדיקע געזיכטער. וואָס

פאַר אַן אונטערשייד צו לאָנדאָן און פּאַריז אין יענער צייט!
איך האָב ניט געזען אין גאַס קיין באָרוועסע, אָפּגעריסענע קינדער
אַזוי ווי אין פּאַריז און אין לאָנדאָן.

צוזאַמענגעס האָט געדאַרפט געעפנט ווערן דער קאָנגרעס. איך
האָב געהאַט אַביסל צייט, בין איך געפלויגן קיין זשענעוו זיך
טרעפן מיטן פּראָפעסאָר ליבמאַן הערש, דעם גרויסן טעאָרעטיקער
פון „בונד". אַדאָלף העלד האָט מיר געגעבן אַ בריוו צו אים.
ווען איך בין אַריינגעקומען צום פּראָפעסאָר הערש אין הויז, האָב
איך דערזען אַ קליינע וואוינונג וואָס האָט אויסגעקוקט גיכער
ווי אַ ביבליאָטעק איידער אַ וואוינונג. אין יעדן ווינקל האָט גערוט
די שכינה. אַזוי זויבער האָבן אויסגעקוקט די פּאָר קליינע צימערן.
ער האָט מיך אויפגענומען ווי אַן אַלטן חבר, וואָס ער וואָלט גע־
קאָנט פון יאָרן. מיט אַזאַ ליבשאַפט האָט ער זיך באַצויגן צו מיר.
ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אַלעמען פון ניו־יאָרק. ער האָט
מיר געזאָגט, אַז ער האָט געלעזן אין „פאָרווערטס" וועגן אונדזער
אַרבעטער־דעלעגאַציע, וועלכע איז געפאָרן צום קאָנגרעס. ער
האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט אויך זיין ביים קאָנגרעס אַלס קאָ־
רעספּאָנדענט.

פּראָפעסאָר הערש האָט מיט אַ סך פיינקייט און דעליקאַט־
קייט מיך געפרעגט, ווי קומט דאָס וואָס אַ געגנאָסע פון „פאָרווערטס",
וואָס איז אַוודאי ניט קיין ציוניסט, זאָל זיין אַ דעלעגאַט צום
ציוניסטישן קאָנגרעס. האָב איך אים דערקלערט, אַז מיר, אין ניו־
יאָרק, האָבן אַ גרויסע באַוועגונג וואָס שטיצט די הסתדרות אין
ארץ־ישראל, ווייל מיר קוקן אויף די אָרטיקע יוניאָנס ווי אויף
בויערס פון טאָציאַליזם אין ארץ־ישראל און איך בין געווען
איינער פון די, וואָס האָבן נאָך מיט יאָרן צוריק געגרינדעט דעם
געווערקשאַפטן־קאַמפּיין; איז אַט די באַוועגונג געווען פאַראינ־
טערעסירט צו שיקן אירע דעלעגאַטן צו פאַרטרעטן די אַמעריי־
קאַנער יידישע אַרבעטער ביים קאָנגרעס, און איך פיל עס אַלס אַ
כבוד און אַ פאַרגעניגן צו רעפּרעזענטירן זיי ביים דאָזיקן קאָנגרעס.

פּראָפעסאָר הערש האָט מער וועגן דעם מיט מיר ניט גערעדט.
ער האָט אין גאַנצן ניט געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ

בונדיסט, וואָס איז קעגן אַלץ וואָס די ציוניסטן זאָלן ניט טאָן, צי גוט, צי שלעכט. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך וועל זיין פאַראינטערעסירט זיך אָפּצושטעלן אויף עטלעכע טעג אין זשענעוו, וועט ער מיך אַרומפירן ווייזן די שטאָט און אויך די יידישע אינסטיטוציעס ווי אויך די קינדער־היימען. איצט האָט ער ניט קיין צייט, ווייל נאָך לאָנטש דאַרף ער גיין אין אוניווערסיטעט געבן אַ לעקציע. איך בין געווען זייער צופרידן אָנצונעמען זיין אָנבאָט, ווייל איך אַליין האָב טאַקע דאָס געוואָלט אים בעטן.

איך האָב אים איינגעלאַדן צו גיין מיט מיר עסן לאָנטש אין דעם רעסטאָראַן אין דער געביידע פון דער אַמאָליקער פעלקער־ליגע. דאָרט האָב איך געזען וואָס פאַר אַן אָנגעזעענער מענטש ער איז. כמעט אַלע מענטשן וואָס זיינען דאָרט געווען זיינען צו אים צוגעקומען, האָבן זיך מיט אים זייער פריינדלעך באַגריסט און האָבן אַרויסגעוויזן צו אים גרויס רעספּעקט. עס איז ווירקלעך געווען פאַר מיר אַ גרויס פאַרגעניגן מיט אים צו פאַרברענגען דאָס ביסל צייט וואָס ער האָט געהאַט. ווען איך בין געפאָרן צוריק פון קאָנגרעס, האָב איך זיך טאַקע אָפּגעשטעלט אין זשענעוו אויף עטלעכע טעג און האָב באַזוכט פאַרשיידענע יידישע אינסטיטוציעס. איך האָב אויך געהאַט אַ סימפּאַטיש געפיל פאַר זשענעוו, ווייל די שטאָט האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; דאָ האָט געהאַט זיין זיצאָרט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, פון דאַנעט פלעגט מען צושיקן אומלעגאַלע ליטעראַטור קיין רוסלאַנד, און איך פלעג אַמאָל אָפּנעמען די ליטעראַטור און פאַרשפּרייטן פאַר דעם „יושנעם ראַיאָן” אין רוסלאַנד, ווי יעקאַטערינאָסלאַוו, אַדעס און אַנדערע שטעט.

## קאַפּיטל 33

דעם זעלביקן טאָג, פאַרנאַכט, בין איך צוריקגעקומען קיין באַזעל. איך האָב געטראָפן אַ בחור וואַרטן אויף מיר, כדי מיך אָוועקצופירן צו אַ מיטאָג־אויפנאַמע פאַר די דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאַרטראָטן די „הסתדרות״. אונדזערע אַנדערע צוויי דעלעגאַטן, הערי גרינבערג און לוסי אָפּענהיימער, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן. אַ סך פון די וואָס זיינען אַנוועזנד געווען ביי דער אויפנאַמע, האָב איך געקענט, ווייל זיי זיינען געווען אין ניו־יאָרק אַלס פאָרשטייער פון דער „הסתדרות״ ביי די קאָנווענשאָנס פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. ביי דעם צוזאַמענקום האָט מען אונדז, דעלעגאַטן, פאָרגעלייענט אַ פּראָגראַם ווי אויך אינסטרוקציעס ווי צו האַלטן זיך אויפן קאָנגרעס ביי פאַרשיידענע פראַגן. מען האָט אויך אויסגעקליבן פאָרשטייער צו פאַרשיידענע קאָמיטעטן, וואָס דער קאָנגרעס וועט באַשטימען. מיך האָט מען צוגעטיילט צו אַ קאָמיטעט וועלכער זאָל צונויפרופן דעם „איחוד״, ד״ה די אַרבעטער־פראַקציע, ווען עס וועט זיין נייטיק. ביי דעם צוזאַמענקום האָבן גערעדט בן־גוריון, קאַפּלאַן און שפּרינצאַק. מען האָט אויך אונדז, די דריי דעלעגאַטן פונעם אַמעריקאַנער „געווערקשאַפטן־קאַמפּיין״, פאָרגעשטעלט פאַרן גאַנצן עולם דעלעגאַטן. אָט די ערשטע באַגעגעניש מיט יידן פון ארץ־ישראל האָט מיר פאַרשאַפט אַ גרויסן גייסטיקן פאַרגעניגן. איך האָב אויך באַוואונדערט זייער אָריענטאַציע אין וועלט־פראַגן וואָס מען האָט ביי דעם צוזאַמענקום דיסקוטירט. עס האָט מיך געפרייט זייער צוגאַנג אין אַ ריין סאָציאַליסטישן גייסט און איך האָב דערפילט אַ צופרידנקייט פון דעם וואָס איך האָב אויסגעקליבן דעם ריכטיקן וועג צו זיין אַקטיוו אין דער באַוועגונג פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין און צו העלפן בויען די יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל.

אויף מאָרגן בין איך אויפגעשטאַנען פרי, און זיך געגרייט

צו גיין זען דאָס אָרט, וואו דער קאָנגרעס האָט געדאַרפט דער־
עפנט ווערן אין אָוונט, און אויך אַריינצוגעבן אין ביוראָ פון
קאָנגרעס מיין באַפולמעכטיקונג אַלס דעלעגאַט. איך בין אַוועק
דאָרט צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע דעלעגאַטן. מיר זיינען צוגע־
פאָרן מיט אַ טראַמוויי צו אַ גרויסן פּלאַץ, דאָ האָבן מיר דערזען
אַ גרויסע, שיינע געביידע, אָפּגעזונדערט פון דער גאַס. אַרום
דער געביידע שטייען יונגע בחורים מיט בלויע בענדער אויף
די אָרעמס, זיי האַלטן אָרדענונג און ווייזן יעדן איינעם וואו צו
גיין. אַריינקומענדיק אין אין דער געביידע האָב איך דערזען פאַר
זיך זייער אַ גרויסע אוידיטאָריע, וואָס נעמט אַריין עטלעכע
טויזנט מענטשן. ביי די זייטן זיינען דאָ קלענערע זאַלן פאַר זי־
צונגען פון קאָמיטעטן. אין אוידיטאָריום זיינען פאַראַן צוויי גרויסע
פּלאַטפאָרמעס, אַן אויבערשטע און אַן אונטערשטע, אויף וועלכע
מען קען אויסזעצן עטלעכע הונדערט מענטשן. דיביידע פּלאַט־
פאָרמעס זיינען אויסגעפּוצט מיט די פענער פון אַלע לענדער,
פון וועלכע עס זיינען געקומען דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. אומעטום
זעט מען קוישן מיט בלומען וואָס גיט צו חן דעם זאַל. אין מיטן
פון דער פּלאַטפאָרמע שטייט אַ גרויס בילד פון דאָקטער הערצל,
דעם באַגרינדער פון ציוניזם, און אַרום און אַרום נאָך פאַרשיידענע
בילדער פון גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן.

פאַרנאַכט, ווען איך בין אַריין אין דעם פּראַכטפולן האָל, וואו
די עלעקטרע האָט באַגאָסן מיט ליכט דאָס אַלץ וואָס איך האָב
ביי טאָג געזען, האָט עס געמאַכט אויף מיר נאָך אַ שטאַרקערן
איינדרוק. די דעלעגאַטן, אויסגעפּוצט אין זייערע יום־טובדיקע
מלבושים, מיט פריילעכע פּנימער, זיצן צעטיילטע אין סעקציעס
לויט זייערע לענדער. אַלטע באַקאַנטע באַגריסן זיך איינער מיטן
צווייטן. די גרויסע פּלאַטפאָרמע האָט אויסגעקוקט ווי אַן אמתער
פּאַרלאַמענט, אפשר נאָך מיט מער גלאַנץ. ביי יעדן אָרט אויף
דער פּלאַטפאָרמע איז געווען אַ פּלעטל פאַר די פאָרשטייער פון
די פאַרשיידענע רעגירונגען. דיפּלאָמאַטן פון יעדן לאַנד זיינען
געקומען אויסדריקן מיטגעפיל צום יידישן פאָלק פאַר אונדזער
גרויסן פאַרלוסט פון די היטלער־קרבנות. ענדלעך קומט חיים

ווייצמאַן אַרויף אויף דער פּלאַטפּאָרמע. מיט אים צוזאַמען גייען בן־גוריון, שפּרינצאַק און גאָלדע מייערסאָן. די דעלעגאַטן שטעלן זיך אויף און אַפּלאָדירן. די מוזיק שפּילט די „התקוה״ און חיים ווייצמאַן גיט אַ קלאַפּ מיטן האַמער און דערעפנט די ערשטע סעסיע פון קאָנגרעס. נאָך זיין דערעפענונגס־רעדע צום קאָנגרעס ווערט ער האַרציק אַפּלאָדירט. נאָך דעם שטעלט ער פאָר די פאָר־טרעטערס פון די רעגירונגען.

צומאָרגנס בין איך געקומען צו דער זיצונג זייער פרי, ווייל איך האָב געוואָלט באַזוכן די פאַרשיידענע ביוראָס פון דער יידי־שער אַגענטור ווי אויך געוויסע אויסשטעלונגען. איך האָב גע־בעטן קאַפּלאַנען, דעם שפּעטערדיקן פינאַנץ־מיניסטער אין דער ישראל־רעגירונג, ער זאָל מיר געבן איינעם פון די שומרים, ער זאָל מיך אַרומפירן און אויפקלערן מיר וועגן אַלע אינטערע־סאַנטע זאַכן אויף די אויסשטעלונגען. אין משך פון די פאָר שעה, ביז די פרימאָרגן־זיצונג האָט זיך געעפנט, האָב איך באַוויזן צו זען בלויז אַ קליינעם טייל און איך האָב אָפּגערעדט מיט דעם שומר, אַז נאָך דער זיצונג זאָל ער מיר ווייזן די רעשט. ביי דער זיצונג האָט מען דערוויילט די פאַרשיידענע קאָמיטעטן. איך בין אַריין אין דעם קאָמיטעט פאַר אַרבעט און קאָנסטרוקציע, וואו אבא חושי, דער איצטיקער מעיאָר פון חיפה, איז געווען פאָרזיצער. אויף דעם גאָרן, וואו עס זיינען געווען די ביוראָען פון די וויכ־טיקסטע פירערס, האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. איך האָב פאַר זיך געזען פאַרשיידענע יידן אין פאַרשיידענע קאָסטיומען. מיט אַ טייל, וועלכע האָבן גערעדט יידיש אָדער ענגליש, האָב איך אַביסל געשמועסט. כ׳האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף די יידן פון זייערע לענדער. אַלע זיינען זיי געווען אַזוי פריינדלעך, אַז עס האָט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, אַז איך קען זיך מיט זיי אַלעמען שוין פון יאָרן. די טוריזנטער מענטשן, וואָס זיינען געקומען צום קאָנגרעס, אַ טייל אַלס דעלעגאַטן, אַ טייל אַלס געסט און אַנדערע צוליב פאַרשיידענע אַנדערע ענינים. געשעפט, הילף צו קענען פאָרן קיין ארץ־ישראל אָדער קיין אַמעריקע, — האָבן אַלע זיך געהאַלטן מיט ווירדע און דרך־ארץ איינער צום צווייטן. סיי

די גרויסע קעפּ און סיי די קלענערע. איך האָב דאָ געזען אַז ס'איז באמת כל ישראל חברים.

די קאָמיסיע פאַר אַרבעט און קאָנסטרוקציע איז געפירט געוואָרן אויף העברעאיש. דער פאָרזיצער, אבא חושי, פלעגט מיר אויפקלערן אויף יידיש וועגן וואָס עס רעדט זיך. אַ פּאָר מיט־גלידער האָבן אויך גערעדט ענגליש. אין דער דאָזיקער קאָמיסיע האָב איך אַ סך זיך דערוואוסט. עס איז גערעדט געוואָרן וועגן אַ מינימום־פּראָגראַם אָדער אַ מאַקסימום־פּראָגראַם פאַר דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי אין דער צוקונפטיקער יידישער מלוכה. די דעבאַטעס אין דער דאָזיקער קאָמיסיע האָבן מיך דערמאָנט אין די אַמאָליקע דיסקוסיעס אין דער רוסישער ס"ד וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע. איך האָב זיך דערביי געטראַכט, אַז אויב מיין פרוי וואָלט געווען אַ געזונטע, וואָלטן מיר זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל און מיר וואָלטן מיטגעהאָלפן בויען די יידישע מלוכה. די קאָמיסיע האָט אָפּגעהאַלטן אַ סך זיצונגען און די דיסקוסיעס זיינען געווען גאַנץ הייסע, ווייל עס האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע פּאַרטייען. אָבער נאָך אַזאַ הייסער דעבאַטע זיינען אַלע ווידער אַמאָל געווען גוטמוטיקע חברים.

אויף דער צווייטער וואָך פון קאָנגרעס האָבן זיך פאַנאַנדער־געטראָגן קלאַנגען, אַז ראַבּיי סילווערס גרופּע איז קעגן דעם אַז דר. וויצמאַן זאָל אויסגעוויילט ווערן פאַר פּרעזידענט פון דער יידישער אַגענטור. אונדזער אַרבעטער־דעלעגאַציע פון אַמעריקע איז איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ לאַנטש פון דער הסתדרות־פראַקציע און דאָרט איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן ראַביי סילווערס פאָדערונג און ווי אַזוי זאָל די הסתדרות־פראַקציע האַנדלען. דוד בן־גוריון האָט דערקלערט אַז די פראַגע קען דאָ ניט באַהאַנדלט ווערן, ווייל דאָס געהערט צו דער קאָמפּעטענץ פון „איחוד" און ווייטער האָט ער דערקלערט, אַז ער און קאַפּלאַן און גאָלדע מייערסאָן וועלן זיך זען מיט דר. וויצמאַן און אויסגעפינען זיין מיינונג. צומאָרגנס האָט געזאָלט פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג פון „איחוד". מיר, די דעלעגאַציע פון אַמעריקאַנער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, האָבן אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע באַראַטונג וואָס מיר זאָלן

טאָן אין דער דאָזיקער סיטואַציע. איך האָב געהאַלטן אַז אַזוי ווי מיר זיינען דעלעגאַטן צום קאָנגרעס דורך דער הסתדרות, דאַרפן מיר זי אונטערשטיצן אין אַלע פראַגן און שטימען מיט דער דע־לעגאַציע פון דער הסתדרות, ספּעציעל אין דער פראַגע פון דר. ווייצמאַן, וואָס איז אַ הויך־פּאָליטישע פראַגע מיט וועלכער מיר זיינען וויניק באַקאַנט. גרינבערג האָט דערקלערט, אַז ער וועט נעמען אַ וואָרט ביי דער איחוד־זיצונג און וועט רעדן קעגן איינ־גיין אויף וועלכן ס'איז קאָמפּראָמיס מיט דר. סילווערס גרופּע, און ער וועט אַפילו שטימען מיט אַ מינאָריטעט. לוסי אָפּענהיימער איז געווען איינשטימיק מיט מיר, אַז מיר דאַרפן גיין צוזאַמען מיט דער הסתדרות־דעלעגאַציע. און ווען מען איז געקומען צום מיטינג האָט בן־גוריון דערקלערט, אַז מיר זיינען אַלע אין אַזאַ לאַגע, אַז מיר מוזן אונטערהאַנדלען מיט סילווערס גרופּע, ווייל זי האָט אַ גרויסע אונטערשטיצונג און אַז ווייצמאַן אַליין ציט צוריק זיין קאַנדידאַטור אויף פּרעזידענט. גרינבערג האָט גענומען אַ וואָרט און פּאָרגעלייגט, אַז מען זאָל „דרעפּטן" ווייצמאַנען, אַרויסשטעלן זיין קאַנדידאַטור פאַר יעדן פּרייז און אַז ער, גרינ־בער, שטימט קעגן פאַרהאַנדלען מיט סילווערס גרופּע. איך האָב גענומען דאָס וואָרט און דערקלערט אַז גרינבערג רעדט אין זיין אייגענעם נאָמען, ווייל די אַנדערע צוויי דעלעגאַטן, איך און לוסי, וועלן שטימען מיט דער הסתדרות. און ווי עס האָט זיך אַרויסגע־וויזן ביי דער פּלענאַרער זיצונג פון קאָנגרעס איז, אַז ווען מען וואָלט זיך ניט געווען צוגעהערט צו בן־גוריונען און קאַפּלאַנען און איינגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס, וואָלט דער אַרבעטער־פליגל ניט געווען פאַרטראָטן אין דער אָנפירונג פון דער אַגענטור. אַזוי האָט די אַרבעטערשאַפט באַקומען 8 מאַנדאַטן און אַ פאָרזיצער, בן־גוריון פאַר ארץ־ישראל (דער צווייטער איז געווען דר. סילווער פאַר אַמעריקע). מען האָט דערציילט בסוד אַז דער קאָמיטעט מיט בן־גוריונען בראש האָט אַלץ געטאָן מיט דער צושטימונג פון דר. ווייצמאַנען. ווען עס איז מיט מזל געגרינדעט געוואָרן מדינת ישראל האָט מען באַלד באַשטימט ווייצמאַנען פאַרן ערשטן פּרע־זידענט פון דער יידישער מלוכה.

אין דער צייט פון קאָנגרעס האָב איך געהאַט אַן אומאָנגעז־נעמע פּאַסירונג. געשען איז עס אַזוי: ווען איך בין אַוועקגעפאָרן פון ניו־יאָרק, האָט מיר פריינד נייטן גרושקין, אַ פּרעסער און אַ מיטגליד פון לאָקאַל 35, מיטגעגעבן אַביסל געלט איבערצוגעבן זיינע צוויי פּלימעניקעס, וואָס וואוינען אין פּאַריז. פאָרנדיק צום קאָנגרעס האָב איך ניט געהאַט גענוג צייט זיי צו באַזוכן. בין איך שפּעטער אַוועק אויף אַ טאָג פון קאָנגרעס, איך בין צוגעפאָרן קיין פּאַריז און איבערגעגעבן זיי דאָס געלט. איך האָב זיי געפונען אין זייער אַן אָרעמער געגנט. זיי האָבן געוואוינט אין צוויי קליינע צימערלעך און דאָרט האָבן זיי געהאַט אַ וואַרשטאַט פאַר מענער־שניידעריי. די צימערן זיינען געווען קאַלטע, זייערע געזיכטער זיינען געווען פאַרצערטע פון אַרבעטן טאָג און נאַכט. ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך קום פון ניו־יאָרק און זייער אָנקל, נייטן גרושקין, האָט זיי געשיקט אַ מתנה אַביסל געלט, האָבן זיי פון גרויס פרייד געוויינט; זיי האָבן מיך אַרומגענומען און געדריקט צו זיך ווי איך וואָלט דאָס געווען זייער אָנקל. זיי האָבן מיר דער־ציילט אַז זיי זיינען קרבנות פון היטלערן. זיי האָבן פאַרלוירן אַלע זייערע נאָענטע, ליבע. זיי ביידע זיינען געראַטעוועט געוואָרן דורך אַ נס. זיי האָבן מיך אַביסל אַרומגעפירט איבער פּאַריז.

כדי צוריק צו פאָרן האָב איך געדאַרפט אַ נייע שווייצאַרישע וויזע. אָבער ווען איך בין צוגעקומען צו דער שווייצאַרישער אַמ־באַסאַדע איז זי שוין געווען געשלאָסן. איך וואָלט באַדאַרפט פאַר־בלייבן נאָך צוויי טעג, צו קענען קריגן די וויזע. איך האָב געהאַט מיט זיך אַ קלייגע וואַליזקע, האָב איך זי איבערגעלאָזט ביי גרושקינס פּלימעניקעס און איך האָב גענומען די באַן קיין באַזעל, ווי קיין מאָל גאָרניט. אין באַזעל האָב איך געדאַרפט דורכגיין די צאָל־באַאַמטע. קיין באַגאַזש האָב איך מיט זיך ניט געהאַט. זיי האָבן פון מיר אָבער פאַרלאַנגט אַ וויזע. איך האָב ביי זיך געהאַט דעם אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט. ווייז איך זיי דעם פּאַס. זאָגן זיי, אַז אויפן פּאַס איז דאָ אַן איינמאָליקע וויזע און דאָס איז ניט גענוג איך זאָל קענען פאָרן אַהין און צוריק און זיי האָבן מיך פאַרהאַלטן. איך האָב זיי דערקלערט, אַז איך בין ניט געווען אין פּאַריז. איך

האָב פֿאַרבלאָנדזשעט ביים אַריינגאַנג. איך האָב ניט געוואוסט אַז מען טאָר ניט אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט. איך האָב זיי אָנגעגעבן מיין האָטעל ווי איך שטיי איין און איך האָב זיי אויך געוויזן מיין באַנד אַלס דעלעגאַט צום קאָנגרעס. כ׳האָב זיי אויך אָנגעגעבן דעם נאָמען פֿון דעם סעקרעטאַר פֿון דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי אין באַזעל. זיי האָבן אים טעלעפֿאָנירט און נאָך דעם האָבן זיי מיך באַלד באַפֿרייט. די פּאַסירונג האָט מיך דערמאָנט אין מיין יוגנט אין רוסלאַנד ווען מען האָט מיך אַרעס־טירט אויף דער באַן אַנטלויפֿנדיק פֿון פֿאַרשיקונג אין סיביר.

דער קאָנגרעס האָט געדויערט פֿולע צוויי וואָכן. איך האָב זיך דאָרט אַ סך דערוואוסט, אַ סך געלערנט. עס איז געווען פֿאַר מיר אַ גייסטיקער גענוס און אַ שטאָלץ צו זיין אַ מיטגליד פֿון קאָנגרעס, וואָס האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט די פֿאַרטרעטערשאַפֿט פֿון יידנטום פֿון דער גאַנצער וועלט.

נאָכן קאָנגרעס האָט די דעלעגאַציע פֿון דער הסתדרות אונדז איינגעלאַדן, ד״ה מיך, גרינבערגן און לוסי אָפּענהיימער, מיטצו־פֿאָרן אַלס זייערע געסט קיין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען אָנהייב 1947. כאָטש עס זיינען געווען גרויסע אומרוען אין לאַנד, האָב איך די איינלאַדונג אָנגענומען. די אַנדערע צוויי דעלעגאַטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאָרן. ביים קאָנגרעס האָב איך זיך געטראָפֿן מיט פֿריינד בורשטיין. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער פֿאָרט אויך קיין ירושלים. האָבן מיר אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פֿון אונדזער געמיינזאַמער רייזע. בורשטיין איז שוין איין מאָל געווען אין ארץ־ישראל און ער האָט שוין געקענט דאָס לאַנד. פֿריער זיינען מיר אָבער צוגעפֿאָרן קיין זשענעוו. מיר האָבן דאָרטן פֿאַרבראַכט פֿיר טעג. איך האָב זיך געזען מיט פּראָפֿעסאָר הערש, און ער האָט מיך אַרומגעפֿירט איבער דער שטאָט, האָט מיר געוויזן פֿאַר־שיידענע אינסטיטוציעס. ער האָט מיך באַקענט מיט אָנגעזעענע סאָציאַליסטן. זשענעוו האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ גוטן איינ־דרוק. אַלץ: די ריינקייט פֿון די גאַסן, די שיינע סקווערן און פּאַרקן אאַז״וו.

פון זשענעוו בין איך געפלויגן קיין רוים. איך בין פֿאַרפֿאָרן אין אַ האָטעל, וואָס האָט אויסגעקוקט ניט בעסער ווי דער לאָנ־דאָנער האָטעל. איך בין אָנגעקומען פֿאַרנאַכט. איך בין געווען אַביסל מיד, בין איך געגאַנגען פֿרי שלאָפֿן. צומאָרגנס פֿרי האָב איך זיך וואַרעם אָנגעטאָן, ווייל עס איז געווען זייער קאַלט און איך האָב געוואָלט אַביסל שפּאַצירן אויף דער לופֿט. דאָס איז אָבער געווען אוממעגלעך, ווייל קליינע און גרעסערע קינדער, האַלב נאַקעטע און באָרוועסע, זיינען מיך פּשוט באַפֿאַלן און גע־בעטן נדבות. וויפֿל קליינגעלט איך האָב געהאַט האָב איך זיי אַוועקגעגעבן. דאָס גרויסע געלט האָב איך געהאַט אין „טרעוולינג טשעקס", וועלכע זיינען געלעגן באַהאַלטן אין אַ פּאַסעק אָנגעטאָן אַרום מיין לייב. האָב איך אויסגעקערט מיינע קעשענעס און זיי געוויזן אַז איך האָב ניט מער. נאָך דעם בין איך אַוועק צו דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אויסצוגעפֿינען וואו עס געפֿינט זיך די אַלטע שול און דער יידישער קוואַרטאַל. איך האָב פֿאַרבראַכט אין רוים עטלעכע טעג, און איך האָב באַזוכט אַ סך היסטאָרישע ערטער, וועלכע מיינע איטאַליעניִשע קאָלעגן אין ניו־יאָרק האָבן מיר געראַטן צו זען. איך בין אויך געווען אין וואַטיקאַן, אַרומצו־קוקן די קאַטעדראַלע, האָט מיר גענומען אַ גאַנצן טאָג. עפּעס אַזעל־כעס זעט מען ניט אין קיין שום אַנדער לאַנד.

פֿון רוים בין איך געפֿלויגן קיין קאַירא. איך בין פֿאַרפֿאָרן אין שענסטן האָטעל פֿון שטאָט. איך האָב זייער געוואָלט זען די פּיראַ־מידן ווי אויך די קברים פֿון די פּרעהס. איך בין אויך געפֿאָרן קיין אַלעקסאַנדריע זען דעם פּאָרט. אין עגיפּטן האָב איך באַגעגנט אַזאַ גרויסע אָרעמקייט, אַז עס איז געווען אוממעגלעך דורכצוגיין אַ גאַס. נאַקעטע קינדער, פֿרויען מיט זייג־קינדער לויפֿן נאָך יעדן פֿרעמדן און בעטלען. זיי שרייען אַזוי, אַז עס פֿאַלט אָן אַן אימה. ס'איז אַ שרעק אויף זיי צו קוקן: שמוציקע, אָפּגעריסענע, פֿאַר־קרעצטע, אַז איר שרעקט זיך זיי זאָלן אייך ניט אָנרירן און אָנשטעקן מיט עפּעס אַ קראַנקייט. אין האָטעל האָבן זיי מיר גע־ראָטן, אַז איך זאָל אָנטאָן אַ טערקיש היטל און ניט אַרויסגיין אויסגעפּוצט, וועל איך קענען דורכגיין די גאַס. איך האָב געהאַט

אַ בריוו צו עטלעכע מענטשן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָבן זיי מיך אַרומגעפירט איבערן לאַנד, געוויזן די פּיראַמידן, די קברים פון די פּרעהס און אַנדערע היסטאָרישע ערטער.

פון קאַיראָ בין איך געפאָרן מיט דער באַן דירעקט קיין תּל־אביב. עס האָט גענומען אַכט שעה. פליען קען מען אין איין שעה, אָבער איך האָב שטאַרק געוואָלט זען דעם מדבר, וואו מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק זיינען יידן געקומען פון מצרים און האָבן געוואַנדערט 40 יאָר ביז זיי זיינען געקומען אין הייליקן לאַנד אַריין. איבערן מדבר פאָרט מען דורך אַ גרויסע שטרעקע וואו מען זעט פאַר זיך נאָר זאַמד און הימל. נאָך דעם ווי די באַן איז בשלום אַדורכגעפאָרן דעם מדבר, האָט מען אָנגעהויבן צו זען קליינע שטיבעלעך מיט סעדער און גערטנער אַרום. די גאַנצע 8 שעה רייזע האָב איך כסדר געטראַכט, ווי אַזוי קענען דאָס אויסקוקן יידן און יידישע קינדער אין דעם הייליקן לאַנד פון אונדזערע אבות ?

די באַן הייבט זיך אָן אָפּצושטעלן אויף קליינע סטאַנציעס. איך דערזע אויפשריפטן אויף העברעאיש און אויף ענגליש. מיין האַרץ הייבט אָן שטאַרקער צו קלאַפּן. איך האָב אַ מאָדנע געפיל. איך בין ניט קיין רעליגיעזער, אָבער די העברעאישע נעמען לעז איך איבער צו עטלעכע מאָל און איך פיל דערביי אַ מאָדנעם ציטער און אַ פרייד. איך זע פאַר זיך גרויסע שטרעקעסביימער מיט אָראַנזשן און מיט לעמאָנס. איך זיץ אַזוי און איך טראַכט: ווי גליקלעך בין איך צו זען דאָס לאַנד אין וועלכן מיין פאָטער האָט געשטרעבט צו פאָרן שטאַרבן, און האָט עס ניט דערלעבט, ווייל ער איז געשטאָרבן פון הונגער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

און אָט הער איך ווי מען רופט אויס, אַז מיר זיינען ביי דער לעצטער סטאַנציע: תּל־אביב. אַרויס פון באַן זיינען מיר אַריין אין אַן אויטאָ און פאָרן קיין תּל־אביב, ווייל די סטאַנציע איז אַ פּאָר מייל ווייט פון שטאָט. מיר פאָרן פאַרביי עטלעכע קיבוצים. איך זע עלטערע יידן, קינדער, אָנגעטאָן פיין, מיט פריילעכע

פּנימער. די קינדער לויפן אַרום און שפּילן זיך. איך הער רעדן העברעאיש און איך וואונדער זיך. זיי זיינען דאָך קינדער און זיי רעדן העברעאיש אַזוי פליסיק. ענדלעך פאָרן מיר אַריין קיין תל־אביב. שיינע, ברייטע גאַסן, באַסעס און טעקסיס לויפן אַהין און צוריק, פּאָליציאַנטן קירעווען די טראַפיק. קינדערלעך גייען פון שול אָנגעטאָן ריין. אַלע טראָגן שיכלעך אויף די פיס. ניטאָ קיין בעטלער־קינדער. עס האָט מיר אויסגעקוקט ווי איך וואָלט געווען אויף דילענסי־סטריט אין ניו־יאָרק. אַרום און אַרום אַ סך שיינע געשעפטן מיט פאַרשיידענע זאַכן, צייטונג־קיאָסקען, רעסטאָראַנען. עס האָט מיך אַרומגענומען אַ פרייד צו זען דיווירקלעכקייט אַזוי ווי איך האָב זיך אָנגעהערט פון די שליחים, וועלכע פלעגן קומען צו די קאָנפערענצן פונעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. מען פירט מיך צו צום האָטעל צענטראַל, לעבן ברעג פון ים, איך באַקום אַ צימער מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. איך גיי אַריין אין עס־זאַל און איך באַקום אַ געשמאַקן מאָלצייט. איך פיל זיך ווי ביי זיך אין דער היים. נאָכן עסן לייג איך זיך אַביסל צו אָפּרוען. דאָס ווינטל פון ים בלאָזט אַריין דורכן פענצטער און קילט מיר דאָס פּנים און איך פיל זיך אויסערגעוויינטלעך גוט.

אָט קלינגט דער טעלעפאָן. מערעמינסקי פרעגט מיך צי איך וויל קומען צו דער הסתדרות־געביידע, וועט ער מיך קומען נעמען. איך ענטפער אים, אַז איך וויל ניט פאַרנעמען זיין צייט. איך וועל אַליין צוקומען. און איך פאָר צו מיט אַ באַס. איך רעד צום באַס־קאָנדוקטאָר ענגליש און ער ענטפערט מיר העברעאיש.

באַלד קום איך צו צו אַ גרויסן, שיינעם פּאַלאַץ מיט אַ גרויסן הויף אין מיטן פאַרזייט מיט בלומען. איך גיי אַריין אין אַ קליין פּאָדערצימער, וואו אַ וואָך פון דריי יונגע סאַבראַס פרעגן מיך, וועמען איך וויל זען און צי איך בין משה גאָלדאָווסקי. איך האָב געענטפערט אַז יאָ און איך וויל זען מערעמינסקין. זיי האָבן מיך באַלד צו אים אַריינגעפירט. ביי אים אין צימער האָב איך געטראָפן עטלעכע דעלעגאַטן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַקענט אויפן קאָנגרעס אין באַזעל. זיי האָבן מיך אַלע אויפגענומען זייער

פריינדלעך. באַלד האָט מען אַריינגעטראָגן גלעזער טיי. מערעמינ־סקי האָט מיר אָפיציעל דערקלערט, אַז איך בין דער גאַסט פון דער הסתדרות און מיר וועלן באַלד צוזאַמען אויסאַרבעטן אַ פּראָ־גראַם פון מיינע באַזוכן אין ארץ־ישראל. ער ראָט מיר, אַז אַזוי ווי די צייט איז ניט קיין רואיקע, זאָל איך שטענדיק האָבן דעם אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט מיט זיך. ער וועט מיר געבן אַן אויטאָ מיט אַ שאָפער און אויך אַ ספּעציעלן חבר, וואָס זאָל מיך באַ־גלייטן און אַרומפירן אומעטום. מיר האָבן אויסגעפּלאַנעוועט אַז אין פינף וואָכן וועל איך קענען באַזוכן און זען אַלץ, וואָס איז אינטערעסאַנט און וויכטיק צו זען. איך וועל זיין צו עטלעכע טעג אין די גרויסע שטעט, וועט מען יעדן טאָג אַרומפאָרן צו די אַרו־מיקע קיבוצים. נאָך דעם האָט מערעמינסקי מיך באַקענט מיט אַ סך וויכטיקע טוערס אין דער הסתדרות.

אין עטלעכע טעג אַרום איז געוואָרן אַראַנזשירט אַ גרויסער מאַסן־מיטינג אין אוהל־טעאַטער, וואו די דעלעגאַטן האָבן גע־דאַרפט אָפּגעבן אַ באַריכט פון קאָנגרעס און אויך מיך מקבל־פּנים זיין. די רעדנער זיינען געווען בן־גוריון, קאַפּלאַן, גאָלדע מייערסאָן און שפּרינצאַק. אויך איך האָב גערעדט. אַלע האָבן גערעדט אין העברעאיש און ווען מען האָט מיך פאָרגעשטעלט, האָב איך געזאָגט אני דבר יידיש. האָט מען מיך שטאַרק אַפּלאָדירט און איך האָב געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע. מען האָט מיך אויפמערק־זאַם אויסגעהערט. אַחוץ דעם האָט מען פאַר מיר אויך אַראַנזשירט אַ לאָנטש. עס איז געקומען אַ גרויסער עולם. מען האָט מיך באַ־גריסט און איך האָב אויך גערעדט און באַדאַנקט פאַר דעם גרויסן כבוד. גאָלדע מייערסאָן האָט מיך צוויי מאָל איינגעלאַדן. איין מאָל אויף אַ לאָנטש און אַ צווייט מאָל אויף אַ „קאָקטייל־פּאַרדי”, ביי וועלכע עס זיינען אַנוועזנד געווען וויכטיקע פערזאָנען.

אַלץ וואָס איך האָב געזען האָט אַרויסגערופן ביי מיר באַ־גייסטערונג, איבערהויפּט דאָס איידעלע באַנעמען זיך פון די מענטשן, וואָס פיל פון זיי זיינען איצט מיניסטאָרן פון דער ישראל רעגירונג. די חברישקייט און וואַרעמע געפילן וואָס זיי האָבן צו

מיר אַרויסגעוויזן ווײַל איך מײַן גאַנץ לעבן ניט פאַרגעסן. חבר מערעמינסקי האָט מיך אויך פאַרבעטן צו זיך אַהיים אויף מיטאָג. אָבער ער האָט מיך געבעטן איך זאָל קומען אַ שעה פריער אין זײַן ביוראָ, ווײַל איך זען ווי די אַרבעט גייט צו ביי זיי. מערע־מינסקי איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דעפּאַרטמענט פאַר קיבוצים. ווען איך בין צו אים אַרײַנגעקומען האָב איך געטראָפן ביי אים אַ סך חלוצים, וואָס זײַנען געקומען מיט פאַרשיידענע פאַרלאַנגען פאַר זייערע קיבוצים. זיצנדיק ביי אים אין ביוראָ האָב איך זיך צוגעהערט צו די שמועסן און איך האָב באַוואונדערט דעם חבר מערעמינסקיס גרויסע באַהאַוונטקייט און קענטעניש. ער האָט גערעדט צו זיי ווי אַ פאָטער, ווי אַ לערער. עטלעכע פון זיי האָט ער געבעטן זיי זאָלן עס מאַכן בקיצור, ווײַל ער האָט דאָ אַ חשובן גאַסט און ער דאַרף זיך מיט אים פאַרנעמען. ער האָט מיך מיט אַ סך פון זיי באַקענט. עס איז געווען פאַר מיר אַ גרויס פאַר־גענִיגן צו זען די דאָזיקע יוגנטלעכע וואָס בויען אַ לאַנד אויף סאָציאַליסטישע יסודות.

ווען איך בין מיטן חבר מערעמינסקי געקומען צו אים אין הויז האָט ער די ערשטע זאַך געפרעגט, ווי זײַנען די קינדער. פרוי מערעמינסקי האָט מיך אויפגענומען אַזוי האַרציק ווי איך וואָלט געווען איינער פון זייער פאַמיליע. ווען מען האָט זיך גע־זעצט צום טיש עסן, האָב איך באַמערקט אַן אומרואיקייט אויף חבר מערעמינסקיס פּנים. איך האָב באַלד אויסגעפונען די סיבה. צוויי טעכטער זײַנע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער „הגנה". יענעם אָוונט זײַנען זיי געווען פאַרנומען ביים דורכפירן עפּעס אַ קאָנ־ספּיראַטיווע מיסיע. טאַטע־מאַמעס הערצער האָבן געציטערט און פרוי מערעמינסקי האָט אויף אַ דעליקאַטן אופן באַמיט זיך צו באַרואיקן איר מאַן. דער געטרייער טאַטע האָט זיך אָבער ניט געקענט אײַנהאַלטן. בעת איך האָב געשמועסט מיט פרוי מערע־מינסקי נאָכן עסן האָב איך געהערט ווי ער האָט גערעדט מיט עמעצן דורכן טעלעפאָן. פון די אָפּגעריסענע ווערטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער פרעגט זיך נאָך וועגן זײַנע קינדער און אַז דער מענטש פון דער צווייטער זייט טעלעפאָן באַרואיקט אים,

אַז זיינע קינדער זיינען אין אָרדענונג און אַז מאָרגן 11 פרי וועלן זיי זיין צוריק אין דער היים. עס איז געווען פאַר מיר אַ וואונדער, אַז פאַר מערעמינסקין, וואָס איז געווען איינער פון די וויכטיק־סטע פּיאָנערן אין אויפבוי פון ארץ־ישראל, האָט מען אויך באַהאַלטן מיליטערישע סודות. צומאָרגנס אין דער פרי בין איך אַוועק צו מערעמינסקין אין ביוראָ אויסצוגעפינען וועגן זיינע טעכטער. עס איז געווען פּונקט 11 אַזייגער. ער האָט אויסגעקוקט פאַרזאָרגט, ווייל ער האָט נאָך נישט באַקומען קיין טעלעפאָן. אָבער 15 מינוט נאָך 11 האָבן די טעכטער אַליין טעלעפאָנירט און גע־מאָלדן דעם טאַטן, אַז זיי זיינען שוין אין דער היים און זיי פילן זיך גוט, נאָר זיי זיינען מיד פון ניט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. דער טאַטע האָט זיי געענטפערט, אַז אויך ער איז ניט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

און אָט איז אַ צווייטער ענלעכער פאַל: מיין וועגווייזער איז געווען חבר ברשי. די גאַנצע צייט איז ער מיט מיר אַרומגעפאָרן. ער האָט מיר געוויזן אַלע מערקווירדיקייטן, האָט מיך באַקענט מיט אַ סך טוער אין די קיבוצים. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַן אויסערגעוויינטלעך האַרציקער און גוטער מענטש. פאַרנדיק איין מאָל אין נגב האָט ער געהייסן דעם שאָפער זיך אָפּשטעלן און ער זאָגט צו מיר, איך זאָל אים אַנטשולדיקן, ער וויל לויפן זען זיין זון, אַ בחור פון 17 יאָר, און ער ווייזט מיר מיט דער האַנט אויף אַ הויכן טורעם, וואו עס האַלט וואַך אַ יונגערמאַן מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע. די פּלאַטפאָרמע אויפן טורעם איז אַ קליינע און דער יונגערמאַן גייט רעגולער אַרום און אַרום. דער פאָטער זאָגט מיר, אַז זיין זון האָט געהאַט וואַך אַ גאַנצע נאַכט און באַלד דאַרף מען אים פאַרבייטן.

די דאָזיקע צוויי פּאַסירונגען האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין מיין זכרון.

נאָך פינף וואָכן פאַרברענגען אין ארץ ישראל בין איך צוריק־געפלויגן קיין ניו־יאָרק. אויף צוריקוועגס האָב איך זיך ווידער אַמאָל אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר טעג אין קאַיראָ, דערנאָך אויך

אין מאַדריד און אין ליסאַבאָן. צום לעצט אויך אין קאַנאַדע און פון דאָרט בין איך געפאָרן דירעקט קיין ניו־יאָרק. די גאַנצע רייזע האָט מיר צוגעגעבן אַ שטיק לעבן.

קורץ נאָך מיין צוריקקומען קיין ניו־יאָרק האָט דער טרייד־יוניאָן־קאונסיל איינגעאָרדנט פאַר זיינע דעלעגאַטן אַ לאָנטש (מען האָט געוואַרט מיט דער אונטערנעמונג ביז מיין צוריקקומען) וואו מיר, דעלעגאַטן, האָבן אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון קאָנגרעס און איך האָב אויך דערציילט וועגן מיינע גוטע איינדרוקן פון דער רייזע איבער ארץ־ישראל און איבערהויפּט וועגן דער טעטיקייט פון דער הסתדרות.

# קאַפּיטל 34

אין 1947 האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען דאָס טעפּט־האַרטלי־געזעץ קעגן די יוניאָנס. דאָס איז געווען נאָך איין איבערצייגנדי־קער באַווייז אַז כאָטש מיר האָבן דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע נוצן די קאַפּיטאַליסטן אויס די רעגירונג פאַר זייערע צוועקן. אָבער אין דעם זעלביקן יאָר 1947 איז אויך געשען אַ פריילעכע זאַך — דער באַשלוס פון דער יונייטעד ניישאָנס וועגן אַ יידישער מלוכה אין פּאַלעסטינע. עס איז אין יענער צייט פאָרגעקומען די יערלעכע קאָנווענשאָן פון „געווערקשאַפטן־קאַמפּיין". גראָד איז דר. ווייצמאַן דעמאָלט געווען אין ניו־יאָרק און מען האָט אים געבראַכט צו דער קאָנווענשאָן. די באַגייסטערונג ביי די דעלע־גאַטן, זייער פרייד און די אויסגעשרייען „לעבן זאָל אַ יידישע מלוכה" קלינגען נאָך איצט אין מיינע אויערן. טויזנטער מענטשן זיינען געשטאַנען אַרום דעם קאָלאָסעאום, ווייל זיי האָבן ניט געקענט אַריין אין זאַל. ווייצמאַנען האָט מען אויף די הענט אַריינ־געטראָגן. איך האָב זיך אין יענעם אָוונט געפילט דער גליקלעכ־סטער מענטש, צו געפינען זיך אויף איין פּלאַטפאָרמע מיט דר. ווייצמאַנען און קענען געבן שלום דעם קומענדיקן ערשטן פּרע־זידענט פון דער יידישער מלוכה. ווען איך בין שפּעט אין אָוונט אַרונטערגעפאָרן צו דער איסט סאַיד, האָבן יידן נאָך אַלץ גע־טאַנצט אין די גאַסן פאַר פרייד.

אין 1948 האָבן די „פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן" געפייערט 60 יאָר עקסיסטענץ. עס איז פאַררופן געוואָרן אין אַט־לאַנטיק סיטי אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן פון דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. עס זיינען געווען פאַרטראָטן עטלעכע הונ־

דערט דעלעגאַטן. איך האָב זיך באַטייליקט אין אָרגאַנזשירונגס־קאָמיטעט. מיר האָבן איינגעלאַדן דעם קאַנדידאַט פאַר וויס־פּרעזידענט, סענאַטאָר באַרקלי, צו האַלטן אַ רעדע אויף דער קאָנווענשאָן. הערנדיק סענאַטאָר באַרקלין רעדן מיט גרויס לויב און אָנערקענונג וועגן דער איסט־סאַיד און וועגן איר ליבעראַליזם, וועגן די יידישע אַרבעטער פון דער איסט־סאַיד וואָס האָבן געבויט די יוניאָנס און האָבן אינספּירירט פּרעזידענט רוזוועלט און זיין אַדמיניסטראַציע אַדורכצופירן ליבעראַלע רעפאָרמען פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן דעם אַז די יידישע יוניאָנס האָבן געשפּילט די גרעסטע ראָלע ביים אָרגאַניזירן דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער אין שטאַרקע און רייכע יוניאָנס — האָב איך פּלוצלונג דערפילט, אַז דאָס רעדט מען דאָך וועגן מיר, האָב איך דאָך אויך לאַנגע יאָרן געהאָלפן בויען אָט די אַלע יוניאָנס, בין איך דאָך איינער פון די עלטסטע דעלעגאַטן און מיטגלידער פון דער עקזע־קוטיווע פון די „פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן", האָב איך דאָך מיין חלק אין דעם אַלעם — און איך האָב זיך דערפילט שטאָלץ! אין די וואַלן פון 1948 זיינען טרומאַן און באַרקלי דער־ווײלט געוואָרן און איך בין געווען גליקלעך וואָס אויך צו דעם זיג האָב איך צוגעלייגט אַ האַנט, ווייל איך האָב אָוועקגעגעבן אַ סך מי און צייט פאַר זייער קאַמפּיין.

אַ סך עגמת־נפש האָט מיר אָבער פאַרשאַפט די מלחמה וואָס איז אָנגעגאַנגען אין 1949 פון די אַראַבער קעגן מדינת ישראל. ווען איך וואָלט געווען יינגער און מיין פּרוי וואָלט ניט געווען אַזוי קראַנק, וואָלט איך געפאָרן קיין ישראל און כ'וואָלט גע־האָלפן אין דער מלחמה קעגן די שונאים פון דער יידישער מלוכה. די פרייד איז ביי מיר געווען זייער גרויס ווען ישראל האָט גע־זיגט און איבערצייגט די וועלט, אַז יידן קענען אויך מלחמה־האַלטן און געווינען. דער ייד אין דער גאַנצער וועלט האָט מיט שטאָלץ אויפגעהויבן זיין קאָפּ און ניט־יידן האָבן באַוואונדערט די יידישע גבורה. אַ סך אַמעריקאַנער יידן וואָס זיינען געווען אָפּגע־פרעמדט פון אונדזער יידישער נאַציע, האָבן דערוואַכט און אומגע־קערט זיך מיט מער ענערגיע צו העלפן די יידישע מדינה. און אַזוי

אויך יידן פון אַנדערע לענדער. אין 1950 בין איך ווידעראַמאָל דער־ווײַלט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צו דער „אינטערנעשאַנעל" קאַנווענ־שאַן אין אַטלאַנטיק סיטי. די דאָזיקע קאַנווענשאַן איז געווען אַ יום־טובדיקע, ווײַל עס איז געוואָרן 50 יאָר זינט די „אינטערנעשאַ־נעל" איז אָרגאַניזירט געוואָרן. מײַן ליבע פרוי איז מיט מיר מיטגעפאָרן. איך בין געווען מער ווי צופרידן צו זײַן אַ דעלעגאַט צו דער קאַנווענשאַן.

דעם 4טן אָקטאָבער 1951 איז געשטאָרבן מײַן נאָענטסטער פרײַנד, ראובן גוסקין, דער לאַנגיאָריקער מענעדזשער פון אַק־טיאָרן־פאַראיין און פאָרזיצער פון די „געווערקשאַפטן". דאָס איז פאַר מיר געווען זייער אַ טרויעריקער טאָג אין מײַן לעבן, ווײַל מיר זײַנען ביידע געווען זייער אַקטיוו אין די „פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן" און ביי דער אַרבעט האָבן מיר זיך ביידע זייער נאָענט באַפרײַנדעט און אָנגעהאַלטן די פרײַנדשאַפט לאַנגע יאָרן. אין אַ קורצער צײַט אַרום איז דער סעקרעטאַר פון די געווערק־שאַפטן, ווילי וואָלפּערט, און אַ דעלעגאַציע פון דער עקזעקוטיווע, געקומען צו מיר מיט אַ פאַרלאַנג, אַז איך זאָל איבערנעמען דעם אַמט פון פאָרזיצער פון די „געווערקשאַפטן". איך האָב זיי געענט־פערט אַז איך באַטראַכט עס פאַר אַ גרויסן כבוד צו זײַן דער פאָרזיצער פון די „געווערקשאַפטן", נאָר איך מיין אַז צו דעם אַמט איז מער באַרעכטיקט דער וויצע־פאָרזיצער, מאָריס טיגעל, און ער דאַרף איצט ווערן פרעזידענט. האָבן זיי מיר דערקלערט, אַז פרײַנד טיגעל אַליין האָט מיך פאָרגעשלאָגן פאַרן נייעם פרע־זידענט, ווײַל ער פילט זיך שוואַך אין געזונט. דעמאָלט האָב איך געענטפערט דער דעלעגאַציע, אַז איך וועל אַליין רעדן מיט טיגלען. און אויב איך וועל זען אַז ער וויל באמת ניט איבערנעמען דעם פאָרזיץ, וועל איך אָננעמען דעם בכבודן אַמט. איך האָב זיך געזען מיט טיגלען און ער האָט מיר טאַקע דערקלערט, אַז ער וועט זײַן מער ווי צופרידן איך זאָל ווערן דער פאָרזיצער פון די „גע־ווערקשאַפטן". איידער איך האָב פאָרמעל מסכים געווען אָנצו־נעמען דעם אַמט האָב איך זיך אַדורכגעשמועסט מיט פרײַנד ברעסלאַוו, דעם מענעדזשער פון לאָקאַל 35, און זײַן ענטפער איז

געווען אַז עס וועט זיין אַ פרייד פאַר דעם לאָקאַל 35, אַז זיינס אַן אַקטיווער באַאַמטער וועט זיין דער פאָרזיצער פון די „געווערק־שאַפטן". דעמאָלט האָב איך געמאָלדן מיין צושטימונג און אויף אַ פלענאַרער זיצונג פון די „געווערקשאַפטן" בין איך אויסגע־קליבן געוואָרן פאַר פאָרזיצער. נאָך דעם האָט פריינד ברעסלאוו פאָרגעשלאָגן דעם לאָקאַל 35 צו מאַכן פאַר מיר אַ באַנקעט לכבוד מיין נייעם אַמט און איינצולאַדן פאָרשטייער פון דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער באַנקעט איז פאָרגעקומען אין פעברואַר 1952 אין האָטעל „ניו־יאָרקער". עס איז ווירקלעך געווען אַ גרויס פאַרגעניגן פאַר מיר און מיין פרוי און אונדזערע קינדער און אויך פאַר מיינע פיל פריינד. עס האָט מיר צוגעגעבן נאָך מער מוט צו אַרבעטן פאַר דער טרייד־יוניאָניסטישער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פאַר וועלכע איך האָב אַ גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן.

אין 1952 האָט דער דזשאָינט־באָארד פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן אַדורכגעפירט אַ קאַמפּאַניע צו אָרגאַניזירן די ניט־יוניאָן שעפּער, וואָס האָבן זיך אין משך פון יאָרן עטאַבלירט אין פּאַך. אַ ספּעציעלער קאָמיטעט מיט בענדזשאַמין קאַפּלאַן בראש האָט אָנגעפירט מיט דער אַקציע. מען האָט אַרוכגעפירט מאַסן־פּיקעטן, אַלע באַאַמטע, מיך אַריינגערעכנט, זיינען געגאַנגען אין פראָנט פון די פּיקעטן. נאָך עטלעכע וואָכן פּיקעטירן די ניט־אָרגאַניזירטע „דזשאָבערס" און נאָכן אָפּשטעלן זייער אַרבעט ביי די קאָנטראַק־טאָרס, האָבן זיי ערשט נאָכגעגעבן. מען מוז צוגעבן, אַז גאָלדס־פּינער פון דער „אַמעריקען אַסאָסיאיישאָן" האָט אונדז אַ סך אַרויסגעהאָלפן אין דער דאָזיקער אַקציע.

אויף דער פייערונג פון 60 יאָר „געווערקשאַפטן" (אין 1952) אין אַטלאַנטיק סיטי איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס פון אַלע יוניאָנס צו געבן די „געווערקשאַפטן" אַ מתנה פון 60 טויזנט דאָלאַר. אָבער באַלד נאָך דער פייערונג איז די זאַך איינגעשלאָפן. אַלס פאָרזיצער פון די „געווערקשאַפטן" האָב איך צונויפגערופן דעם קאָמיטעט וואָס איז דעמאָלט צו דעם צוועק אויסגעקליבן געוואָרן און איך האָב פאַרגעלייגט זיך נעמען צו דער אַרבעט אויס־

צופירן דעם צוזאָג. עטלעכע פון דעם קאָמיטעט האָבן געפרעגט, צו וואָס די „געווערקשאַפטן" דאַרפן אַזוי פיל געלט? האָט ווילי וואָלפערט, דער סעקרעטאַר, זיי באַוויזן אַז ווען די „געווערקשאַפטן" וואָלטן געהאַט בעסערע פינאַנציעלע מעגלעכקייטן, וואָלטן זיי געקענט אַ סך מער אויפטאָן פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. מיט דער הילף פון יוסף ברעסלאוו און בענדזשאַמין קאַפלאַן האָב איך אָרגאַניזירט אַ קאָנפערענץ מיט איזידאָר נאַגלערן, דעם מע־נעדזשער פון „דזשאָינט־באָארד" און אין רעזולטאַט פון דעם האָט די „באָארד" באַשלאָסן באַשטייערן זיך מיט 5 טויזנט דאָלאַר אויף דעם פאָנד. נאָך דעם האָט זיך אָפּגערופן די „העט, קעפּ און מילינערי־יוניאָן" און נאָך אַנדערע יוניאָנס מיט קלענערע ביי־שטייערונגען. אָבער אַרום און אַרום איז אַריינגעקומען אַפילו ניט קיין פערטל פון דער צוגעזאָגטער סומע. מיך האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן, ווייל איך האָב געהאַלטן, אַז ווען די גאַנצע באַוועגונג באַשליסט עפּעס, דאַרף דאָס אַדורכגעפירט ווערן.

פינפטער טייל

# סך־הכלען פון אַ לעבן

## קאַפּיטל 35

איך נעם זיך ניט אונטער צו שרייבן די גאַנצע געשיכטע פון לאָקאַל 35. אָבער ווען איך שרייב מיין ביאָגראַפיע קען איך ניט דורכלאָזן די געלעגנהייט צו געבן אַן איבערבליק איבער דער אַנטוויקלונג פון דער יוניאָן מיט וועלכער איך בין געווען פאַרבונדן — מיט קליינע איבעררייסן — 50 יאָר פון מיין לעבן און אין וועלכער איך האָב אין משך פון 40 יאָר פאַרנומען פאַרשיידענע אַמטן.

ווען די „אינטערנעשאָנעל״ איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1900 האָט זי צום ערשטן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די גאַנצע פרויען־קליידער אינדוסטריע, ד״ה די אָפּערייטאָרס, די פינישערס און פּרעסערס אין איין גרופּע. אין 1903 זיינען זיי צעטיילט געוואָרן אין פאַך־לאָקאַלן און עס איז דעמאָלט אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ טשאַרטער אונטער דעם נאָמען „קלאָוק־און סקוירט און ריפּערפּרעסערס לאָקאַל 35״. מיט אַ יאָר שפּעטער איז דער טשאַרטער צוריקגעגעבן געוואָרן צו דער „אינטערנעשאָנעל״, ווייל עס זיינען אָנגעגאַנגען חילוקי־דעות צווישן די פּרעסערס, וואו זיי זאָלן באַלאַנגען, צו דער „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר״ אָדער צו דער „אינדאָסטריעל וואָרקערס אָוו די וואורלד״ (אַי־דאַבליו־דאַבליו). זיגמאַן איז שוין דעמאָלט געווען אין ניו־יאָרק און ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער „אַי־דאַבליו־דאַבליו״ און לובינסקי מיט אַ גרופּע איז פאַרבליבן אין דער „אינטערנעשאָנעל״. ביידע גרופּעס פּרעסערס, פון דער „אינטערנעשאָנעל״ און פון דער „אַי־דאַבליו־דאַבליו״, זיינען געווען שוואַכע און האָבן געהאַט ווייניק מיטגלידער. ווען איך בין געקומען קיין ניו־יאָרק אין 1906, און כ׳האָב זיך צופעליק באַקענט מיט מאָריס זיגמאַנען, האָבן מיר

ביידע באַשלאָסן צו גרינדן — ווי איך האָב שוין פריער דער־ציילט — אַן „אינדעפּענדענט" יוניאָן פון פרעסערס. די יוניאָן האָט זיך אָנגעהויבן גוט אַנטוויקלען און נאָך אַ קורצער צייט האָבן מיר געהאַט אַ מיטגלידערשאַפט פון היפּשע עטלעכע הונדערט מאַן. דעמאָלט האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן אַנשליסן זיך אין אַ צענטראַלער אָרגאַניזאַציע. סוף 1907, ווען איך האָב גע־האַט דעם זיג איבער זיגמאַנען און אונדזער „אינדעפּענדענט" פרעסער־יוניאָן האָט באַשלאָסן אַנצושליסן זיך אין דער „אינטער־נעשאָנעל", האָב איך פאַרלאַנגט אַז דער נייער פרעסער־לאָקאַל זאָל באַקומען דעם אַלטן טשאַרטער פון פריערדיקן לאָקאַל 35 פון 1903, כאָטש ראָזענבערג האָט געוואָלט מיר זאָלן אַרויסנעמען אַ נייעם טשאַרטער. איך האָב אָבער געהאַלטן אַז מיר דאַרפן אויס־דריקן אָנערקענונג צו די פרעסער, וועלכע האָבן דעמאָלט געהאַט דעם מוט אונטערצושרייבן זייערע נעמען אויף דעם טשאַרטער.

אָנהייב 1908 האָט די „אינטערנעשאָנעל" גערופן אַ פאַר־זאַמלונג פון די פרעסערס און האָט אָפיציעל אינסטאַלירט דעם באַנייטן לאָקאַל 35. איך בין דאַן אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאַר־זיצער און מעניו, וועלכער איז געקומען פון דער „אַי־דאַבליו־דאַבליו", איז דערוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר. איך האָב דעם טשערמאַן־אַמט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, ווייל אַ האַלב יאָר שפּעטער בין איך געוואָרן דער פראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פון „דזשאָינט־באָארד" און אויף מיין אָרט איז דערוויילט געוואָרן לימאַנאָווסקי, אַ ייד הויך און דאַר און שטענדיק מיט אַן אויסדרוק פון צופרידנקייט אויף זיין פּנים. ער האָט געפירט דעם פאַרזיץ סטאַטעטשנע. די עקזעקוטיווע פלעגט האָבן זיצונגען צוויי מאָל אַ וואָך, ווייל אין יענער צייט זיינען ניט געווען קיין באַזונדערע קאָמיטעטן, פלעגט די עקזעקוטיווע באַהאַנדלען אַלע פראַגן: אָננעמען נייע מיט־גלידער, אָנקלאַגעס פון איינעם קעגן צווייטן אאַז״וו. לימאַנאָווסקי פלעגט אַרויסגעבן דעם פּסק־דין: 25 דאָלאַר שטראָף! פלעגט דער פרעסער מאַכן אַ גוואַלד, וואָס הייסט אַזאַ גרויסע שטראָף, פלעגט לימאַנאָווסקי נאָך העכער אַ געשריי טאָן: „25 דאָלאַר און שאַטאַפּ"!

נאָך לימאַנאָווסקין איז דערוויילט געוואָרן אַלס פאַרזיצער

לובינסקי. ער איז געווען אַן אַנאַרכיסט. ער האָט ניט געהאַלטן פון באַשטראָפן די מיטגלידער מיט געלט, נאָר מען דאַרף זיי דיסציפּלינירן דורך אַגיטאַציע. ער איז ניט לאַנג געווען טשער־מאַן, ווייל עס איז אויפגעדעקט געוואָרן אַז ביים סעקרעטאַר מענין פעלן עטלעכע הונדערט דאָלאַר אין דער קאַסע פון דער יוניאָן און די עקזעקוטיווע האָט אים געהייסן רעזיגנירן. דעמאָלט האָט מען דערווילט לובינסקין אַלס סעקרעטאַר. ווען מען פלעגט אַן אָונטש אַריינבאַקומען אַביסל מער געלט פאַר מיטגליד־אָפּצאָל און עס איז שוין געווען צו שפּעט צו דעפּאָנירן אין באַנק, פלעגט לובינסקי בלייבן שלאָפן אין אָפיס מיט אַ רעוואָלווער צו קאָפּנס און היטן דאָס יוניאָן־געלט. אויף זיין אָרט אַלס פאָרזיצער איז אויסגעווילט געוואָרן מאַקס ברוקמאַן, ניט קיין פּראָסטער בחור געווען, האָט אַ סך געלייענט און האָט געהאַלטן דעם אַמט מיט רעספּעקט. ער האָט אָבער לאַנג ניט געוואָלט אָנהאַלטן דעם אַמט, האָט מען אויסגעקליבן ברודער הענדעלמאַן אויף זיין אָרט. אַ ישיבה־בחור פון דער היים, אַ יונגערמאַן מיט אַן איידל פּנים, ער האָט זיך אָבער ניט אַריינגעפּאַסט, ווייל ער האָט פון זיך זייער שטאַרק געהאַלטן און ער איז דערביי ניט געווען גענוג פּאָליטיש, אַז די עקזעקוטיווע־מיטגלידער זאָלן אים שטיצן. ער איז אַפילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן געלאָפן קעגן ברעסלאַוון אויפן אַמט פון מענעדזשער. אָבער ער איז דורכגעפאַלן.

נאָך אים איז געקומען פיליפּ לעווין, אַ קורצער, גראָבינקער יידל, מיט אַ סך חוצפּה, וואָס האָט זיך שנעל אויסגעלערנט די קונסט צו זיין אַ גוטער פּאָליטישן. צי די עקזעקוטיווע איז געווען מיט אים איינפאַרשטאַנען אָדער ניט, פלעגט ער געבן אַ קלאַפּ מיטן האַמער: אַזוי דאַרף עס זיין! ער האָט זיך געהאַלטן עטלעכע טערמינען. נאָך לעווין איז געווען טשערמאַן קימבאַראָווסקי, אַ בונ־דיסט פון דער אַלטער היים און נאָך אים האָט איבערגענומען דעם אַמט ביגול. אַ גאַליציאַנער, אַ גוטער פּרעסער, ער האָט ליב גע־האַט אַ סך צו פאַרברענגען. האָט גוט פאַרדינט, פלעגט ער אָפּט מאָל קומען פון שאַפּ איינס אַזייגער ביי טאָג און אַרויסנעמען אַלע באַאַמטע אויף לאָנטש. ער האָט אָנגעהאַלטן דעם פאָרזיץ אַ לאַנגע

צייט. דער נאָך איז ער באַשטימט געוואָרן צו זאָרגן וועגן די אַרבעטסלאָזע און אויף זיין אָרט איז דערוויילט געוואָרן מייק קו־פערמאַן אַלס פאָרזיצער, און מאָרגנשטערן אַלס וויצע־פאָרזיצער. אויך זיי האָבן אָנגעהאַלטן זייערע אַמטן שיינע עטלעכע יאָר.

מייק קופערמאַן איז געווען פון די „אַלד־טיימערס", וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט מאָריס זיגמאַנען פון דער „אַי־דאַבליו־דאַבליו", אָבער אין דער „אינדעפּענדענט" פּרעסער־יוניאָן האָט ער געשטימט מיט מיר. ער איז געווען אַ מענטש מיט ווייניק טענות און אויך אַ גוטער ברודער. אין די ערשטע יאָרן האָט ער אַ סך אַרויסגעהאָלפן צו אָרגאַניזירן די קלאָוקמאַכערס. אין שאָפּ האָט ער זיך געהאַלטן ווי אַן אַריסטאָקראַט. די אַרבעטער האָבן אים רעספּעקטירט. ניט נאָר די פּרעסערס, נאָר אויך אַלע אַנדערע אַרבעטער און אַפילו אויך דער באָס. ער פלעגט זאָגן, אַז פאַר גוט באַצאָלט דאַרף איך געבן אַ גוטן טאָג אַרבעט. ער איז געווען צופרידן צו אַרבעטן אין שאָפּ אַפילו ווען ער האָט אָנגעהאַלטן זיין אַמט. ער האָט צו מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ער איז אַ פּאָליטישן פאַר יענעם און ניט פאַר זיך. ער האָט גרויס אָנערקענונג פאַר די הויפּט־באַאַמטע פון דער יוניאָן. ער פלעגט זיך צו זיי צוהערן מיט אויפמערקזאַמקייט. ער האָט שטאַרק אונטערגעשטיצט יוסף ברעס־לאַוו פאַרן אַמט פון מענעדזשער פון לאָקאַל 35. מיט מיר האָט ער זיך פאַרהאַלטן זייער פריינדלעך און האָט אָפט מאָל זיך צוגעהערט צו מיין עצה.

ביזן יאָר 1915 האָט דער לאָקאַל 35 ניט געהאַט קיין מענע־דזשער. עס איז בלויז געווען אַ פאָרזיצער, אַ פינאַנץ־סעקרעטאַר און אַ רעקאָרדינג־סעקרעטאַר. זיי צוזאַמען מיט די ביזנעס־אַגענטן האָבן אָנגעפירט מיטן לאָקאַל. און די עקזעקוטיווע פלעגט זיך אויפמערקזאַם צוהערן צו זיי. די מיטגלידער פלעגן אָפּהאַלטן פאַר־זאַמלונגען לויט סעקציעס. די סעקציע־פאַרזאַמלונגען פלעגן פאָר־קומען יעדע וואָך. סעקציעס זיינען געווען דריי: אין דאַון־טאַון, אין האַרלעם און אין בראָנזוויל. די סעקציע־מיטינגען האָבן גע־האַט זייערע שטענדיקע פאָרזיצערס און סעקרעטאַרן, וואָס זיינען

געווען מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע. זיי פלעגן ברענגען די באַשלוסן פון די סעקציע־מיטינגען צו דער עקזעקוטיווע.

סוף 1914 בין איך אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון לאָקאַל. איך האָב אָבער באַלד רעזיגנירט ווייל איך האָב בע־סער געוואָלט אָננעמען דעם אַמט פון ביזנעס־אַגענט אין „דזשאָינט־באָארד”. דעמאָלט האָט דער לאָקאַל אַנגאַזשירט מעטצן אַלס מע־נעדזשער. אָבער מעטץ אַלס מענעדזשער און לובינסקי אַלס דער טשערמאַן, האָבן ניט געקענט אַדורכקומען. האָט מען סוף 1915 דערוויילט יוסף ברעסלאוו אַלס סעקרעטאַר־מענעדזשער. מאָריס זיגמאַן איז דעמאָלט געווען זייער שטאַרק קעגן דעם אַז אַ מענע־דזשער זאָל אויך זיין פינאַנץ־סעקרעטאַר, אָבער ער האָט ניט אויסגעפירט. אַנדערע לאָקאַלן האָבן אין דעם פּרט באַלד נאָכגעטאָן לאָקאַל 35.

ברעסלאוו איז פאַרבליבן אין שפּיץ פון דער יוניאָן איבער 40 יאָר, בלויז מיט קליינע אויסנאַמען. איין מאָל האָט ער רעזיגנירט ווען די לינקע האָבן איבערגענומען די יוניאָן, אָבער ער איז צו־ריקגעקומען נאָך קאַרגע צוויי יאָר, ווען מען איז פּטור געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער פירונג. אַ צווייט מאָל האָט די „אינטער־נעשאָנעל” אים געשיקט קיין לאָס אַנדזשעלעס צו אָרגאַניזירן דאָרט די קלאָוקמאַכער. ער איז געווען אַוועק אַ קנאַפּע אַנדערטהאַלבן יאָר. אין דער צייט האָבן אים פאַרטרעטן וואַסילעווסקי און מאַקס קאָהן. צו די וויכטיקסטע ביזנעס־אַגענטן פון לאָקאַל 35, וועלכע זיינען געווען אַ לאַנגע צייט אין אַמט, האָבן געהערט טשאַרלי אַראָנסקי, הערי סלוצקי, מאַקס גאָלדשטיין, מאַקס קאַראָלינסקי, דזשייקאָבסאָן און עדעלשטיין. די לעצטע דריי זיינען נאָך איצט אין אַמט. אַלס דער אַסיסטענט־מענעדזשער פון לאָקאַל 35 בין איך געווען זייער נאָענט מיט אַלע אַלטע באַאַמטע ווי אויך מיט די ניי־אַריינגעקומענע ווי בען פאַלמאַן, לואי פּראַדקין און אברהם רודין.

דער לאָקאַל האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן און אין דער „אינטערנעשאָנעל”. נאָך פאַר דעם גרויסן סטרייק פון 1910 האָט ראָזענבערג, דעמאָלט דער

פרעזידענט פון דער „אינטערנעשאָנעל", געראָפן דעם פּרעסער־לאָקאַל 35 די „פייער־בריגאַדע" פון דער יוניאָן. ביי יעדן סטרייק וואָס די „אינטערנעשאָנעל" האָט געפירט איז מען געקומען נאָך הילף צו דער „פייער־בריגאַדע", צום לאָקאַל 35. און אין דעם גרויסן סטרייק פון 1910 איז זיגמאַן, איינער פון די זיילן פון לאָקאַל, געווען דער אָנפירער פון דער גאַנצער פּיקעט־אָפּטיילונג. אַזוי אויך אין די שפּעטערדיקע גרויסע סטרייקן אָדער בעת די לאָקאַוטס פון די מאַנופעקטשורערס קעגן דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן, האָט ברעסלאַוו און זיין געהילף, אַראָנסקי, שטענדיק פאַרנומען אַן אָרט אין די „פּיקעט"־קאָמיסיעס.

דער לאָקאַל 35 האָט געהאַט אַ גרויסע גרופּע אַלטע אַקטיווע מיטגלידער, וועלכע זיינען שטענדיק געווען גרייט צו גיין פאַר דער יוניאָן אַפילו אין פייער און אין וואַסער. קיין זאַך האָט זיי ניט אָפּגעשראָקן, אַזוי אין די פריערדיקע יאָרן, ווען מען האָט גע־דאַרפט זיך שלאָגן מיט די גענגסטערס, און אַזוי אין די שפּעטער־דיקע יאָרן ווען מען האָט געדאַרפט אָפּשלאָגן די אַטאַקעס פון די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אין 1925 פאַרכאַפּט די יוניאָן. דאָס זעלבע איז געווען אין אַלע אַקציעס קעגן די סקעב־שעפּער. אויך אַ פרעזידענט פון דער „אינטערנעשאָנעל" מאָריס זיגמאַן, איז אַרויסגעקומען פון לאָקאַל 35, און יוסף ברעסלאַוו, דער לאַנג־יאָריקער מענעדזשער פון אונדזער לאָקאַל איז אַלס וויס־פּרעזי־דענט, שטענדיק געווען אַ וויכטיקער וואָרטזאָגער אין דער גענ־עראַל־עקזעקוטיווע פון דער „אינטערנעשאָנעל".

ווען די קלאָוקמאַכער־יוניאָן האָט געוואונען אַ „רעטיירמענט־פאָנד", האָט מען צוגעטיילט דעם כבוד צו לאָקאַל 35 און מען האָט איר מענעדזשער, ברעסלאַוון, דערוויילט אַלס פאָרזיצער פונעם פענסיע־קאָמיטעט. דער לאָקאַל 35 האָט אויך גענומען אַ גרויסן אָנטייל, און נעמט נאָך ווייטער אַ גרויסן אָנטייל, אין דעם „גע־ווערקשאַפטן־קאַמפּיין" פאַר דער הסתדרות. די מיטגלידער צאָלן אַ דאָלאַר אַ חודש אויף דעם צוועק און עס זיינען אויסגעבויט געוואָרן אַ סך הייזער אין מדינת ישראל, וואָס טראָגן דעם נאָמען פון לאָקאַל 35. דער לאָקאַל האָט אויך אָרגאַניזירט די פרויען פון

די מיטגלידער. אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון פרוי ראָזאַ ברעסלאַוו איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ „פּרויען פּיאָנערן קלוב״, פון וועלכן זי איז געוואָרן די פּאָרזיצערין, וועלכע האָבן געהאָלפן, און וועלן נאָך ווייטער העלפן, מדינת ישראל מיט טויזנטער דאָלאַרן. ברעסלאַוו איז אויך געווען דער פּאָרזיצער פון דער טרייד־יוניאָן־דיוויזיע ביים געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. פאַר אַלע די טעטיקייטן פון לאָקאל 35 קומט קודם־כל קרעדיט דער מיטגלידערשאַפט גופא, ווייל אַדאַנק זייער איינִיקייט און הילפס־גרייטקייט האָט דער לאָקאל געהאַט די מעגלעכקייט צו געהערן צום אַוואַנגאַרד פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

צום קרעדיט פון לאָקאל 35 מוז אויך געזאָגט ווערן, אַז ער איז געווען פון די ערשטע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָט פריער געקויפט אמון־באָנדס פאַר ארץ ישראל און שפּעטער — די רעגירונגס־באָנדס פון מדינת ישראל און די מיטגלידער האָבן אין די אַקציעס זיך באַטייליקט זייער גערן, ספּעציעל די אַקטיווע מיטגלידער, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט אין דער „אָלדטיימערס סאָסייעטי״. אויך שטיצט דער לאָקאל כסדר דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און פאַרשיידענע פילאַנטראָפּישע אַרבעטער־אינסטיטוציעס; ווי שפּיטאָלן, סאַנאַטאָריומס און קולטור־אָרגאַניזאַציעס. צום סוף קען איך ניט אויסלאָזן און כ׳מוז געבן אָנערקענונג איינעם, וועלכער איז אַריין אין לאָקאל אַלס יינגל פון 13 יאָר, איז אויסגעוואַקסן צום אַמט פון אָפיס־מענעדזשער און איצט, נאָכן טויט פון יוסף ברעסלאַוו, פאַרנעמט ער דעם אַמט פון לאָקאל־מענעדזשער — דאָס איז מאָריס קאָוולער.

אין 1954 בין איך אַלט געוואָרן 70 יאָר. די אַרבעט אין דער יוניאָן און אין דער אַרבעטער־באַוועגונג איז מיר שוין געפאַלן צו לאַסט. ספּעציעל דערפאַר, וואָס מיין פרוי איז געוואָרן געפערלעך קראַנק און איך האָב געפילט פאַר מיין פליכט אָפּצוגעבן פאַר איר אַ סך מער צייט און אויפמערקזאַמקייט. האָב איך דערקלערט מיין מענעדזשער, יוסף ברעסלאַוו, און אויך דער עקזעקוטיווע פון לאָקאַל 35, אַז צוליב מיין פרוי וויל איך רעטײרן. איך מוז דאָס טאָן, ווייל ווינטער איז פאַר מיין פרוי בעסער צו זיין אין

פלאָרידע. אין אַפּריל 1954 האָב איך טאַקע רעטײרט, כאָטש ברעסלאַוו און דער לאָקאַל האָבן פֿאַרלאַנגט פֿון מיר איך זאָל ענדיקן דעם טערמין — דאָס וואָלט געהייסן אַרבעטן נאָך צוויי יאָר. אָבער איך האָב דאָס ניט געקענט טאָן צוליב מײַן פֿרוי און איך האָב אָנטגילטיק זיך צוריקגעצויגן אַלס געצאָלטער באַאַמטער. דער לאָקאַל האָט פֿאַר מיר אײַנגעאָרדנט אַ גרויסן באַנקעט, וואו עס זײַנען געווען פֿאַרטראָטן די מערסטע לאָקאַלן פֿון דער „אינ־טערנעשאַנעל" ווי אויך יוניאָנס אָנגעשלאָסענע אין די „פֿאַראײ־ניקטע יידישע געווערקשאַפֿטן". אַחוץ דעם אויך דער „פֿאָר־ווערטס", דער יידישער סאָציאַליסטישער פֿאַרבאַנד, דער „קלאָוק־דזשאָינט־באָארד" מיט נאַגלערן אין דער שפּיץ און דער „דרעס־דזשאָינט־באָארד" מיט האָכמאַנען בראש. — און — פֿאַרשטייט זיך — מײַן גאַנצע פֿאַמיליע, מײַנע קינדער, ברידער און שוועסטער. ער איז פֿאַר מיר און פֿאַר מײַן פֿאַמיליע ווידעראַמאָל געווען אַ גרויסע אומפֿאַרגעסלעכע שמחה. איך האָב געקראָגן מתנות פֿון לאָקאַל 35 און גאָר באַזונדער פֿון די „אָלדטײַמערס", פֿון דער „באָארד אָוו אָפֿיסערס" און פֿון אַ גרויסע גרופּע יונגע פּרעסערס פֿון אונדזער לאָקאַל.

ביי דער דאָזיקער פֿייערונג האָב איך דערקלערט, אַז איך רעטײַר נאָר פֿון געצאָלטן אַמט אָבער ניט פֿון דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג און אויך גיי איך ניט אַוועק פֿון דער יוניאָן און איך בין גרייט ווייטער צו זײַן אַקטיוו אין לאָקאַל און וועל אים ווייטער געבן פֿאַרטרעטן ביי די „געווערקשאַפֿטן".



איך מיט מיין פֿאַמיליע, פֿרוי, זין, טעכטער, איידעמס און שנורן ביים באַנקעט פֿון מיין יוניאָן לכּבוד מיר, 1954

# קאַפּיטל 36

מײַן אינטים אָדער — װי מען רופט עס — ראָמאַנטיש לעבן איז נישט געװען רײַך אין קײן אױסערגעװײנטלעכע אָדער אַװאַנ־טוריסטישע געשעענישן. הױפּטזעכלעך איז דאָס געשען דערפֿאַר װאָס איך האָב הײס געליבט מײַנע בײדע פֿרױען: פֿרידע, װאָס איז יונגװײַז און טראַגיש אַװעק פֿון דער װעלט, און אסתּר, מיט װעלכער איך האָב אָפּגעלעבט אַ גאַנץ גליקלעך לעבן אין אַמע־ריקע. יעדעס מאָל װען איך בין געשטאַנען פֿאַר אַ נסיון האָט די דאָזיקע הײסע ליבע מיך אָפּגעהיט פֿון פֿאַרלירן זיך אָדער צו שטאַרק פֿאַרלירן זיך. אָבער איך מײן, אַז אױך מײַן סאָציאַליס־טישע דערציאונג האָט דאָ געשפּילט אַ גרױסע ראָלע. די סאָציאַ־ליסטישע אידעאָלאָגיע און די סאָציאַליסטישע מאָראַל, װאָס איך בין אונטער איר װירקונג אַרונטערגעפֿאַלן שױן אין די יונגסטע יאָרן מײַנע, האָבן בײַ מיר אַנטװיקלט אַ געװיסע צוריקגעהאַלטנ־קײט, אַ באַציאונג צו דער פֿרױ װי צו אַ גלײַכן מענטשן, אַן ער־לעכקײט אין באַציאונג מיט מענטשן אד״גל.

װען איך האָב אָנגעהױבן אַרבעטן אין דער שװעבעלעך־פֿאַבריק בין איך אַלט געװען 16 יאָר, אַ סך מײדלעך האָבן דאָרט געאַרבעט. איך בין דעמאָלט שױן געװען אַ מיטגליד פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטײ און איך בין שױן שטאַרק געװען פֿאַרנומען מיט קאָנספּיראַטיװער אַרבעט, פֿלעגט מיר אױס־קומען אָפֿט מאָל צו פֿאַרברענגען מיט מײדלעך. האָט זיך גע־טראָפֿן, אַז איך פֿלעגט טײל מאָל אַרומנעמען אַ מײדל אָבער געבן איר אַ קוש, אָבער צו װײַט בין איך ניט געגאַנגען, װײַל איך האָב געהאַלטן אַז פֿאַר אַ אידעאַליסט פּאַסט ניט צו האַנדלען װי אַ גראָבער יונג. װען איך האָב זיך באַקענט מיט פֿרידען האָב איך

זיך אין איר באַלד פאַרליבט, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זי איז געווען עלטער פון מיר מיט דריי יאָר. איך בין אָבער געווען זייער צוריקגעהאַלטן און איך פלעג מיר דערלויבן צו קושן זי בלויז אין די שפּיץ־פינגער, און כאָטש זי האָט מיר געמאַכט אַ באַמערקונג אַז פאַר אַ סאָציאַליסט פּאַסט דאָס ניט, פלעג איך דאָס ווייטער טאָן. איך האָב שוין דערציילט פריער אַז איך האָב מיט איר חתונה־געהאַט, געווען מיט איר צוזאַמען פאַרשיקט אין סיביר, זי האָט מיר געבוירן דריי קינדער און אין דער קימפּעט מיטן דריטן קינד איז זי געשטאָרבן. נאָך מיין אַנטלויפן פון סיביר, אָנהייב 1905, בין איך צוריק געוואָרן טעטיק אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, בין איך אַ יאָר צייט געווען אַזוי שטאַרק פאַרנומען מיט זיך, אַז איך האָב ניט געהאַט אין זינען קיין ראָמאַנטישע זאַכן, כאָטש איך האָב זיך באַגעגנט מיט אַ סך פרויען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך פון רוסלאַנד דעם ענטוזיאַזם פאַר סאָציאַליסטישן קאַמף און מיך האָט דער עיקר אינטערעסירט ווייטער צו זיין אַקטיוו אין דער באַוועגונג.

קורץ נאָך דעם ווי איך בין געקומען קיין אַמעריקע, האָב איך געדונגען אַ צימער ערגעץ וואו, לעבען מיר, אין אַ צווייט צימער האָבן געוואוינט צוויי מיידלעך, זיי האָבן געמוזט אַדורכגיין דורך מיין צימער, זיי האָבן דאָס אָבער געטאָן צו אָפט, און דאָס איז מיר ניט געפעלן געוואָרן. האָב איך זיך אַרויסגעצויגן פון דעם צימער און, איך האָב געדונגען אַ ביי צימער צוזאַמען מיט סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטשן.

לאַנג בין איך אָבער מיט אים ניט געווען צוזאַמען, ווייל ער האָט מיך באַקענט מיט אַ מיידל — אסתר איסאַקאָף — וואָס איז גאָר אין גיכן געוואָרן מיין פרוי. זי איז געווען אַ שטיל, אינטערעסאַנט מיידל. זי האָט אויך באַלאַנגט צום ליטעראַרישן קלוב פון יידישע אינטעליגענטן און זי איז אויך געווען סאָציאַליסטיש געשטימט. איך האָב זיך פון ערשטן אויגנבליק אין איר פאַרליבט און זי אויך אין מיר. מיר האָבן אָנגעהויבן פאַרברענגען צוזאַמען,

אַבער גיך זיינען מיר ביידע געוואָרן איפּערזיכטיק, איך — אויף אירע פריינד, און זי — אויף מיינע פריינד. האָב איך איר איין מאָל פאָרגעלייגט אַז מיר זאָלן נעמען אַ צימער צוזאַמען. זי האָט צוגעשטימט. בין איך געווען גליקלעך פון איר ענטפער און מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן אין אַ צימער אויף דער מעדיסאָן־סטריט ביי קלינטאָן. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט זי מיר פאַרטרויט אַ סוד אַז זי איז שוואַנגער. איך האָב איר אויף דעם געענטפערט: איצט וועלן מיר דאַרפן פאָלגן דאָס געזעץ — און מיר האָבן געמאַכט פאָרמעלע חתונה־פּאַפּירן אין סיטי־האָל.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זי זיך אָנגעהויבן שלעכט פילן אין דער שוואַנגערשאַפט און זי האָט באַשלאָסן פאָרן צו אירע עלטערן אַהיים און דאָרטן געבוירן דאָס קינד. זי האָט פון מיר פאַרלאַנגט איך זאָל אויף דעם מסכים זיין. פאַר מיר איז דאָס געווען זייער פּיינלעך. מיר זיינען ערשט אַ קנאַפּ האַלב יאָר נאָך דער חתונה, איך בין פאַראייניקט דורך ליבע מיט אַזאַ שיינער פרוי און דאָ פלוצלונג וויל זי אַוועקפאָרן פון מיר. אָבער אַלס סאָציאַליסט און פריידענקער האָב איך ניט געהאַלטן פאַר פּאַסיק צו זאָגן איר, אַז איך וועל ליידן ווען זי וועט פון מיר אַוועק. איך האָב בלויז געפּרוּאווט זי איבעררעדן מיט צערטלעכקייט. כ'האָב זי געפרעגט צי זי האָט גוט נאָכגעטראַכט וואָס זי גייט טאָן, ווען זי וויל מיך איבערלאָזן אַליין. איר ענטפער איז געווען, אַז זי האָט באַשלאָסן צו פאָרן אויף זיכער, ווייל זי וויל האָבן דאָס קינד לעבן איר מוטער. זי האָט מיר געוויזן אַז זי האָט שוין גענומען אַ שיפסקאַרטע און אין עטלעכע טעג אַרום פאָרט זי אַוועק. איך האָב ניט געהאַט קיין ברירה און כ'האָב צוגעשטימט צו איר פּלאַן. איך האָב זי באַגלייט צו דער שיף. כ'האָב איר מיטגעגעבן גענוג געלט, אַז עס זאָל איר גאָר ניט פעלן, און איך האָב איר פאַר־זיכערט אַז איך וועל איר אויך שיקן גענוג געלט, זי זאָל קענען נעמען אַ גוטן דאָקטאָר ווען זי וועט דאַרפן געבוירן דאָס קינד. אויף דער שיף האָב איך נאָך אַמאָל געוואַגט איר צו זאָגן: מיין ליבע אסתר, מיינסטו נישט אַז דו טוסט אַ פעלער, וואָס דו פאָרסט אין דער צייט אַהיים. האָט זי מיך אַרומגענומען און געקושט און

געזאָגט צו מיר: האָב ניט קיין מורא, מיין ליבער מאַן, איך וועל זיכער קומען צו דיר און מיט אַ שיין קינד אַלס מתנה. ביים געזעגענען זיך האָבן טרערן באַנעצט אונדזערעביידנס פּנימער.
איך בין אַרונטער פון שיף. די שיף האָט געטאָן אַ פייף, האָט פּאַמעלעך געריט פון אָרט און איך בין געשטאַנען אומבאַוועגלעך ווי אין אַ חלום. איך האָב נאָכגעקוקט די גרויסע שיף, איך האָב געזען ווי זי ווערט קלענער און קלענער, ביז זי איז אין גאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן אין די וואַסערן פון גרויסן ים. גייענדיק צוריק אַ פאַרטראַכטער האָב איך שטאַרק חרטה געהאַט פאַרוואָס איך האָב געלאָזט מיין פרוי אָוועקפאָרן און איך זאָל בלייבן אַליין.
די ערשטע פּאָר וואָכן האָב איך זייער געליטן. איך האָב גאַנצע נעכט ניט געקענט שלאָפן טראַכטנדיק וועגן איר אָוועקפאָרן. איך האָב זיך ערשט אַביסל באַרואיקט ווען איך האָב געקראָגן פון איר דעם ערשטן בריוו, וואו זי האָט באַשריבן איר רייזע און איר באַגעגענען זיך מיט אירע עלטערן. ווען זי האָט זיי געוויזן מיין בילד, האָבן זיי צו איר געזאָגט, אַז עס איז אַן עוולה אַזאַ שיינעם בחור איבערצולאָזן אַליין. זי האָט מודה געווען, אַז די עלטערן האָבן אפשר רעכט, נאָר זי האָט מיך פאַרזיכערט, אַז אונדזער ליבע איינער צום צווייטן, וועט קיינער ניט קענען פון אונדז אָוועקנעמען. זי האָט אויך געשריבן צו אירע קוזינען אין ניו־יאָרק, אַז זיי זאָלן מיך אָפּט איינלאַדן צו זיך, כדי צו לינדערן מיין איינזאַמקייט. איינער פון אירע קוזינען, באַרענשטיין, אַן אינטעליגענטער מענטש, אַ מאָלער פון פאַך, האָט מיך געטרייסט און האָט מיר דערציילט, אַז זיין קוזינע, ד"ה מיין פרוי, שרייבט אים, אַז זי ציילט שוין די טעג צו קענען צוריקפאָרן קיין ניו־יאָרק, און עס פאַרדריסט איר בכלל פאַרוואָס זי האָט דאָס געטאָן, ווייל זי בענקט שטאַרק נאָך מיר.
אין יענער צייט האָב איך זיך נאָך שטאַרקער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו אָרגאַניזירן די קלאָוקמאַכער. דאָס האָט מיך אָבער ניט אָפּגעהאַלטן צו שרייבן בריוו יעדן טאָג צו מיין שיינער אסתר און וואַרטן מיט אומגעדולד זי זאָל קומען צוריק. ווען איך האָב געקראָגן אַ טעלעגראַמע אַז זי האָט בשלום געבוירן אַ גע־

ראַטענעם זון, איז עס ביי מיר געווען די גרעסטע פרייד. דערנאָך האָב איך געקראָגן אַ בריוו פון איר אַליין אַז דאָס קינד פון אונדזער ליבע האָט זי אַ נאָמען געגעבן נח, און דער רב פון שטעטל זאָגט, אַז אויף זיין פנים רוט די שכינה. איך האָב אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער בענקען, איצט — נאָך ביידן.

מיט יאָרן שפּעטער האָט מיין פרוי — וואָס האָט מיך זייער ליב געהאַט און איך האָב זי נאָך מער ליב געהאַט — מיר פאַרטרויט אַ סוד וועגן אַ שווערער קראַנקהייט, אויף וועלכער זי ליידט שוין יאָרן און זי האָט דאָס פון מיר אויסבאַהאַלטן: ווען זי האָט געהאַט דאָס ערשטע קינד ביי אירע עלטערן אין דער היים, האָט מען ניט גערופן קיין דאָקטאָר נאָר אַ הייבאַם (אין דער אַלטער היים רופט מען זי אַקושערקע), איז פון יענעם געבורט אָן איר געבליבן אַ פעלער. זי האָט דאָס געדאַרפט באַלד אָפּערירן, אָבער זי האָט דאָס פאַרנאַכלעסיקט, האָט גאָר ניט געטאָן, אָבער די לעצטע צייט פילט זי זיך זייער ניט גוט. איך בין געווען איבערראַשט, ווי אַזוי אַזאַ שכלדיקע און אינטעליגענטע פרוי זאָל ליידן אַזוי פיל יאָרן און זי זאָל מיר, איר מאַן, גאָר נישט זאָגן וועגן דעם! זי האָט זיך פאַרענטפערט אַז זי האָט ניט געוואָלט מיר אָנטאָן עגמת־נפש. איך האָב זי גענומען צו אַ גרויסן דאָקטאָר און דער דאָקטאָר האָט נאָך דער אונטערזוכונג מיר געזאָגט, אַז מען מוז זי באַלד נעמען אין שפּיטאָל. איר בלוט־דרוק איז דעמאָלט געווען 275. זי איז אָפּגעלעגן אַ פּאָר וואָכן אין שפּיטאָל, אָבער דער בלוט־דרוק איז נישט געפאַלן און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ביי אַזאַ הויכן בלוט־דרוק טאָר מען איר ניט מאַכן די אָפּעראַציע. איך האָב מיין פרוי אַהיימגענומען. אונדזער טאָכטער איירין, און אַביסל אויך די זין, האָבן אַרויסגעהאָלפן אין הויז, אויך איך האָב אַרויסגעהאָלפן אין דער שטוב־אַרבעט און געטאָן דאָס העכסטע, אַז מיין ליבע פרוי זאָל נישט דאַרפן שווער אַרבעטן, נאָר זאָל קענען אויספאָלגן די אינסטרוקציעס פון דאָקטאָר. אונדזערע קינדער האָבן געטאָן מער ווי ס'איז געווען מעגלעך צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון זייער מוטער. און וויפל מיר אַלע האָבן געזאָרגט פאַר איר, מיט דער הילף פון גוטע דאָקטוירים און פון

לאַנגע וואַקאַציעס, האָט מען ניט געקענט פאַרהיטן אַז דער גרוי־סער בלוט־דרוק זאָל ניט אַפּשוואַכן איר האַרץ. דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, אַז זי דאַרף ליגן אין בעט און זי טאָר קיין זאַך ניט טאָן אין הויז און ער האָט דערביי אונדז אַלעמען אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל ניט דערוועגן זי אויפצורעגן, ווייל ביים מינדסטן האַרץ־אַטאַק קען מען זי פאַרלירן.. דאָס האָט אויף מיר זייער שטאַרק געווירקט. אָפט מאָל האָב איך אָנגעהויבן פילן אַז איך אַליין ווער אויך קראַנק. ווען מיינע קינדער האָבן אַלע חתונה־געהאַט, און עס האָט זיך נאָך דעם אָנגעהויבן די מלחמה און מיינע צוויי זין און דער איידעם זיינען גענומען געוואָרן אין מיליטער — האָט דאָס אויף מיין פרוי שלעכט געווירקט. איך האָב זי נישט געקענט איבערלאָזן אַליין אין הויז. האָב איך זי אין גאַנצן אַרי־בערגעפירט צו מיין טאָכטער, וואָס האָט געוואוינט ניט ווייט פון מיר און איך בין געבליבן אין מיין וואוינונג אַליין.

## קאַפּיטל 37

נאָכן צוריקציִען זיך פון מיין אַמט אין דער יוניאָן האָב איך נישט דערפילט קיין בלויז, וואָס איך וואָלט געדאַרפט נאָרמאַל פילן נאָך אַזוי פיל יאָרן אָנגעשטרענגטע אַרבעט, ווייל איך האָב באַלד דערזען אין וויפל צייט מיין קראַנקע פרוי בייטיקט זיך, און אַז איך האָב זי אפשר אַביסל צו פיל פאַרנאַכלעסיקט צוליב מיין אינטענסיווער יוניאָן־טעטיקייט. האָב איך טאַקע אָנגעהויבן אָפּגעבן מיין קראַנקער פרוי אַ סך מער צייט ווי ביז איצט. איך האָב געטאָן אַלץ וואָס ס'איז פאַר מיר געווען מעגלעך זי זאָל זיך פילן בעסער. זומער בין איך געווען מיט איר אין לאָנג־ביטש, ווינטער בין איך געפאָרן מיט איר קיין פלאָרידע. איך האָב אַפילו געוואָלט באַזעצן זיך מיט איר אין מיאַמי־ביטש, האָט אָבער מיין פרוי נית געוואָלט, זי האָט געבענקט נאָך די קינדער.

סוף מערץ, 1955, זיינען מיר צוריקגעקומען פון מיאַמי קיין ניו־יאָרק. זי האָט זיך געפילט גוט, זעענדיק אַלע קינדער. דעם 1טן יוני בין איך מיט איר געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר, פאַרנאַכט האָבן מיר אָפּגעגעסן מיטאָג, דערנאָך זיינען מיר געזעסן ביז 10 אַזייגער און געקוקט אויף טעלעוויזיע. נאָך דעם איז זי געגאַנגען שלאָפן. איך בין געבליבן נאָך אַביסל זיצן צו שרייבן אַ בריוו. עלף אַזייגער בין איך אויך געגאַנגען שלאָפן און איך האָב געהערט אַז זי שלאָפט געשמאַק. נאָך איינס אַזייגער ביינאַכט האָב איך דערהערט אַז זי וויל אַרונטערגיין, האָב איך זי גענומען אין וואָש־צימער אַריין און ווי נאָר זי איז אַריין, האָט זי אויסגעבראָכן אין דער וואָש־שיסל. איך האָב אַ דערשראָקענער פאַרשטאַנען אַז זי האָט באַקומען אַן אַטאַקע, האָב איך זי צוריק אַריינגעפירט אין שלאָפצימער און אַריינגעלייגט אין בעט. איך האָב איר געגעבן אַ

מעדיצין און געזאָגט אַז איך גיי רופן דעם דאָקטאָר. האָט זי מיך אַרומגענומען און געקושט און געזאָגט, אַז מען דאַרף ניט דעם דאָקטאָר. איך האָב זי אָבער ניט געפאָלגט און גלייך גערופן דעם דאָקטאָר. אין פינף מינוט אַרום איז ער שוין געווען לעבן איר, אָבער — זי איז שוין געווען טויט. דעם 3טן יוני האָב איך און אונדזערע קינדער און די גאַנצע משפחה און אַ סך פריינד זי באַ־גלייט צו איר אייביקער רו, און איך בין געבליבן אַליין — אַן אלמן.

עטלעכע חדשים נאָך דעם בין איך געווען זייער קראַנק. איך בין געפאָרן צו מיין זון און שנור קיין שיקאַגאָ. זיי האָבן מיך גע־נומען צום בעסטן דאָקטאָר און ער האָט נאָך אַ גענויער אונטער־זוכונג מיר געזאָגט, אַז די איבערלעבונג פון צוזען ווי מיין פרוי איז געשטאָרבן האָט זייער שלעכט געווירקט אויף מיר, און איך זאָל זיך באַמיען אַליין זיך נעמען אין די הענט, רוען וואָס מער, וועל איך קומען צו זיך. איך האָב דעם דאָקטאָר געפאָלגט. ווען איך האָב אָנגעהויבן זיך צו פילן בעסער, בין איך אַוועק צוריק קיין ניו־יאָרק. איך האָב זיך צוריק אַקטיוו אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פאַר מדינת ישראל, פאַרן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, פאַר די „געווערקשאַפטן" און פאַרן אַרבעטער־רינג, פאַר מיין יוניאָן, פאַרן יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד א"אַנד. איך פיל גאָר ניט אַז איך בין רעטיירט. איך האָב זיך אַ סך פאַרגרינגערט די אַרבעט, ווייל איך האָב ניט די שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ באַצאָלטן באַאַמטן אין אַ יוניאָן, אָבער איך דאַרף ניט טראַכטן וואו מיין צייט אַוועקצוגעבן, ווייל אָפט מאָל פעלט מיר נאָך אויס צייט. איך גיב אויך אָפּ מער צייט מיינע קינדער, ווייל איך פיל אַז איך דאַרף פאַר זיי פאַרנעמען דאָס אָרט סיי פון אַ מוטער סיי פון אַ פאָטער. אָבער דאָך איז ניט גוט אין די יאָרן צו פאַרבלייבן אַליין. וויפל איך האָב ניט געליטן ווען מיין פרוי האָט געלעבט, ווייל זי איז דאָך געווען שווער קראַנק, ספּעציעל אין דעם לעצטן יאָר פון איר לעבן, בין איך אָבער געווען לעבן אַ ליבער פרוי און אַ געטרייער מוטער. מיינע קינדער פלעגן קומען באַזוכן זייער מוטער און פאָטער אָפטער. אויך משפחה און גוטע פריינד פלעגן קומען צו אונדז פאַרברענגען.

איצט איז גאַנץ אַנדערש. עס איז שוין פיר יאָר ווי מיין ליבע פרוי איז אַוועק. פאַר דער צייט האָבן מיך באַזוכט אַ סך פריינד, מיינע טייערע אייניקלעך ענדי און נענסי, מיין זון פיליפ און זיין פרוי, מיין טאָכטער איירין, וועלכע וואוינט אין שכנות מיט מיר. די אַנדערע קינדער דאַרף איך באַזוכן, אַזוי איז אויך מיט די אייניקלעך. איך האַלט אָן די זעלבע וואוינונג. איך פיל אָבער ניט די זעלבע היי־מישקייט פון דעמאָלט ווען מיין פרוי האָט געלעבט. אַ טרייסט אין מיין איצטיקן לעבן איז מיין ווייטערדיקע אַקטיוויטעט אין די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און אויך די גוטע דערגרייכונגען פון מיינע קינדער. ביסלעכווייז פּאַס איך זיך צו צו דעם לעבן, אַנצונעמען פאַר גוט דאָס וואָס עס איז. דער מענטש קען ניט האָבן קיין טענות, ווייל די נאַטור גייט מיט איר וועג. ער קען נאָר אויסדריקן דורך שרייבן אָדער דורך רעדן זיינע זאָרגן און דורך דעם פילט ער זיך שוין אַביסל בעסער.

אויף דער עלטער דערוועקט זיך אַ שטאַרקער געפיל צו די אייגענע קינדער און צו דער גאַנצער משפחה. ווען מען איז יונגער איז מען פאַרזאָרגט מיט מאַכן אַ לעבן און מען האָט אויך פאַר־שיידענע אַמביציעס, אַזוי אַז מען האָט ווייניק צייט צו טראַכטן אַז מען דאַרף עפּעס טאָן פאַר די אייגענע קינדער. מיט 40 און 50 יאָר צוריק, ווען אַן אַרבעטער האָט געאַרבעט אַ לאַנגן אַרבעטס־טאָג פאַר אַ קליינעם לוין, ער פלעגט אַוועק אין דער פרי, ווען די קינדער פלעגן נאָך שלאָפן און קומען פון דער אַרבעט שפּעט אין אָוונט ווען די קינדער פלעגן שוין שלאָפן — פלעגט מען זען די קינדער נאָר איין טאָג אין דער וואָך — אין דעם רו־טאָג. אָבער אין דעם איינעם טאָג פלעגט זיין אַזוי פיל צו טאָן, אַז אָפּגעבן זיך מיט די קינדער ווי אַ פאָטער דאַרף האָט מען אויך ניט געהאַט די מעגלעכקייט, און עס איז געווען די פרוי, די מאַמע פון די קינדער, וואָס האָט געדאַרפט אויספירן די ראָלע סיי פון אַ מאַמע און סיי פון אַ טאַטע. אין אַ סך אַרבעטס־היימען האָט אויך די מוטער ניט געהאַט קיין סך צייט אָפּצוגעבן זיך צו די קינדער, ווייל זי האָט געדאַרפט אַרויסהעלפן אין דער פרנסה. מען פלעגט האַלטן „באָרדערס״. אמת, מיר זיינען געווען זייער ווייט פון לעבן

אין לוקסוס, אָבער מיר האָבן געהאַט גענוג צו לעבן און צו האָבן אויך אַביסל אַ באַקוועמערע וואוינונג. מיין ליבע פרוי איז געווען זייער איבערגעגעבן צו די קינדער. זיי זיינען פאַר איר געווען דאָס גאַנצע לעבן. זי איז ווירקלעך געווען די אידעאַלע גוטע מוטער און צום אָפּטסטן אויך זייער פאַרטראַטן דעם פאָטער. ווען איך האָב געזען אַז די אַרבעט אַרום די קינדער פאַלט אויף מיין פרוי שווער, האָב איך געבעטן מיין שוועסטער פעני, זי זאָל נעמען מיינע צוויי קינדער פון מיין ערשטער פרוי צום האָדעווען און איך האָב פאַר זיי געצאָלט.

מיין עלטערע טאָכטער, חנה, וועלכע איז איצט שוין אַ באָבע פון דריי אייניקלעך, איז דורכגעגאַנגען סקול און האָט נאָך דעם גענומען אַ קורס פון אַ טייפּיסטין און ביזנעס־סעקרעטאַרקע. זי האָט חתונה געהאַט זייער יונג און האָט דערצויגן צוויי זין, מיינע אייניקלעך, זיינען טאַקע פאַר גאָט און פאַר לייטן. איינער, הערלאָד, אַרבעט פאַר אַן ענגלישן מאַגאַטלעכן זשורנאַל און שרייבט אויך ענגלישע פּיעסן. לעבט מיט זיין שיינער, יונגער פרוי, טערי, ווי צוויי גוטע חברים און האָבן 3 טעכטערלעך, מיינע אור־אייניקלעך, אַנימי, ווילאָבי און וויקטאָרי. דער ייִנגערער זון, באָבי, איז אין לאָס אַנדזשעלעס און גיט זיך אָפּ מיט דראַמע און טעאַטער. מיין זון, טשאַרלי, האָט זיך יונגערהייט פאַרשריבן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, אָבער ער האָט נאָך אַ צייט אויפגעגעבן דעם פּלאַן צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער מיליטערמאַן. ער איז אַוועק אַרבעטן אין אַ קלאָוק־שאָפּ; ער האָט חתונה־געהאַט, און ער מיט זיין פרוי, פלאָראַ, האָבן צוויי טעכטערלעך, מיינע אייניקלעך, אַ צווילינג דזשען און דזשעקעל. אויך זיי וואוינען אין לאָס אַנדזשעלעס, וואו ער איז טעטיק אין דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן פון דער „אינטערנעשאָנעל".

וועגן מיין זון נח (נאָא) וואָלט מען געקענט אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך. ער האָט שוין יונגווייז געטראַכט צו ווערן אַן אינטעלעקטואַל. ווען ער איז אַלט געווען 14 יאָר האָט ער פון מיר פאַרלאַנגט אַז ער וויל אַריינגיין אַרבעטן אין אַ צייטונג און זיך לערנען אין היי־

סקול אין אָוונט. און אַז ער האָט עפעס געוואָלט האָט ער זיינס אויסגעפירט. איך האָב פאַר אים געקראָגן אַרבעט אין אַ זשורנאַל „פיקטשאָריאל רעוויו", דערנאָך אין „פאָרווערטס". וולאַדעק פלעגט מיר זאָגן „דיין נאָאַ וועט אַמאָל זיין אַ גרויסער שרייבער". אַ געוויסן אָוונט קומט נאָאַ אַהיים און זאָגט צו אונדז: "פאַ, מאַ — איך פאָר קיין דייטשלאַנד שטודירן זשורנאַליזם". עס האָט ניט געהאָלפן מיין און מיין פרויס טענהן און בעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל ניט פאָרן. זיין ענטפער איז געווען אַז קיינער קען אים ניט אָפּהאַלטן און אויב איך וועל אים ניט העלפן, וועט ער אויף יעדן פאַל פאָרן. איך האָב געוואוסט אַז ער קען דאָס טאָן, האָב איך אים געהאָלפן קריגן אַ פאַספּאָרט און ער איז אַוועקגעפאָרן. מיין פרוי און איך האָבן זייער געבענקט נאָך אים און ביז מיר האָבן געקראָגן פון אים דעם ערשטן בריוו זיינען מיר געווען זייער פאַרזאָרגט. עס איז ביי אונדז געווען די גרעסטע פרייד ווען ער איז צוריקגעקומען. ער איז צוריק אַריין אין „פאָרווערטס". ער האָט אָבער ניט געגליכן די אַרבעט דאָרט, האָב איך פאַר אים געקראָגן אַ דזשאב פון אַ פינאַנס־סעקרעטאַר אין אַ יוניאָן. ער האָט גלייכצייטיק געקריגן אַ סך באַקאַנטשאַפט אין דער קינסטלער־וועלט. ער פלעגט גאַנצע אָוונטן פאַרברענגען אין גרינעדזש ווילעדזש. ער פלעגט זיך פאַרלאָזן אויף זיין אַסיסטענט ביים דזשאב און ער פלעגט פאַרנאַכלעסיקן זיין אַרבעט אין דער יוניאָן, ביז ער האָט פאַרלוירן די אַרבעט. ער איז מער געווען פאַראינטערעסירט אין קונסט ווי אין זיין דזשאב. דעמאָלט האָט ער געקויפט אַ בוך־געשעפט אויף דער 4ער עוועניו, ווייל ער איז אויך געווען זייער פאַראינטערעסירט אין ביכער. דאָס געשעפט איז גוט געגאַנגען. נאָך אַ צייט האָט ער דאָס געשעפט אויף דער 4ער עוועניו פאַרקויפט און האָט געעפנט אַ בוכהאַנדלונג אויף דער 5טער עוועניו ביי דער 12ער גאַס און דאָס געשעפט איז אים אויך גוט געגאַנגען אויפן נייעם אָרט. עס איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה, פוירל האַרבאָר און אַמעריקעס אַריינטריט אין דער מלחמה. מיין זון נאָאַ איז גענומען געוואָרן אין דער אַרמיי (אַזוי אויך מיינע אַנדערע צוויי זין, דזשאָף און פיליפ), אים, נאָאַ, האָט מען אַוועק־

געשיקט לעבן שיקאַגאָ, פלעגט ער אָפט קומען קיין שיקאַגאָ און דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט זייער אַ שיין מיידל, לאָלאַ. זיי האָבן זיך פאַרליבט און חתונה־געהאַט. נאָך דער מלחמה, ווען ער איז באַפרייט געוואָרן פון דער אַרמיי האָט אים זיין שווער אַריינגענומען אין זיינע ביזנעס, אַ גרויסע שטאָל־פירמע. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן און נאָך עטלעכע יאָר איז ער געוואָרן הויפּט־מענעדזשער פון דער „קוין סטיל קאָרפּאָריישאָן". אין דער זעלביקער צייט איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס אַ דירעקטאָר פון „שיקאַגאָ מעדיקל קאַלעדזש". ער איז אויך געווען זייער אָנגעזען אין די קינסטלערישע קרייזן פון שיקאַגאָ. זיין פרוי, לאָלאַ, האָט די זעלביקע פאַראינטערעסירונג אין קונסט און אין קולטור. צו אונדז, צו מיין פרוי און מיר, האָבן זיי זיך שטענדיק באַצויגן זייער פריינדלעך. איך האָב גרויס נחת פון אים, אַזוי ווי פון אַלע מיינע קינדער. און אויך פון זייער זון, מיין אייניקל מאַרשאַל.

מיין זון דזשאָזעף האָט פון זיין קינדהייט אָן געליטן אויף בראָנכייטיס. מיר האָבן געטאָן אַלץ וואָס עס איז געווען מעגלעך פאַר זיין געזונט. מיר פלעגן יעדעס יאָר מיט אים אַרויספאָרן אין די בערג. ווען איך האָב געהאַט אַ גוטן פּאָסטן אין פילאַדעלפיע האָב איך צוליב אים געמוזט אויפגעבן דעם אַמט, ווייל דער קלימאַט איז געווען פאַר אים צו פייכט (ווי איך האָב שוין פריער דערציילט). אין שול האָט ער זיך זייער גוט געלערנט. ער איז געווען פון די בעסטע שילער אין היי־סקול. ער האָט זיך צוגעהערט צו דער עצה פון טאַטע־מאַמע און איז אַריין אין סיטי־קאַלעדזש. ער האָט שטודירט בוכהאַלטעריע. אויך דאָ האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין לערנען און ער האָט ענדלעך באַקומען זיין דיפּלאָם פון אַ „סי.־פּי.־אַי" (געשוואָרענער בוכהאַלטער). אין אָנהייב האָט ער געאַרבעט שווער, אָבער אין גרויסע פירמעס. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מען אים גענומען אין דער אַרמיי און ער איז אָוועקגעשיקט געוואָרן צו אַרבעטן פאַר דער רעגירונג אין וואַשינגטאָן. נאָך דער מלחמה האָט ער אַביסל צייט געאַרבעט ביי יענעם, דערנאָך איז ער אָוועק אין ביזנעס פאַר זיך אַליין מיט

אַ שותּף. די פירמע טראָגט איצט דעם נאָמען „העריס און גויל" וואָס האָט איר אָפיס אין דעם „עמפּייר־סטייט בילדינג". ער האָט חתונה־געהאַט מיט אַ שיין, פיין מיידל, וויוויען. זיי האָבן דריי יינגלעך, אַלע דריי גערײַטענע און זיי לעבן גאַנץ שיין, אַ באַלע־באַטיש לעבן. זיי פאַרשאַפן מיר אַלע גרויס פאַרגעניגן, ספּעציעל די אייניקלעך.

מיין טאָכטער איידאַ איז געווען פון קינדוויז אָן איבער־געגעבן צו דער מוטער. נאָך אַלס קינד פלעגט זי איר אַרויסהעלפן אין דער הויז־אַרבעט. זי האָט געענדיקט היי־סקול און האָט אַביסל צייט געאַרבעט אין אַן אָפיס. נאָר צוליב דער מוטערס קראַנקהייט האָט זי געמוזט אויפגעבן די אַרבעט און זיין מיט דער מוטער אין הויז, כדי צו העלפן איר אין דער באַלעבאַטיש־קייט. זי איז געווען זייער איבערקלייבעריש מיט בחורים. ענדלעך האָט זי אויסגעקליבן איר באַשערטן און האָט חתונה־געהאַט מיט גילבערט שאַפּיראָ. מיין איידעם האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין אַ פלייש־ביזנעס און האָט שיין פאַרדינט, ער האָט אָבער ניט געגליכן זיין דזשאַב. באַלד איז אָנגעקומען די צווייטע וועלט־מלחמה און מען האָט מיין איידעם גענומען אין דער אַרמיי. ער איז צוגעטיילט געוואָרן צום פאָטאָגראַף־סקוואַדראָן. נאָך דער מלחמה איז ער געוואָרן אַ „סיילסמען" פון פאָטאָגראַפיע־מאַטער־יאַלן און ער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. ער האָט שוין געהאַט אַ סך געלעגנהייטן צו גיין אין אַ ביזנעס פאַר זיך אַליין, אָבער ער וויל עס ניט טאָן מיט געליענע געלטער. ער איז אַן אייגנאַרטיקער מענטש. ליבעראַל געשטימט, פאַרשטייט גוט דאָס לעבן. ער איז אַ מיטגליד אין אַרבעטער־רינג. זיי האָבן צוויי קינדער, אַ מיידל, נעסי, 13 יאָר אַלט, און אַ יינגל, ענדי, 8 יאָר אַלט. טייערע אייניק־לעך, וועלכע פאַרשאַפן מיר אַ סך פאַרגעניגן מיט זייער ליבשאַפט צו מיר. מיין טאָכטער און איידעם פירן זייער אַ שיין לעבן און איך האָב פון זיי אַ סך נחת.

מיין מוזיניק, פיליפ, איז געווען אַ קינד וואָס האָט זיך צו־געהערט צו די עלטערן, אָבער ווען ער האָט פאַרענדיקט היי־סקול, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט אַז ער וויל אַריין אין אַ פאַרם־

קאלעדזש. איך האָב פּאָר אים איינגעצאָלט עטלעכע הונדערט דאָלאַר. אָבער נאָך דעם ווי ער איז דאָרט אָפּגעווען 9 חדשים, איז ער צוריקגעקומען מיט אַ פאַרדאַרבענעם מאָגן, ווייל מען האָט די שילער פון קאלעדזש געגעבן ניט קיין פרישע עסן. איז ער אַוועק אַרבעטן אין יוניטי־הויז פון דער „אינטערנעשאָנעל". בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אַוועק אין דער „מויר־טשענט־מאַרין". נאָך דער מלחמה האָט ער זיך געלערנט פאַר אַ „קאַטער" (צושניידער). ער איז געוואָרן אַ יוניאָן־מאַן אין קאַטערס לאָקאַל 10. דערנאָך איז ער אַריין אין „סקוירט קאָנטראַקטינג" ביזנעס. כאָטש ער איז געוואָרן אַ מאַנופעקטשורער, פירט ער זיך אויף ווי אַ זון פון דער גאָלדאָווסקי פאַמיליע דאַרף זיך אויפפירן. ער האָט צוויי שיינע מיידעלעך, באַרבאַראַ און עסטעס, און אַ זון, דזשעניפער. מיין זון פיליפּ איז אַ הייסער טאַטע און אַ גוטער פאַמיליע־מאַן.

איך און מיין פרוי ע"ה האָבן שטענדיק געהאַט גרויס נחת פון אונדזערע קינדער, עס איז געווען פאַר אונדז אַ גרויסע פרייד ווען מיר זיינען זיך מיט זיי צונויפגעקומען, זיי האָבן אונדז שטענ־דיק רעספּעקטירט און זיי ווייזן נאָך אַרויס צו מיר דרך ארץ און כבוד ביזן היינטיקן טאָג.

## קאַפּיטל 38

אין 1947 האָב איך באַזוכט ארץ־ישראל ווי אַ גאַסט פון דער „הסתדרות", ווי איך האָב שוין פריער דערציילט. און ווען די „יונייטעד ניישאָנס" האָבן מיט אַ יאָר שפּעטער אָנגענומען דעם היסטאָרישן באַשלוס צו שאַפן אַ יידישע מלוכה, האָב איך די גאַנצע צייט געטרוימט נאָך אַ מאָל צו באַזוכן דאָס לאַנד וואָס איז שוין איצט אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה. ענדלעך, אין 1958, צום 10 יאָריקן יובל פון דער יונגער יידישער מלוכה, האָב איך פאַרווירקלעכט מיין טרוים.

איך בין געפאָרן מיט אַן אויספלוג פון אַ גרופּע טוריסטן וואָס די „הסתדרות" האָט אָרגאַניזירט. מיר זיינען אַרויסגעפאָרן דעם 20טן מערץ אין אַ גרויסן שניי־שטורעם. מיין עלטערע טאָכטער, עני, איז געקומען מיט אַ מאַשין מיך אַוועקפירן צום פּאָרט. די שיף „טעאָדאָר הערצל" האָט שוין אויף אונדז געוואַרט. איך בין גיך אַדורך די פאָרמאַליטעטן און אַרויף אויף דער שיף. מיר זיינען אַריין אין מיין קאַבינע. דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער, אַביסל בראַנפן האָב איך מיט זיך געהאַט, האָבן מיר גענומען אַ לחיים און מיר זיינען געוואָרן אַביסל מונטערער. באַלד זיינען אָנגעקומען מיינע צוויי פריינד, וואָס דאַרפן פאָרן מיט מיר אין דער זעלבער קאַבינע, איינער פון לאָס אַנדזשעלעס, דער צווייטער פון באָסטאָן. עס אַנטוויקלט זיך אַ דיסקוסיע וועגן די בעטן. איך מאַך אַ פּשרה, און ביידע נעמען זי אָן. עס הערט זיך אַ קלונג, אַז די געסט זאָלן פאַרלאָזן די שיף. מען געזעגנט זיך, מען קושט זיך, עטלעכע וויינען פאַר פרייד — און מיר בלייבן אַליין.. אויפן דעק מען מען ניט אַרויס, ווייל דער שניי־שטורעם איז גרויס. מען וואַרט די שיף זאָל אָפּגיין, אָבער זי רירט זיך ניט פון אָרט. מען רופט אין עס־

זאָל אַריין, מען באַקענט זיך איינער מיטן צווייטן ביי די טישן. נאָך דעם גוטן מאָלצייט הייבט מען וויטער אָן זיך נאָכפרעגן ווען וועט די שיף אָנהויבן שווימען. ענדלעך, לאָזט דער קאַפּיטאַן פון שיף וויסן, אַז אויפן ים איז אַ גרויסער שטורעם, אַז מען וועט קענען אַרויספאָרן ערשט מאָרגן פרי.

אויף מאָרגן פרי נאָך אָנבייסן האָט די שיף טאַקע געריררט פון אָרט. איך הייב זיך אָן אַרומקוקן :: אַ יידישע שיף מיט העברע־אישע אויפשריפטן, זייער שיינע אַרטיסטישע מאָלערייען, זייער אַ גרויסער עס־צימער און פינף זאַלן פאַר פאַרווייַלונגען. אַלע פּאַסאַ־זשירן זיינען זייער פריינדלעך איינער צום אַנדערן. די מאַנשאַפט פון שיף מיט דעם קאַפּיטאַן בראש זיינען אויסערגעוויינטלעך פריינד־לעך צו יעדן איינעם. דער קאַפּיטאַן לאַדעט איין יעדעס מאָל אַן אַנדער גרופּע צו אַ קאָקטייל, האַלט אַ באַגריסונגס־רעדע און ענט־פערט אויף פראַגן. נאָך זיבן טעג פאָרן און זען וואַסער און הימל, זיינען מיר פאַרבייגעפאָרן פּאָרטוגאַל. אויפן אַכטן טאָג זיינען מיר דורכגעפאָרן דעם גיבראַלטאַר: הויכע, גרויסע בערג פוןביידע זייטן ים וואו די שיפן גייען אַדורך.

ביי דעם טיש וואו מיר האָבן דריי מאָלצייטן אַ טאָג זיצן איך און מיינע צוויי חברים, וואָס מיר שלאָפן אין איין קאַבינע און דריי אַנדערע אידן: איין ייד פון טערקיי וואָס לעבט אין אַמעריקע, רעדט העברעאיש און איז פרום, טראָגט שטענדיק אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, רעדט פיל וועגן גמרא וואָס ער האָט געלערנט און האָט נאָך ניט פאַרגעסן. עסן עסט ער קיין עין־הרע ווי אַ באַלע־גאָלע און האָט וויניק דרך־ארץ פאַר די אַנדערע. אַ צווייטער ייד איז פון לאָס אַנדזשעלעס; ווען ער וואָלט געהאָט אַ שפּיציקע באָרד, וואָלט ער אויסגעקוקט ווי אָנקל סעם. ער האָט ליב צו זינגען ביים עסן און האָט ליב צו הערן זינגען; וואָס ער עסט איז ער זיך מחיה, ווי ער וואָלט אַזוינע מאָלצייטן קיינמאָל ניט געהאָט. ער וויל כסדר זיך באַווייזן מיט זיין קענען גמרא און ווייזט אויס אַז ער קען טאַקע, זיין האַנדלונג איז אינטערעסאַנט. אַ דריטער וואָס זיצט ביי אונדזער טיש האַלט זיך סטאַטעטשנע און קוקט אויס ווי אַן אָלרייטניק, וועלכער מאַכט אַ לעבן פון פראַצענט. וועגן די

צווײ וואָס זײנען מיט מיר אין אײן קאַבינע, איז אײנער זײער אַ שטילער, נאָר בײנאַכט שרײט ער פון שלאָף. עס קען זײן ווײל ער נוצט ניט אויס זײן רעדנער־קראַפט בײטאָג לאָדנט ער זי אויס אין שלאָף. ער קוקט אויס צו זײן אַן אינטעליגענטער אַרבע־טער. דער צווײטער איז אַביסל אַ כעסן, ער קען ניט פאַרלײדן ווען אײנער זאָגט אים ניט דעם אמת און ער מוז באַלד זיך אָנהײבן קריגן. ער איז געלערנט און ווײסט וואָס ער רעדט. אין דער קאַ־בינע האָבן מיר זיך אײנגעלעבט זײער גוט, ווי אמתע חברים.

אויפן עלפטן טאָג זײנען מיר פאַרבײגעפאָרן דעם ברעג פון אַלזשיר. פון דער שיף זעט מען גרויסע פעלדזענע בערג פאַנאַנ־דערגעוואָרפן ווי פּיראַמידן. מיר פאָרן װײטער פאַרבײ דאָס אינדזל מאַדזשאָרקע, דער אויסבליק איז זײער אַ שײנער. מיר דערנעענ־טערן זיך צום ברעג פון גריכנלאַנד און דער קאַפּיטאַן לאָזט אונדז װיסן, אַז די שיף װעט זיך אָפּשטעלן אין פּאָרט אויף 5 שעה און מיר װעלן אין אויטאָבוסן קענען אַרומפאָרן איבער דער שטאָט און אויך קענען אַרײנפאָרן קײן אַטען, די הויפּטשטאָט פון גריכנ־לאַנד. אין יעדן אויטאָבוס װעט זײן אַ פירער װאָס װעט אונדז געבן אויפקלערונגען װעגן די היסטאָרישע ערטער וואָס מיר פאָרן פאַרבײ. מיר פאָרן קײן אַטען, אַ שײנע, אַלט־אײראָפּעאישע שטאָט מיט אַ סך נײע געבײדעס, שײנע גאַסן, פּאַרקן און גרויסע גע־שעפטן מיט ענגלישע אויפשריפטן. מען פירט אונדז אַוועק צו די רואינעס פון די אַלטע גריכישע טעמפּלען אין אַטען. מען דאַרף אַרויפגײן אַ הונדערט טרעפּ אויף שטײנערנע בערג ביז מען דער־גרײכט צו די אײגנטלעכע רואינען און דער גײד גיט אונדז אויפ־קלערונגען װעגן די חורבות פון די פאַרשײדענע אַלטע גריכישע טעמפּלען. נאָך דעם ווי מיר זײנען פון דאָרט אַוועק, זײנען מיר פאַר־בײגעפאָרן אַ הויכע שײנע געבײדע אין אַמעריקאַנער סטיל. דער גײד זאָגט אונדז אין אַ צעבראָכענעם ענגליש אַז די געבײדע באַ־לאַנגט צו די פאַראײניקטע שטאַטן און דאָס איז דער צענטער פאַר הילף פון מאַרשאַל־פּלאַן.

אויפן צווײטן טאָג זאָגט מען אונדז אַן אײנצופּאַקן די זאַכן ווײל מאָרגן קומען מיר אָן קײן חיפה. אַרײנצופאָרן אין האַפן האָט

דער שיף געקומען אַביסל צייט און די מענטשן זיינען דערווייל געשטאַנען אויפן דעק און זיך צוגעקוקט ווי שיין די שטאָט קוקט אויס פון דער ווייטן: הויכע, שיינע בערג מיט פיינע געמויערטע הייזער געבויט אין אייראָפּעאישן סטיל. מען לאָזט צו צו אונדזער שיף קליינע שיפלעך מיט אַ סך מענטשן וואָס זיינען געקומען באַ־געגענען ברידער און שוועסטער, קרובים און פריינד. איינער, אָווערבאַך פון באָסטאָן, דער טשערמאַן פון בעקער־לאָקאַל, האָט דערקענט זיין שוועסטער פון פוילן, ער האָט זי ניט געזען 48 יאָר; יעדער פון זייביידן, ער אויף דער גרויסער שיף און זי אויפן קליינעם שיפל, האָבן זיך דערקענט פון דער ווייטן און האָבן אָנגעהויבן וויינען פאַר פרייד און וויינען אויך אויף דעם, וואָס זיי האָבן די גאַנצע פאַמיליע פאַרלאָרן אין היטלערס קלאַך־אויוונס.

מען הייבט אָן אַראָפּלאָזן פון שיף. עס איז געקומען אונדז באַגעגענען אייזיק העמלין מיט זיין פרוי חנה, ווי אויך חבר בורשטיין, קולטור־דירעקטאָר פון דער „הסתדרות" אין ישראל. מען קושט זיך און מען פרעגט זיך נאָך אויף פריינד. ביז מען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן איבערקוקן די זאַכן, וואָס עס האָט גע־דויערט אַ היפּש ביסל צייט, האָט פריינד העמלין מיט זיין סטעף געברענגט סענדוויטשעס מיט קאַקאָ־קאָלאַ און טיי. ענדלעך האָט מען אונדז אַרויפגעזעצט אויף אַן אויטאָבוס און מען פאָרט דורך חיפה קיין תל־אביב; מען פאָרט דורך קיבוצים, מושבים, דורך פעלדער און סעדער מיט אָרענדזשעס און לעמאָנס. אַלע חידושן זיך ווי שיין דאָס לאַנד קוקט אויס און עס פרייט דאָס האַרץ וואָס מיר האָבן דערלעבט דאָס אַלץ צו זען. מיר קומען אַריין אין אַ שיינעם האָטעל וואָס באַלאַנגט צו אַ הסתדרות־קאָאָפּעראַטיוו, מען דערלאַנגט אונדז טיי און מען אָרדנט זיך איין אין די צימערן.

דעם ערשטן טאָג, פרייטיק ערב־פּסח, לאָזט מען אונדז וויסן אַז מען וועט אונדז פירן אין אַ קיבוץ וואו עס וועט פאָרקומען אַ פאָרשטעלונג וואו מען וועט דורך געזאַנג און טענץ פאָרשטעלן ווי מען נעמט אַראָפּ די תבואה פון פעלד. די פאָרשטעלונג הייבן אָן גאָר קליינע קינדער, דערנאָך קומען אַריין גרעסערע. מיט געזאַנג און טענץ ווייזט מען ווי מען אַקערט און מען זייט, נאָך דעם קומען

אַרויס פון קוסטעס יונגע מיידלעך און בחורים מיט סערפֿן צו שניידן די תבואה. די פֿאַרשטעלונג האָט געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק. מען פֿירט אונדז צוריק אין האָטעל און מען רוט זיך אָפּ אַ שעה צייט און נאָך דעם פֿירט מען אונדז אין אַ צווייטען קיבוץ צום סדר. מען פֿירט אונדז אַריין אין אַ גרויסן זאַל וואָס נעמט אַריין אַ טויזנט מענטשן, עס זיינען אויסגעשטעלט גרויסע טישן מיט בענק פֿאַר אַלעמען צו זיצן. דער קיבוץ אַליין פֿאַרמאָגט 900 נפשות; אויף די טישן איז אַלץ צוגעגרייט: וויין, מצה, פֿיש, הינער און קאָמפּאָט. מען הייבט אָן די צערעמאָניע פֿון סדר. אַ כאָר פֿון יונגע מיידלעך און יינגלעך, באַגלייט פֿון אַ פּיאַנאָ, זינגט. איינער פֿאַרטייטשט וואָס מען זינגט, ס'איז געווען אַ מאָדערנע הגדה. מען זעצט זיך צום עסן, אַלץ געשמאַק, אַפֿילו בעסער ווי אין אַן אַמעריקאַנער רעסטאָראַן, מען מאַכט אונדז דערביי אַ סורפּריז — מען דערלאַנגט נאָך דער פֿיש זופּ מיט קניידלעך, הייס און פֿריש. אונדזער גרופּע דאַנקט מיט אַ גרויסן אַפּלאָז. נאָכן עסן זינגט ווייטער דער כאָר און מען ענדיקט די הגדה, דע־מאָלט ערשט הייבט מען אָן צו הוליען, מען זינגט און מען טאַנצט ביז נאָך 2 אַזייגער ביינאַכט. ווען מיר זיינען געקומען צוריק אין האָטעל איז שוין געווען נאָך 3 אַזייגער. אויף צומאָרגנס האָט מען אונדז איינגעלאַדן צום צווייטן סדר אין „פֿאַרבאַנד־העמלין־הויז״. אין מדינת ישראל איז פֿאַראַן נאָר איין סדר, נאָר העמלין, אַלס אַמעריקאַנער, האָט איינגעפֿירט דעם צווייטען סדר. דער זאַל אין העמלין־הויז איז אַ שיינער און שיין דעקאָרירט. עס זיינען געקו־מען אונדז באַגריסן שפּרינצאַק, דער פּרעזידענט פֿון כנסת, און בורשטיין, דער קולטור־דירעקטאָר פֿון דער הסתדרות. העמלין איז געווען דער פֿאָרזיצער. עס איז אויך דורכגעפֿירט געוואָרן אַ פֿיינער קאָנצערט. קיין הגדה האָט מען ניט געזאָגט. אויפֿן פֿערטן טאָג האָט מען אונדז געפֿירט קיין ירושלים. מען האָט אונדז באַזעצט אינעם „קינג דייוויד״ האָטעל און אין „פּרעזידענט האָטעל״, ביידע ערשטקלאַסיקע האָטעלן. דער פֿירער לאָזט אונדז וויסן אַז מאָרגן וועלן מיר גיין צום הר־ציון. עס איז אַ מנהג ביי די פֿרומע יידן דעם ערשטן טאָג חול־המועד צו גיין צום הר־הציון. ווען מיר זיינען

צוגעקומען נענטער האָבן מיר געמוזט אַרויסגיין פון אויטאָבוס ווייל עס זיינען געגאַנגען מאַסן מענטשן, אין די טויזנטער. אויף דעם באַרג האָט מען אַדורכגעפירט אַ שיינע צערעמאָניע. עס זיי־נען געקומען די הויפּט־רבנים, די רעגירונג, די שטאָט־רעגירונג ווי אויך פאָרשטייער פון דער אַרמיי. מען האָט אונטערגעשריבן אַ דעקלאַראַציע, מוזיק האָט געשפּילט און מען האָט געזונגען די התקוה. נאָך דעם איז מען אַוועק צום קבר פון דוד המלך. אין די רעשט טעג זיינען מיר יעדן טאָג אַרויסגעפאָרן מיט אַן אויטאָבוס זען דאָס לאַנד; די היסטאָרישע מערקווירדיקייטן אין ירושלים גופא. מיר האָבן באַזוכט דעם שטאָטראָט אין ירושלים וואו דער מעיאָר האָט אונדז באַגריסט, ער איז אַ הסתדרות־חבר. אויך זיינען מיר געווען אינעם הסתדרות־הויז, אַ נייע שיינע געביידע, וואו דער סעקרעטאַר האָט אונדז באַגריסט און מיר האָבן געענטפערט אויף דער באַגריסונג. מיר זיינען געווען אויף דר. הערצלס קבר, און אויך ביים קבר פון די געפאַלענע סאָלדאַטן אין דער באַפריי־אונגס־מלחמה; באַזוכט דעם אוניווערסיטעט, מוזעאום, שולן און דעם שפּיטאָל פון דער הדסה און „קופּת־חולים" און נאָך אַ סך אַנדערע אינטערעסאַנטע פּלעצער. אין ירושלים זיינען מיר געווען אַ וואָך צייט.

מיר האָבן אויך געהאַט אַן אָפיציעלע אויפנאַמע ביים פּרעזי־דענט אין זיין וואוינונג. דאָס הויז פון פּרעזידענט שטייט אין אַ שיינעם פּאַרק פון פאַרשיידענע ביימער, ס'איז אַ שיין, מאָדערן הויז און קוקט אויס ווי אַ מוזעאום. פּרעזידענט בן־צבי האָט געהאַלטן אַ רעדע פאַר אונדז, און אויך רחל, די „ערשטע ליידי" פון ישראל. מען האָט אונדז מכבד געווען מיט „אָרענדזש"־געטראַנק און גענומען בילדער. מיר האָבן אויך געהאַט אַ פאַר־זאַמלונג אין אַ טעאַטער מיט דוד בן־גוריון. ער האָט געהאַלטן אַ רעדע און באַגריסט אונדזער גרופּע טוריסטן. דאַן זיינען מיר אַוועקגעפאָרן קיין חיפה, זייער אַ שיינע אינדוסטריעלע שטאָט, וואו אבא חושי איז דער מעיאָר. מען האָט אונדז באַזעצט אין האָ־טעל מגידה, וואָס געפינט זיך אין אַ פּאַרק מיט געדיכטע ביימער אויפן כרמל. דער האָטעל פאַרמאָגט שיינע צימערן, אַ גרויסן עס־

צימער און אַ הויף פאַר אונטערנעמונגען. ער באַלאַנגט צו דער הסתדרות. מען שיקט אַהער אַרבעטער זיך אָפּצורוען אַ פּאָר וואָכן. דער מעיאָר פון שטאָט, אבא חושי, איז געקומען אונדז באַגריסן און האָט געהאַלטן זייער אַ שיינע רעדע. אין חיפה זיינען מיר געווען אַ וואָך צייט און מיר האָבן באַזוכט אַ סך פּלעצער. פון דאָרט זיינען מיר געפאָרן אין קיבוצים און מושבים, אין שטעט און שטעטלעך, מיר האָבן באַזוכט הסתדרות־פאַבריקן, אייזן־שטאָל־און גלאָז־פאַבריקן, דעם נייעם טעכניקום, אַן אויסערגעוויינלעך שיינע געביידע, וואו עטלעכע הונדערט סטודענטן לערנען טעכניק און אינזשינעריע. די שטאָט חיפה איז בכלל זייער אַ שיינע און ריינע און דער הר הכרמל איז וואונדערבאַר שיין. מיר קומען צוריק אין תל־אביב אויף אַ קורצער צייט און מיר פאָרן באַלד אַרויס אין נגב.

אין נגב האָבן מיר באַזוכט רחובות וואו עס געפינט זיך דער וויצמאַן־אינסטיטוט ווי אויך זיין קבר. פאַרנדיק וויטער פאַרביי די אויל־פעלדער האָבן מיר געזען ווי מען פּאָמפּעט די גאָלדענע פליסיקייט, די זעלבע מאַשינעריע ווי אין קאַליפאָרניע. די ישראל־פּראָדוקציע פון אויל דעקט שוין 10 פּראָצענט פון געברויך פון לאַנד. די ראַפינעריעס זיינען אין חיפה (געזען זיי אויך). אין באר־שבע זיינען מיר פאַרפאָרן אין דער שיינער, פּראַכטפולער געביידע פון „האַיאַס". דער מעיאָר, אַ הסתדרות־חבר, קומט אונדז באַגריסן. איך שטעל אים פאָר פאַר דער גרופּע און ער האַלט אַ באַגייסטערטע רעדע; מיר טרינקען טיי מיט קוכן און מיר פאָרן צו סדום און צום ים־המלך. מיר באַזוכן די פּאָטאַש־פאַבריק, וועלכע עקספּאָר־טירט מינעראַלן אויך אין אַנדערע לענדער. די בערג, דער ים און סדום זיינען וואונדערלעך שיין, מען באַזעצט שוין דאָרט אַ סך מענטשן. לעבן דער פּאָטאַש־פאַבריק איז אויפגעבויט געוואָרן אַ שטעטל וואו די אַרבעטער פון פאַבריק וואוינען, ווי אויך אַנ־דערע וואָס האָבן דאָרט געשעפטן אאַז"וו.

מיטוואָך, דעם 23טן אַפּריל, האָבן זיך אָנגעהויבן די פייערונ־גען פון יום העצמאות. די הסתדרות האָט איינגעאָרדנט אויף איר גרויסן און שיינעם הויף אַ פייערונג מיט רעדעס, געזאַנג, מוזיק און טענץ. חבר העמלין איז געווען דער פאָרזיצער. מיך האָט מען

איינגעלאַדן צו זיצן ביים פּרעזידיום. סאַסקין, טרעזשורער פון דער הסתדרות, האָט געהאַלטן אַן איינדרוקספולע רעדע. די מער־הייט ביי דער פייערונג, אַן עולם פון אַ פּאָר טויזנט מענטשן, זיינען געווען טוריסטן פון אַמעריקע. דאָס גערזאַנג און טענץ זיינען געווען זייער גוט. אויף דער נאַכט איז גאַנץ תל־אביב געוואָרן יום טובדיק. די גאַנצע שטאָט מענטשן האָט זיך געפונען אין די גאַסן, יונגע בחורים און מיידלעך האָבן געזונגען, געשפּילט און געטאַנצט אין די גאַסן; די אַלענבי און בן־יהודה און פיל אַנדערע גאַסן האָט מען ניט געקענט דורכגיין, עס איז געווען אַ ים מיט מענטשן. אַזוי איז געווען אַ גאַנצע נאַכט. אויף מאָרגן, דעם 24טן, זיינען מיר געפאָרן קיין ירושלים צום מיליטער־פּאַראַד, וואָס איז פאָרגעקו־מען אין זייער אַ גרויסן סטאַדיום. צענדליקער טויזנטער מענטשן זיינען געווען אין און אַרום דעם סטאַדיום ,אַלע יום־טובדיק אָנ־געטאָן, יונג און אַלט און קינדער זיינען געקומען זען דעם מיליטער־פּאַראַד, און עס איז ווירקלעך געווען וואָס צו זען! אַ שטאָלצע אַרמיי, וואָס האָט מאַרשירנדיק אַרויסגעוויזן אי אַ גרויסן כוח אי אַ סך שיינקייט, באַגלייט מיט מעכטיקע כלי־זין, האַרמאַטן און טאַנקען; די שענסטע פּאַנאַראַמע פון דעם מאַרש זיינען געווען די פרויען־אָפּטיילונגען, וואָס זיינען געווען פול מיט חן.

צו דער פייערונג זיינען געקומען די הויכע רעגירונגס־באַאַמטע מיט בן־גוריון בראש. פריער איז געפאָרן די פּאָליציי אויף מאָטאָ־ציקלען און דערנאָך די אויטאָס מיט דער רעגירונג און פון הינטן ווייטער פּאָליציי אויף מאָטאָציקלען. דערנאָך איז געקומען דער פּרעזידענט בן־צבי אין אַן אָפענעם אויטאָ באַגלייט פון ביידע זייטן מיט רייטערס אויף שיינע, ווייסע פערד. דער עולם האָט אויפגענומען דעם פּרעזידענט און די רעגירונג מיט שטורעמדיקע אָוואַציעס. דער פּאַראַד האָט אָנגעהאַלטן אַ פּאָר שעה, צו האָבן די זכיה דאָס אַלץ בייצוואוואוינען איז אַן אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג.

שבת, דעם 26טן ביינאַכט איז אין רמת־גן פאָרגעקומען נאָך אַ פייערונג אין דער אַנוועזנהייט פון פּרעזידענט און פּרעמיער. דאָס איז געווען אַ פאָרשטעלונג אויף אַ גרויסן סטאַדיום, וואו מער ווי 50 טויזנט מענטשן האָבן זיך צוגעקוקט ווי אונדזער אַרמיי האָט

געמאַכט פאַרשיידענע מיליטערישע איבונגען; און די חנעוודיקע אַרמיי פון פרויען האָבן אַזוי וואונדערלעך, מיט בלומען אין די הענט, געמאַכט זייערע איבונגען און מיט טענץ אילוסטרירט די 10 יאָר פון מדינת ישראל, און ווען זיי האָבן זיך צעזעצט אויף דער ערד איז דער גאַנצער פעלד געווען איינגעטונקען אין בלומען. דערנאָך האָט אַ טייל פון דער אַרמיי אויפגעשטעלט בריקן אין 2 מינוט, אַנדערע זעלנער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן איבער אַ שטריק פון אַ גרויסן באַרג אפשר מער ווי טויזנט פוס הויך און געלאָפן צו פאַרטרייבן דעם שונא. דער באָדן איז געווען באַדעקט מיט מינעס וואָס האָבן אויפגעריסן און די זעלנער זיינען געלאָפן אין פייער. דערנאָך איז געוואָרן שטיל און העליקאָפּטערס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און צוגענומען די „פאַרוואונדעטע" סאָלדאַטן. מיטן געזאַנג פון התקוה האָט זיך די דאָזיקע אומפאַרגעסלכע פּאַנאָראַמע פאַרענדיקט. אַלע האָבן באַוואונדערט די פעאיקייט און פלינקייט פון דער יידישער אַרמיי. אַלע האָבן אַ צייט גערעדט וועגן דעם אַז אויף אַזאַ איבערגעגעבענע אַרמיי קען מען זיך פאַרלאָזן.

נאָך אַ גרויסע געשעעניש וואָס איז געבליבן אין מיין זכרון איז די יזכור־פייערונג צו 15 יאָר וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. דאָס האָבן אַראַנזשירט די געטאָ־קעמפערס פון וואַרשע. די פייערונג איז פאַרגעקומען אויף אַ גרויס פעלד, וואו 10 טויזנט מענטשן פון גאַנצן לאַנד זיינען געקומען אָפּגעבן כבוד די קדושים. די מענטשן זיינען געזעסן אויף בענק אויפן רוקן פון אַ באַרג, אויפן פעלד אונטן אין טאָל איז געווען אַ גרויסע פּלאַטפאָרמע. אויף דער פּלאַטפאָרמע האָט זיך באַוויזן גאָלדע מאָיר, די אויסערן־מיניסטאָרין, און יצחק צוקערמאַן ווי אויך די פירער פון דעם קיבוץ פון די געטאָ־אויפשטענדלער. עס ווערט טונקל און אַ גרופּע קליינע קינדער אָנגעטאָן ווי סקויטן מיט טרומייטן אין די הענט האָבן אויסגע־שפּילט אַ הייגאַל אַז די צערעמאָניע הייבט זיך אָן. עס ווערט אָנ־געצונדן אַן עמוד־האש, און עס באַווייזט זיך אַ „מאַרש פון טויטע" וואָס קומען אַרויס פון גריבער, דערביי שפּילט די מוזיק אַ טרויע־ריקן ניגון. דער פאַרזיצער עפנט די פייערונג און שטעלט פאָר דעם כאָר פון דער הסתדרות וואָס זינגט פּאַסיקע לידער, דערנאָך הייבן

זיך אָן די רעדעס. גאָלדע מאָיר ווערט אויפגענומען מיט שטורעם און זי רעדט אין העברעאיש און יצחק צוקערמאַן רעדט איןביידע שפּראַכן, יידיש און העברעאיש. דער יידיש ווערט גוואַלדיק אַפּלאָדירט. נאָך די רעדעס הייבט זיך אָן דער ספּעקטאַקל: הונדערטער פּאַרטיזאַנער אין גרויסע גרופּן קומען אַרויס פון די וועלדער און פירן דורך דעמאָנסטראַציעס, וואָס אילוסטרירט זייער קאַמף מיטן שונא, דערביי זינגט דער כאָר; די פּאַרטיזאַנער פאַרשווינדן, אַ יונג מיידל קומט אַרויס און הייבט אָן זינגען דאָס ליד „אונדזער שטעטל ברענט"; זי זינגט אין יידיש באַגלייט מיט מוזיק, פּלוצלונג באַווייזן זיך ווידעראַמאָל די פּאַרטיזאַנער מיט פייער־פאַקלען אין די הענט און דער גאַנצער פעלד ווערט איינגעהילט אין ליכט פון פלאַמען. נאָענט פון דעם אָרט איז פאַראַן אַ בריק וואָס טערקיי האָט נאָך געבויט, איז זי אויך איינגעהילט אין פלאַמען. דאָס האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז אַלע האָבן געוויינט. מען הייבט אָן זינגען דעם פּאַרטיזאַנער־הימן, דער גרויסער עולם שטעלט זיך אויף און מיט דער התקוה ווערט די איינדרוקספולע פאַרשטעלונג פאַרענדיקט.

צום ערשטן מאַי האָט די הסתדרות אַראַנזשירט אַ פּאַראַד. אַלע געביידעס וואָס דער פּאַראַד איז פאַרבייגעגאַנגען זיינען געווען באַצירט מיט רויטע פענער און מיט דער ישראל־פאָן. איך געדענק די שטורמישע ערשטע־מאַי דעמאָנסטראַציעס אין רוסלאַנד, ווען דער צאַר האָט געקיניגט; דערנאָך די דעמאָנסטראַציעס אין ניו יאָרק, ווען מיר האָבן געהאַט אַ שטאַרקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט דעבס און הילקוויט אין דער שפּיץ, עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע פּאַראַדן וואו אונדזערע יידישע קלאָוקמאַכערס, שניי־ערס, מילינערי און אַלע אַנדערע אַרבעטער האָבן זיך באַטייליקט אין די טויזנטער און טויזנטער, אָבער אַזאַ פּאַראַד ווי די הסתדרות האָט אַדורכגעפירט איז געווען איבער מיין פאַרשטעלונגס־קראַפט. פינף שעה צייט האָב איך געהאַט דעם כבוד צו זיצן אויף אַ גרויסער פּלאַטפאָרמע וואָס איז ספּעציעל אויסגעבויט געוואָרן פאַר דעם פּאַראַד. עס האָבן מאַרשירט קליינע קינדער, עלטערע קינדער, יונגע מענטשן און אין מיטעלע יאָרן, יעדער מיט זיין יוניאָן, און



מיין פרוי פאָטאָגראַפירט אין יאָר 1951

יעדע גרופּע האָט אילוסטרירט איר אַרבעט. צו דעם פּאַראַד זײַנען געקומען די קיבוצים און מושבים מיט אַלץ וואָס זיי פּראָדוצירן. עס האָבן מאַרשירט ערד־אַרבעטער, פאַבריקס־אַרבעטער, הויז־אַרבעטער, דאָקטוירים, נוירסעס פון קופּת־חולים אאַז״וו. אויך פּאָליציי און די אַרמיי האָט מאַרשירט צוזאַמען מיט אַרבעטער, עס איז געווען אַן אייניקייט פון דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט.

דעם 2טן מאַי האָט די טוריסטן־גרופּע פאַרלאָזן ישראל. איך בין פאַרבליבן דער גאַסט פון דער הסתדרות. מיין פריינט העמלין האָט אויסגעאַרבעט פאַר מיר פערזענלעך אַ פּראָגראַם וואָס איך דאַרף נאָך זען אין ישראל. צום ערשטן האָב איך זיך באַגעגנט מיט פאַרשיידענע פאָרשטייער פון דער הסתדרות, די פירער פון פאַרשיידענע דעפּאַרטמענטס, וואָס האָבן זייערע אָפיסעס אין דער שיינער הסתדרות־געביידע. איך האָב געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט שעכטערן, דעם סעקרעטאַר פון אַ מין „פּאַראייניקטע געווערקשאַפטן״ אין תל־אביב, וועלכע האָט אַן אייגענע גרויסע און שיינע געביידע וואָס טראָגט דעם נאָמען בית־ברענער און וואו אַלע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון דער הסתדרות האָבן זייערע אָפיסעס. שעכטער האָט מיך באַקענט מיט אַ סך פאָרשטייער פון די יוניאָנס, ספּעציעל פון דער דאַמען־קליידונג־אינדוסטריע. איך האָב גערעדט ביי אַ זיצונג פון זייער עקזעקוטיווע. שעכטער האָט מיך אויך איינגעלאַדן צו זייערן אַ יום־טוב, אַ חנוכת־הבית פון אַן אַלטער געביידע וואָס איז איבערגעבויט געוואָרן אויף אַ נייער. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט אַלע טוער פון דער הסתדרות און מפא״י. איך האָב אויך פאַרבראַכט ביי אַ שעה צייט מיט פנחס לבון, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון הסתדרות, איך האָב אים געשטעלט פיל פראַגן, מיט וועלכע פריינד אין אַמעריקע זיינען פאַראינטערעסירט. איך האָב אים געפרעגט וועגן אַלטע אַרבעטער. זיין ענטפער איז געווען, אַז די הסתדרות נעמט אַריין אַלע אַרבעטער וואָס ווילן זיך אָנשליסן, עס איז אָבער שווער צו קריגן אַרבעט פאַר עלטערע אַרבעטער, ווייל די באַלעבאַטים פון די אונטערנעמונגען פאַרלאַנגען נאָר יונגע אַרבעטער. האָט טאַקע נאָמיר, דער אַרבעטס־מיניסטער פון ישראל, אַריינגעטראָגן צוויי פּראָיעקטן אין דער כנסת. איינעם, אַז די

אַרבעטס־ביוראָ פון די אונטערנעמער און פון דער הסתדרות זאָלן קאָנטראָלירט ווערן פון דער רעגירונג; און אַ צווייטער — אַז אַלע אַרבעטער אָן אויסנאַם פון רעליגיע, עלטער און געשלעכט זאָלן האָבן גלייכע רעכט אויף אַרבעט. דאָס האָט מיר פאַרענטפערט די פראַגע וועגן אַלטע אַרבעטער. ווייטער האָב איך אים געפרעגט וועגן די רעליגיעזע יידן, וואָס ווילן איינפירן אַ סנהדרין. אויף דעם האָט ער געענטפערט אַז מען קען זיך פאַרלאָזן אויף אונדזער רעגירונג, מען דאַרף האָבן צוטרוי צו בן־גוריונען.

ווייטער: וועגן שליסל־געלט צו קריגן אַ דירה. זיין ענטפער: דאָס טוען פריוואַטע הויז־אייגנטימער. עס איז איצט אַריינגע־טראָגן געוואָרן אַ פּראָיעקט אין דער כנסת מען זאָל דאָס געזעצלעך פאַרבאָטן. שיכונים, וועלכע ווערן איצט געבויט פון סולל־בונה, טוען דאָס ניט. וועגן איינאָרדענען די עולים וועלכע געפינען זיך נאָך אין די מעברות: דאָס, האָט לבון געזאָגט, איז אַן אַנגעווייטיק־טע פראַגע מיט וועלכער די הסתדרות פאַרנעמט זיך. זי האָט ניט גענוג מיטלען מיט אַמאָל דאָס פּראָבלעם צו לייזן. דאָס לאַנד איז קליין און דורך די 10 יאָר זיינען אַריינגעקומען געוואָרן אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט עמיגראַנטן. זיי אַלעמען צו באַ־זאָרגן אין אַן אומגעהויערע אַרבעט און מיר האָפן אין גיכן אָפּ־צושאַפן אין גאַנצן די מעברות. פראַגע: וואָס איז מיט די קאָאָפּע־ראַטיוון פון דער הסתדרות, וואָס דאַרפן מער אַרבעטער ווי זיי נעמען אַריין; ווי קריגן די אַרבעטער באַצאָלט? ענטפער. עס ווענדט זיך אין וועלכער אינדוסטריע. ערשטנס, איז אין יעדן פאַל דאָ אַן אַנדער לוין־סקאַלע און ווען דער אַרבעטער פאַרבלייבט אויף שטענדיק, ווערט ער דאָך אַ חבר אין קאָאָפּעראַטיוו און איז אַ שותף גלייך מיט אַלעמען. פראַגע: צי דערלויבט די הסתדרות היים־אַרבעט? ענטפער: דאָס איז אַ פּראָבלעם וואָס יעדעס פאַך, וואָס לײדט דערפון, פאַרנעמט זיך דערמיט. עס האָט זיך אַנט־וויקלט אַזאַ לאַגע, אַז גרויסע געשעפטן פון דאַמען־ און מענער־קליידער גיבן אַרויס אַרבעט צו כאַלופּניקעס, ד״ה וואו דער מאַן מיט דער פרוי אַרבעטן צוזאַמען אין דער היים און זיי באַלאַנגען צו דער הסתדרות, אָדער אַ פרוי אַליין, אַן אלמנה מיט קינדער,

נעמט אַרבעט אַהיים. דאָס איז אַ שווער פּראָבלעם און מיט דער צייט וועלן די באַזונדערע פאַכן דאַרפן געפינען אַן אויסוועג דאָס צו לייזן.

ווייטער האָב איך לבונען געפרעגט וועגן דעם ענין פון אַ העברעאישן קאָלום אין אַלע פּרעמדע צייטונגען, און צו וועט מען באַהאַנדלען די יידישע צייטונגען אויך ווי פּרעמדע? מיר אַליין גיבן דאָך אַרויס אַ יידישע צייטונג, האָט לבון געענטפערט, און מיר רעדן יידיש. עס גייען אַרויס אַ סך יידישע צייטונגען און שריפטן גאַנץ פריי. די גאַנצע מעשה פון דעם פּראָיעקט איז נישט מער ווי גערעדט. עס איז פאַר מיר געווען אַ גרויס פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט דעם מענטשן וועלכער ווערט רעספּעקטירט און געליבט פון אַלע אַרבעטער אין ישראל און וואָס ווייזט אַרויס גרויס מוט ביים פאַרטיידיקן זיין שטעלונג.

איך האָב אויך באַזוכט דעם דעפּאַרטמענט פון מיטגלידס־אַפּצאָל ווי אויך דעם פינאַנס־דעפּאַרטמענט פון דער הסתדרות. אין משך פון יאָר קומט אַריין 50 מיליאָן פונט פון אַפּצאָלן פון מיטגלידער. זיי צאָלן 4 פּראָצענט פון לוין. דאָס צאָלן הייבט זיך אָן פון לוינען פון 120 פונט אַ מאָנאַט, אַ דורכשניטלעכער אַרבעטער פאַרדינט 250 פונט אַ מאָנאַט. געניטערע אַרבעטער פאַרדינען מער. דער אַפּצאָל ווערט צעטיילט אין פאַרשיידענע פאָנדן: פאַר קופּת־חולים — 43 פּראָצענט; פאַר אינוואַלידן — 3½ פּראָצענט; אויף אַדמיניסטראַטיווע אויסגאַבן — 39 פּראָצענט; פּענסיע־פאָנד — 2½ פּראָצענט; אַלמנות־פאָנד — 1½ פּראָצענט; סאָציאַלע הילף — 6½; סטרייק־פאָנד — 2 פּראָצענט; אָפּרו־פאָנד — 2 פּראָצענט (פאַר דעם אָפּרו־פאָנד צאָלן אויך די אונטערנעמער). די מיטגלידערשאַפט פון דער הסתדרות באַטרעפט 630,000. פרויען פון מיטגלידער, אַפילו ווען זיי אַרבעטן ניט, באַלאַנגען אויך צו דער הסתדרות און צאָלן ניט קיין שום אַפּצאָל. אָנגעשטעלטע אייַנצומאָנען דעם מיטגלידס־אַפּצאָל אין גאַנצן לאַנד און קאָנטראָלערן איז פאַראַן 400. די אַדמיניסטרציע באַשטייט פון 400 באַאַמטע. אין דער הסתדרות זיינען אָרגאַניזירט מער ווי 500 קיבוצים און

מושבים מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון נאָענט צו 75 טויזנט. זיי האָבן אַ באַזונדער דעפּאַרטמענט אין דער הסתדרות. די הסתדרות האָט אויך אייגענע פאַבריקן: זייף־פאַבריקן אין חיפה; ציין־פּאַסטע און קאָסמעטיק־פאַבריקן; פאַבריקן פון גלאָז און גלאָז־אויסאַרבעטונגען, ווי עס אַרבעטן 600 אַרבעטער; פאַבריקן פון אייזן־און שטאָל־אויסאַרבעטונגען (וואו מען מאַכט טירן און פענצ־טער, קאַנאַליזאַציע־טיילן, לעפל און גאָפל אאַז״וו.); אַ פאַבריק צו פאַריכטן געווער, וואו עס אַרבעטן אַ פּאָר טויזנט אַרבעטער. די פאַבריק איז אַזוי גרויס אַז זי פאַרנעמט 20 בלאָקן. איך האָב אויך באַזוכט די פּאַטאַש־פאַבריק אין סדום (אין נגב) ווי אויך די קופּער־גרובן, דאָרט ווי עס זיינען געווען שלמה המלכס קופּער־גרובן. זיי גיבן איצט אַרויס 200 טאָן קופּער אַ טאָג. די גרובן זיינען ניט ווייט פון אילת, און אויך דאָרט בויט זיך אַ שטעטל פאַר די אַרבעטער.

איך האָב אויך באַזוכט די אינדוסטריעס וואָס אונדזערע יוניאָנס האָבן געבויט: די שול פון מאַקס פּיין איז גאָר ניט צו דערקענען, מיט 11 יאָר צוריק איז זי באַשטאַנען פון איין געביידע מיט 800 שילער, איצט זיינען דאָ 5 גרויסע געביידעס מיט פאַר־שיידענע אָפּטיילונגען. בעת מיין זיין דאָרט איז געפייערט געוואָרן די דערעפענונג פון אַן אָפּטיילונג פאַר עלעקטריציטעט ביים טעכ־ניקום, וואָס דער אַרבעטער־רינג אין לאָס אַנדזשעלעס האָט עטאַב־לירט. איך בין געווען איינגעלאַדן צו דעם דאַזיקן יום־טוב און איך האָב זיי דאָרט באַגריסט. די פאַכשול פון אינטערנעשאַנעל איז אויך ניט צו דערקענען, עס זיינען צוגעקומען נייע אָפּטיילונ־גען; זי איז איצט גרויס אין פאַרנעם און געפינט זיך אין אַ שיינעם אָרט. אונדזער לאָקאַל 35, אויף דער איניציאַטיווע פון זיין פאַר־שטאָרבענעם מענעדזשער, יוסף ברעסלאַו, האָט געגעבן אַ סך געלט פאַר דער שול. דער לאָקאַל 117 האָט געגעבן אַ מתנה אַ שיינע געביידע אין חולון, וואו עס געפינט זיך די אָרטיקע הסתדרות, 2 קאָאָפּעראַטיוון און אַ פאַכשול פאַר סטאָלעריי און דרוקעריי. די גרופּע פּיאָנערן־פרויען ביי לאָקאַל 35 האָבן בייגעשטייערט קליי־דער־פאַבריקן אין בית־שאן, אין חיפה און אין תל־אביב, וואו עס

אַרבעטן מערסטנס פרויען. איך האָב באַזוכט די גאַנצע גאַסן היזער וואָס זיינען געבויט געוואָרן פון לאָקאַל 35. די נייע שטאָט אילת איז פשוט צו באַוואונדערן, עס איז שוין דאָרט פאַראַן מער ווי טויזנט איינוואוינער. דער פיליפּ מאָרי־צענטער איז אַ וואונדער־לעך־שיינע געביידע וואָס שטייט אויפן ברעג פון ים־סוף אָדער רויטער ים. איך בין דאָרט געפאָרן אויף אַ מאָטאָר־שיפל מיט אַ גלעזערנעם דעק, דורך וועלכן מען זעט וואונדערלעכע שטיינער און פלאַנצונגען פון פאַרשיידענע קאָלירן. פאַראַן אין אילת האָטעלן פאַר געסט וואָס קומען אַריין מיט די שיפן פון אַפריקע. מען קען דערוואַרטן אַ גרויסע צוקונפט פאַר דער שטאָט. די ספּאָרט־גע־ביידע אין תל־אביב, אויף שלעזינגערס נאָמען, וואָס איז געבויט געוואָרן דורכן לאָקאַל 117, איז זייער פּראַכטפול. זי פאַרמאָגט איינריכטונגען פאַר פאַרשיידענע ספּאָרטן, ווי פוסבאָל, האַנט־באָל, באָקסן, טענץ, גימנאַסטישע איבונגען, לייכט־אַטלעטיק, שווימען אאַז״וו. דאָס הויז שטייט לעבן טייך ירדן און זיי האָבן ספּאָרט־שיפלעך. איך האָב דאָרט פאַרבראַכט אַן אַנגענעמען אָוונט און געזען די צענדליקער בחורים און מיידלעך זיך פאַרנעמען מיט פאַרשיידענע ספּאָרטן. דער נייער קאָלאָסעאום, וואו עס שפּילט דער סימפאָנישער אָרקעסטער, איז געבויט געוואָרן פון אַן אַמעריקאַנער. די געביידע איז אַזוי מאָדערן געבויט און איז אַזוי גרויס און שיין, אַז נאָך אין קיין לאַנד האָב איך אַזאַ בנין ניט געזען. און דאָס איז די מיינונג פון אַ סך טוריסטן.

איך האָב אויך באַזוכט אַנדערע אינסטיטוציעס: דעם אוני־ווערסיטעט אין ירושלים, די דר. סיידעל־קליניק אין יפה, וואָס באַדינט 90 טויזנט פּערזאָן אַ יאָר, יידן און אַראַבער. איך האָב באַזוכט די צייטונג „דבר״, וואָס האָט פאַר זיך אַליין אַ גרויסע געביידע מיט די מאָדערנסטע דרוקעריי־מאַשינעריע און וואו עס אַרבעטן אַ 200 מענטשן. די „פאַרבאַנד״־געביידע, דער בית־העמלין און דאָס ליעסין־הויז זיינען וואונדערלעך שיין און עס איז אַ פאַרגעניגן צו זען, ווי חבר העמלין מיט זיין שטאָב באַאַמטע נעמען אויף אַלע טוריסטן, וואָס קומען פון אַמעריקע און פון אַנדערע לענדער. דאָס ליעסין־הויז האָט אַ גרויסע ביבליאָטעק און אַ זאַל

פאַר פאַרווײלונגען. דער אַלט־יונגער פּיאָנער זרובבל איז דער פאַרוואַלטער פון ליעסין־הויז.

מיין צווייטער באַזוך אין ישראל האָט מיר פאַרשאַפט זייער אַ סך פאַרגעניגן. אומעטום וואו איך בין געקומען, אין תל־אביב, אין ירושלים, אין חיפה, טבריה, חולון, רחובות, אין נגב און אין גליל, אין קיבוצים און אין מושבים — אומעטום האָב איך גע־טראָפן אַן אַנדער לעבן ווי מיט 11 יאָר צוריק, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל באַזוכט ארץ ישראל. דאָס לאַנד איז אויסגע־וואַקסן אין רייכטום, אין איינאָרדענונגען, עס איז שענער און בעסער צום לעבן און מען זעט פאַר די אויגן ווי עס וואַקסט און אַנטוויקלט זיך. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו קומען אין היימען צו טרעפן די מענטשן און צו זען אַז דאָס לעבן האָט זיך פאַר־בעסערט, און ספּעציעל איז געווען אָנגענעם נאָך אַמאָל צו שמועסן און פאַרברענגען מיט די פיינע, איידעלע אינטעליגענטע מענטשן, אידעאַליסטן וואָס בויען מיט אַזאַ איבערגעבנקייט דאָס יידישע לאַנד. מיין האָפענונג איז אַז איך וועל נאָך האָבן אַ מעגלעכקייט ווידער־אַמאָל צו באַזוכן דאָס דאָזיקע וואונדערבאַרע לאַנד.

און דאָס איז די געשיכטע פון מיין לעבן און פון מיינע 60 יאָר קאַמף אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.